STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09471

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

Emanuel Fershleiser

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. פערשלייסער

*

געקליבענע דערציילונגען

ע. פערשלייסער

געקליבענע דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1962

EMANUEL VERSCHLEISER
GEKLIBENE DERTZEILUNGEN
(SELECTED STORIES)

Pseudonym — E. HARTNEK

Publishing House I. L. Peretz
Tel Aviv, 31 Allenby Str.

ע. פערשלייסער / געקליבענע דערציילונגען
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

Bessie Verschleiser, 3138 Hull Avenue, New York

נ ד פ ס ב י ש ר א ל

Printed in Israel, 1962

דפוס א. בן־חור, תל־אביב, רח׳ החלוצים 19, טל. 83748

ע. פערשלייסער

*

געקליבענע דערציילונגען



א. פערשלייסער

עטלעכע דאַנקווערטער

ע. פערשלייסער האָט געהאַלטן אין צוגרייטן זיין בוך דערציילונגען צום דרוק און ער איז פּלוצלינג, אין מיטן דער אַרבעט, געשטאָרבן. האָבן עטלעכע פון זיינע פריינד און קאָלעגן זיך אָפּגערופן מיט דער גרייטקייט אַרויסצוהעלפן פאַרטיק מאַכן דאָס ווערק. דער דיכטער מענדל נייגרעשל האָט אָפּגעגעבן זייער אַ סך צייט און מי פאַר צוגרייטן דעם כתב־יד צום דרוק.

איך קאָן מ. נייגרעשלען נישט גענוג באַדאַנקען פאַר זיין מסירת־נפש, געדולדיקייט און איבערגעגעבנקייט, מיט וועלכע ער האָט דורכגעפירט די אַרבעט.

בעסי פערשלייסער

אַליין

ביי מאירן איז אַצינד די געבעלקעוועטע, פּאַררויכערטע שענק־שטוב, מיט די צעקריצטע דעמבענע טישן און בענק, דעם גאַנצן טאָג געווען איבער־געפּולט מיט פּויערים. מען איז געקומען הערן נייעס, זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו יעדן רעדנער און געפירט לאַנגע וויכוחים: יאָ מלחמה צי נישט מלחמה: געענדי האָט מען נישט געוווּסט ווי ס'האָט געהאַלטן. אייניקע האָבן געזאָגט אַז די קאָזאַקן זענען שוין אַריבער די גרענעץ און מען שלאָגט זיך שוין. אַנדערע האָבן געהערט אַז ס'וועט נאָך אפשר גאָרנישט נישט זיין, ווייל דער אַלטער קייזער אַליין מיט זיך ביים צאַר, ער זאָל אים נישט אָנטאָן אַזאַ בושה און עגמת־נפש אויף זיינע אַלטע יאָרן און ברענגען צו בלוט־פאַרגיסונג...

דערווייל האָבן די דאָרפישע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אַזאַ לעבן ווי זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס, געזען מיט זייערע איי־גענע אויגן זאַכן, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געגלייבט, כאָטש מען האָט געהערט פון זיי... ממש ווונדער!

אָט איז מיט עטלעכע טעג צוריק דורכגעפאָרן דורכן דאָרף מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט אַ מאַשין, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטיקנדיקן רויך... און נעכטן האָט דאָס דאָרף געזען צום ערשטן מאָל אַ פלימאַשין. גאָר ווי אַן אמתער פויגל. דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרויסגעלאָפן, דערהערנדיק דאָס מאָדנע זשומען און דריב־דזשען אין דער לופטן...

נישט יעדן האָט זיך געוואָלט גלייבן אַז אַ מענטש זיצט אין דעם פויגל. ווער דען טרייבט עס? ווער ווייסט וואָס פאַר אַ כישוף... אַזאַ מענטש איז נאָך אויף דער וועלט נישטאָ, וואָס וואָלט זיך אַריינגע־זעצט אין דעם, האָט איין פויער געזאָגט. אַן אַנדערער פויער האָט געפרעגט: — וואָס וואָלט געווען ווען דער פויגל ווערט עפּעס קאַליע און קאָן נישט אַראָפּ אויף דער ערד, נאָר פליט און פליט? אַ שיינע מעשה...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן שוין די פעלדער און די וועגן געשווירבלט מיט זעלנער, ווי מיט ווערעם נאָך אַ רעגן; זעלנער מכל־המינים: אַזוינע, וואָס מען האָט אפילו אויף די גרויסע מאַנעווערס נישט געזען. טאַקע אַפּנים מלחמה!

פויערטעס האָבן געוויינט, געטראַכט פון זייערע זין, וואָס זענען אַוועק מיט דער מאָביליזאַציע. ביי מאירן אין שענק איז געווען קאָפּ־אויף־קאָפּ. טיף אין די נעכט האָט מען געהרימעט אין די פענצטער און טירן און געשריגן: שנאַפּס, שנאַפּס! מאיר איז געפאָרן אין שטעטל אין די פאַרטאָגן, געבראַכט פולע קאַנען... וויפל ער האָט געבראַכט, איז נישט געווען גענוג. מען איז נישט אָפּגעטראָטן פון שענק. עס האָבן געבליאַסקעט די פאַרביקע מונדירן און העלמען, ס'האָבן געקלימפּערט די לאַנגע זעבלען... די פרעמדע אונגאַרישע שפּראַך האָט שוין אַליין געקאָנט אַנוואַרפן אַ שרעק...

בראַנדל, מאירס ווייב, האָט אַלעמאָל געטריבן אירע יונגע מיידלעך:

— גייט צו רחלען אין קאַמער און פאַריגלט די טיר. רחל איז געווען די עלטסטע, פון מאירס ערשטע ווייב, שרה, אַ קליין געוואַקסן מיידל מיט נישט דרייסטע אויגן.

איין פאַרנאַכט איז רחל אַוועק צו די לאַנקעס אויף יענער זייט „ריקע" ברענגען די קו אהיים פון פּאַשע. ס'איז שוין געווען טונקל און ס'האָט אויף איר אַ בלאָז געטאָן אַ שרעק פון די אַלטע, פינצטערע סאָסנע־ביימער. ווען זי האָט שוין געפירט די קו ביים שטריק, איז אַרויס אַ זעלנער פון וואַלד און אָנגעהויבן פּאַכען מיט די הענט און שרייען צו איר. רחל האָט אָפּגעלאָזן די קו און אַנטלאָפן. אויפן וועג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין, דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק און מער נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט איר.

מען האָט זי שפּעטער געפונען אַ קרעכצנדיקע, מיט אַ צעבראָ־כענעם פוס. אויף דער עצה פון די שכנים האָט זיך מאיר געלאָזט גיין צום פּריצישן הויף, וווּ די קאָמאַנדע איז געשטאַנען, ברענגען דעם מיליטערישן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר, אַ דאַרער, הויכער יונג, מיט אַ זילבערנעם קראַגן און הויכע גלאַנציקע שטיוול, האָט נישט גע־וואָלט אָפּלאָזן די קאַרטן, מיט וועלכע ער און חברה אָפּיצירן האָבן

זיך מתעסק געווען אין דער גרויסער סאַליע פון פּריצישן הויף. מאיר האָט לאַנג געווײנט און געבעטן זיך ביז ער האָט געפּועלט ביים דאָק־טאָר, ער זאָל מיט אים מיטגיין.

דער דאָקטאָר האָט צוזאַמענגעלייגט דעם צעבראָכענעם ביין, אַריינגעלייגט דעם פוס צווישן צוויי ברעטלעך און געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען מען זאָל די קראַנקע אָפּפירן אין שטאָט אין אַ שפּיטאָל. ער האָט גערעדט אין זיין צעבראָכענעם דייטש, מיט אַ שטרענגער מינע, צו די אַרומשטייענדיקע מענטשן:

— רויק. נישט ווײנען. שפּיטאַל. געזונט ווערן.

ער האָט געקוקט מיט רחמנות אין זיינע שוואַרצע, גליענדיקע אויגן אויף רחלען, וועמענס פיבעריש, ליידנדיק פּנים האָט באַקומען עפּעס אַ נייע, אַ ווייבערישע שיינקייט, און זי געטרייסט:

— בראַוועס מיידל. שפּיטאַל. אַרומגיין. אַדיע.

גיי דינג אַ פור אין אַזאַ צייט און שיק זי אין שפּיטאָל... מען זאָל זי נאָך פאַרסמען... אַלע שכנים האָבן געוואָרנט מאירן, ער זאָל נישט וואַגן אין אַזאַ צייט שיקן דאָס קינד אין שפּיטאָל, אויב ער וויל זי נישט אַוועקהרגענען... רחל איז געווען אין פיבער. זי האָט אָפט גערעדט פון היץ און גערופן: מאַמע.

די אַלטע, האַלב־בלינדע אַנטאָשקע, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ שטיקל דאָקטאָרקע אין דאָרף, האָט זיך איצט איבערגעפּעקלט מיט אירע עטלעכע זאַכן צו מאירן אין שטוב און נישט אָפּגעטראָטן פון רחלען. ווען פרעמדע מענטשן זענען געווען אין שטוב, האָט זי מיט איר אייביק־פאַרווײנט קול געזיפצט: „אַי, בידנאַ שיראָטאַ" (אָרעמע יתומה).

*

עס האָבן זיך צעפלאַקערט די ערשטע גרויסע שלאַכטן אין גאַ־ליציע. דורכן דאָרף זענען אַ סך מאָל געגאַנגען עסטרייכישע רעגי־מענטן מיט בלומען אין די היטלען: לוסטיקע, זינגענדיקע, ווי ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גליקן ס'וואָלטן אויף זיי געוואַרט... דאָרפסלייט זע־נען געלאָפן, ווי אויף בייז ווונדער, קוקן אויף די באַסניאַקעס, מיט רויטע, קיילעכדיקע היטלעך, ווי שיסעלעך, מיט ליימיק־ברוינע פּנימער, אויף וועלכע מען האָט געזאָגט אַז זיי זענען טערקן און האָבן צו עטלעכע ווייבער...

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און די זינגענדיקע זעלנער האָבן זיך ווידער באַוויזן אין דאָרף, אין צעריסענע, פאַרבלוטיקטע מונדירן... ס'האָבן זיך געשלעפּט לאַנגע רייען וועגענער מיט פאַרוווּנדעטע. ווי בעטלער האָבן זיך זעלנער געשלאָנדערט פון שטוב צו שטוב, געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ טרונק מילך.

די פּויערים האָט נישט געאַרט וואָס די עסטרייכישע האָבן געהאַט די מפּלה, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר יענע טייוולאָנים, וואָס ברענען, ראַבעווען און הענגען... ס'קומט אויס נאָר צו אַנטלויפן... נו, און דאָס אָנגעקליבענע ביסל גוטס, וואָס מען האָט געהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבן דערויף? ס'וועט אויסקומען ערגעץ אויסגיין פון הונגער און מגפות... וויפיל האָט מען זיך אָנגעהערט פון אַלטע צייטן?...

דורך די גליאַיקע זומער־טעג האָט מען פיבעריש געאַרבעט, אָראָפּצונעמען די תבואה — כאָטש דער שוואַרצער יאָר ווייסט פאַר וועמען... די נעכט — אַזאַ געבענטשטע דאָרפישע שטילקייט, אַז עס איז שווער געווען צו גלייבן אין קומענדיקן אומגליק. אין איינער אַזאַ זומערדיק־שמעקעדיקער נאַכט, ווען אַ גרויסע, רויטע לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט פון וואַלד, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל דערהערט אַ טעמפּ, בייז ברומען פון האַרמאַטן, זיך צעטראָגן איבערן דאָרף און איבער די אַרומיקע פעלדער...

ווי צעשראָקענע חיות, וואָס דער האָרן פון יעגער האָט אַרויס־געטריבן פון זייערע נאָרעס, זענען צעשויבערטע האַלב־נאַקעטע פּויע־רים אַרויס פון די נידעריקע שטרוי־באַדעקטע כאַטעס, צוזאַמענגעשאַרט זיך אין גראָמאַדעס, געקוקט צעטומלטע צום וואַלד, צוגעלייגט די אויערן צו דער ערד... שוין נישט ווייט אַפּנים. אַלטע זעלנער האָבן געפּרוּווט טרעפן פון וואַנען דאָס שיסן קומט. אויפן באַפעל פון די טאַטעס, האָבן זיך יונגען געלאָזט אויף די לאָנקעס ברענגען די פערד. מען האָט זיך גענומען פּאַקן. ווער ווייסט, אפשר שוין מאָרגן...

ביי מאירן אין שענק האָבן זיך די שויבן אין די פענצטער צעציטערט. דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז אויפגעשטאַנען. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. מען איז געלאָפן צו די פענצטער, געפּרוּווט עפּעס זען אין דער פינצטערניש...

— קינדער, לאָמיר נעמען פּאַקן. מערצישעם מאָרגן דאַרף מען

אַוועק, כל־זמן די באַן גייט נאָך, — האָט בראַנדל געזאָגט.

מאיר, וואָס איז פון אייביק אַן געווען אַ פאַרהאַוועטער, אויסגעהאַרעוועטער ייד, מיט וועלכן ס'ערשטע וויב האָט קאָמאַנדעוועט און איצט דאָס צווייטע, איז אַרומגעלאָפן איבער די שטיבער, זיך אָפּגעשטעלט ביי די פענצטער, געפּרוווט עפּעס פאַרטראַכטן און ווידער אַרומגעלאָפן. אָבער פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן אינמיטן שטוב מיט אַ צעעפנט מויל.

ער האָט בגנבה אַ קוק געטאָן צום בעט, ווו רחל איז געלעגן, מיט אַ פינגער גענומען ווינקען צו בראַנדלען, זי זאָל אַריינקומען אין דער צווייטער שטוב.

— שאַ, שאַ, יוי אַזוי וועט מען מיטנעמען רחלען? אין דער באַן וועט זיך טאָן סכנות־נפשות... ווו וועט מען איצט קריגן אַ פור? — בראַנדל, וואָס וועט מען טאָן? וואָס וועט מען טאָן, בראַנדל? — מאירס צאַפּלעניש האָט בראַנדלען צום סוף דערצאָרנט:

— וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? בלייב דאָ מיט איר.

— שאַ, שאַ, בראַנדל — האָט זיך מאיר געבעטן, — נישט אַזוי הויך...

בראַנדל, אַ ווייבל אַ דאַרס, אַן אויסגעדייוועטס, מיט אַ צעשעטקעוועט פּנים, בייזע שטעכיקע אויגן (פול מיט שלעכטס, האָט מען אויף איר געזאָגט אין דאָרף), האָט איצט אויסגעזען ווי אַ יאָזש וואָס קוילערט זיך צונויף, אַלע שטעכלקעס אָנגעשפּיצט. זי האָט געשיפּעט: — איך קען דיך, מאיר... מיינע קינדער זענען ביי דיר גאָרנישט... איך קען דיך, מאיר...

— איך בעט דיך, בראַנדל, גאָט איז מיט דיר... ס'איז דען נישט מיינע קינדער?

מיט שאַריען איז מאיר אַוועק אין דאָרף זוכן אַ פור. אַן עבירה געווען די מי. ער איז אַרומגעלאָפן פון איין עק דאָרף צום אַנדערן און גאָרנישט געפועלט. גויים האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים, געשפּיגן. אַ פאַרגאַסענער מיט שווייס, מיט פאַרווירטע אויגן, איז ער אַוועק צו סראָלן, דעם מילנער, פרעגן אַן עצה. סראָל, אַ נידעריקער, קרעפּטיקער ייד, מיט אַן אַשיק־גרויער באָרד, איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט. די ליידיקע שטוב, מיט די איבערגעקערטע

בעטן, האָט מאירן אַ קיל געטאָן ביים האַרצן. סראָל האָט נישט גע־וואָלט אויסרעדן און מאיר האָט געמוזט וואַרטן ביז יענער האָט אויס־געשפיגן נאָך „עלינו״. דערנאָך האָט סראָל אים דערציילט אַז ער האָט נאָך לעצטע וואָך אַוועקגעשיקט דאָס ווייב און קינדער. ער האָט מאירן אויסגעהערט שווייגנדיק און געענטפערט, אויסשטרעקנדיק אַ פינגער ברוגז, אַ ביסל שפּעטיש, מיט אַ קול וואָס האָט אַרויסגעזעצט אין שטראָמען:

— וואָס בין איך אַ רבי? דו, מאיר, ביסט תמיד געווען אַ גאַנצער חכם, וואָס קומסטו צו מיר פרעגן עצות? איך בלייב דאָ! ווו וועל איך לויפן? גיין אין די הייזער?...

אַהיימגעקומען, איז מאיר אַוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל לעבן שאַפּקעלע מיט פלעשער. זיינע אויגן האָבן עפּעס אַרומגעזוכט איבער דער גרויסער מרה־שחורהדיקער שטוב. ער איז געזעסן און געזעסן...

צו זען מאירן, דעם תמיד האַוועדיקן, זיצן אַזוי אינמיטן טאָג מיט פאַרלייגטע הענט, האָט אפילו בראַנדלען אָפּגעשראָקן... זי האָט זיך געוויזן, אַ קוק געטאָן און גאָרנישט נישט געזאָגט... זי האָט מיט אירע יונגע מיידלעך געשלעפּט קלומיקעס, פּעק, און אַלע מאָל אויפ־געהויבן אַ געוואַלד. מאיר זאָל הערן: — נו, שוין גוט, האַ? זי האָט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן, אַריין צו מאירן, מיט אַ געשריי: — נו וואָס וועט זיין דער סוף, זאָלן מיר אַלע אויסשטרעקן די העלדזער?

— פאַר! ווער האַלט דיך? — האָט מאיר געענטפערט.

בראַנדל האָט געשריגן: —

— וואַרט, מאיר, וועסט חרטה האָבן, מאיר...

די מיידלעך האָבן אויפגעהויבן אַ יללה. מאיר האָט זיך גע־שטעלט דאַווענען מיט אַ גרויס געשריי און קלאָגעכץ... אתה גבור לעולם אדני, אוי ווי טאַטע... האָט ער געשריגן. ער האָט מיט די פויסטן געקלאַפּט אין וואַנט, געקאַרטשעט זיך און געבויגן דעם קאָפּ נידעריק, ווי אַ ביימל באַפאַלן פון שטורעם.

*

רחל האָט זיך אויפגעוועקט פון אַ חלום. זי איז געגאַנגען דורך אַ לאַנקע. דאָס גראָז איז געווען אַזוי געדיכט און הויך, ווי אַ וואַנט. ס'האָט זיך געוויקלט אַרום די פיס און די הענט. זי האָט זיך

געוואָלט זעצן, נאָר זי האָט מורא געהאַט. אַ סאָלאָוויי האָט זיך צע־זונגען אין די קשאַקעס אַזוי זיס, נאָגנדיק, אַז ס׳האָט געריסן ביים האַרץ. פּלוצעם איז דורכן טיפן גראָז געקומען צו רייטן אַ זעלנער. זי האָט זיך געוווּנדערט וואָס זי האָט גאָרנישט נישט קיין מורא געהאַט. זי האָט צו אים געזאָגט ווי צו אַן אַלטן פריינד: — הער נאָר, ווי דער סאָלאָוויי זינגט אַז דאָס האַרץ צעגייט. — דער זעלנער האָט צו איר געזאָגט: — קום, זעץ זיך רייטן לעבן מיר. — דערויף האָט זי געענטפערט: ניין, דו גיי אַראָפּ, איך וויל אַליין רייטן. — דער זעלנער האָט זיך דערפון זייער צעלאַכט. ער איז אַראָפּ פון פערד און איר געהאָלפן זיך אַרויפזעצן. דער זאָטל איז געווען וואַרעם און ס׳האָט זי דורכגענומען אַ ברענענדיקע וואַרעמקייט. זי האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ און זיך געדריקט מיטן גאַנצן בויך צו די זייטן פון פערד, כדי נישט אַראָפּצופאַלן. ס׳איז אַלץ מער הייס געוואָרן. דאָס בלוט האָט איר געזעצט אין פּנים. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס פערד ספּלאָ־שעט, און אַוועק ווי אַ ווילדער. זי האָט עס אָנגעכאַפּט ביי דער גריווע, אָנגעהויבן שרייען. דער זעלנער איז איר נאָכגעלאָפן און איר נאָכ־געשריגן: — האָב נישט קיין מורא! האָב נישט קיין מורא! ס׳וועט דיר גאָרנישט נישט געשען. — באַלד האָט זיך דאָס פערד אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין און זי איז אַראָפּגעפאַלן, אַ שרעקלעכן ווייטיק דערפילט...

ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט, איז דער פאָטער אירער גע־שטאַנען לעבן איר און געפרעגט: — ווי פילסטו זיך, רחלע? — זי האָט זיך דערמאָנט: מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען די מאַמע האָט נאָך גע־לעבט, האָט שפּעט ביינאַכט פאַרן שלאָפן גיין אַ שיכור אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר, געוואָלט בראָנפן... די מאַמע האָט שוין נישט גע־קאָנט מער אויסהאַלטן און זיך צעשריגן, אַז מ׳זאָל אים אַרויסטראָגן אַ פלעשל בראָנפן און פון אים פּטור ווערן... אָבער דער טאַטע האָט געשלעפּט די שטיוול און געזאָגט קריאת־שמע אויפן קול, גלייך ווי גאָר־נישט. זי האָט דעמאָלט דערפילט אַזאַ גרויס ליבשאַפט און דרך־ארץ צום טאַטן... געווען זיכער, אַז ער וועט זי באַשיצן פון אַלעם שלעכטן... די מורא איז אַוועק. זי האָט געזאָגט צו דער מאַמען: — גיי שלאָפן, מאַמע, וואָס אַרט דיך? — איצט האָט זי מורא... ער איז נישט דער זעלביקער טאַטע, זינט ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט... זי האָט אים

פאַרסמט מיט איר שלעכטסקייט... וואָס־זשע וועט געשען מיט איר?... וואָלט מען זי אין פעלד איבערגעלאָזן אויסגיין...

*

בראַנדל האָט נאָך לאַנגע איינטענה׳כצן געפועלט ביי מאירן, ער זאָל זי און די צוויי מיידלעך פאָרן באַזעצן אין שטאָט און דערנאָך צוריקקומען צו רחלען... וועט די סכנה אַריבער, וועלן זיי אַלע צו־ריקקומען... אויב נישט, וועט ער זען רחלען אַרויפפּאַקן אויף אַ גוייִ־שער פור, ס׳וועלן זיך אודאי אַ סך פורן לאָזן אין וועג... זי האָט געהאַט אירע חשבונות...

פאַרן אַוועקפאָרן האָט מען רחלען אויפגעוועקט און איר אַלץ געגעבן צו פאַרשטיין. די שטיף־מוטער און די מיידלעך האָבן זיך מיט איר געזעגנט מיט קושן און געוויינען, ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ קראַנקן פאַר כל־נדרי... בראַנדל, אַ געניטע קלאָגערין, האָט זיך צעלאָזט אויף אַ קול: — אוי און וויי איז אונדז... וואָס מען האָט זיך דערלעבט?... פאַרוואָס שטראָפסטו אונדז אַזוי, פאָטער אין הימל?... מאיר האָט געווישט די טרערן, וואָס זענען אים געלאָפן איבערן פנים און אַריינגערעדט רחלען אין פנים אַריין:

— איך וועל נאָר צופירן די מאַמע און די קינדער... זיי פאַר־זאָרגן, וועל איך צוריקקומען... כ׳האָב איבערגעלאָזט געלט... אַנטאָשקע וועט מיט דיר זיין... זאָלסט גאָרנישט מורא האָבן, הערסט... זאָלסט גאָרנישט טראַכטן... איך וועל מערצישעם נאָך אפשר מאָרגן זיין צו־ריק... הערסט, רחל... הערסט רחל...

רחל האָט געהאַפט: אפשר וועט זי זיך אויפוועקן און ס׳וועט זיך אַרויסווייזן: אַ בייזער חלום. ס׳איז איר פינצטער געווען פאַר די אויגן, זי האָט געחלשט.

*

ווען רחל איז געקומען צו זיך, איז זי געווען ווי איינער, וואָס האָט געכאַפּט אַ שטאַרקן קלאַפּ, פון וועלכן די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים צעמישט. קאָן דאָס זיין אַז מען האָט זי דאָ אַזוי איבערגעלאָזן אַ קראַנקע, איינע אַליין, אין אַזאַ צייט?... ווען זי קאָן אפילו אַליין נישט אַראָפּ פון בעט... זי זעט דאָס פאַרוויינטע פנים פון פאָטער, די קושן און געוויינען שטייען נאָך פאַר די אויגן... האָט מען זי דאָ

איבערגעלאָזן איינע אַליין אין הויז? (אָבער רבונו של עולם, ס׳איז דאָך נישט צו גלויבן, ס׳איז נישט מעגלעך...).

דאָס באַוווּסטזיין פון דעם געשעענעם פאַרגיסט זי ווי אַן אָנ־געשוואָלענער טייך, וואָס האָט איבערגעריסן אַ דאַמבע. אַ ציטער באַפאַלט אַלע גלידער, אַן אַנגסטיקער שווייס שלאָגט אַרויס אויף איר לייב...

דער טאָג ציט זיך לאַנג, ווי אַ יאָר, מיט אַ פאַרהאַקטער, אומ־גליק־אָנזאָגנדיקער שטילקייט. די אויסגעליידיקטע שאַפעס און בעטן אין צעפראַלטן הויז, די שמאַטעס און פאַפירן אויפן דיל, וואַרפן אָן אַן אימה. אין האַרצן האָט זיך איינגענורעט אַ קראַט און גראָבט, און גראָבט. דער פּיין ווערט אַלץ שטאַרקער. ס׳איז שוין שווער צו דער־ליידן. דעם ביסל פיבערדיקן שלאָף רויבן קאָשמאַרדיקע חלומות...

ס׳קומט דער צווייטער טאָג. רחל ווייסט איצט גאַנץ באַשטימט אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט, מען האָט זי אומישנע איבערגעלאָזן איינע אַליין. זי קאָן עס נישט באַגרייפן. און דער טאַטע, דער טאַטע?... זי טראַכט, טראַכט טראַכטענישן וואָס פאַרסמען דאָס בלוט, וואָס צע־רייסן דאָס האַרץ. דער טויט וואָלט געווען בעסער פון די געדאַנקען... איר פּנים פאַרציט זיך מיט געלקייט פון אַ מת...

די בלינדע אַנטאָשקע האָט זיך אַרומגעשלאָנדערט אין די שטי־בער, ווי זי וואָלט אָפּגעשאָצט איר נייע באַלעבאַטישקייט... פון פאַר־שמאַלצעוועטן הייבל זענען געפאַלן אויף איר איינגעשרומפּן האַלב־טויטן פּנים ברודיקע קאַלטענעס ווייסע האָר, ווי קליאַטשע. מיט אַ ווייַנענדיק בעטנדיק קול פון אַ בעטלערקע האָט זי זיך נאָכגעפרעגט ביי רחלען:

— טאָכטער, ס׳איז דאָ וואַרעם ווינטער?... כ׳קאָן נישט פאַר־טראָגן די מינדסטע קעלט. מיינע פיס...

די רוסן זענען אַרייַנגעקומען אין דאָרף דעם צווייטן טאָג. אַרייַנגעקומען אַן אַ שאַס, און זיך צעגאָסן איבער אַלע וועגן און פעלדער, ווי אַ היישעריק. זיי זענען געגאַנגען דורך אַן אויסגעשטאָרבן דאָרף. קיין לעבעדיק באַשעפעניש האָט זיך נישט געוויזן. אַז ס׳האָט זיך אַרייַנגעריסן צו רחלען אין קאָמער אַ ווילד־אומבאַקאַנט געזאַנג, באַגלייט מיט פייפן, דאָס באַרימטע זינגען און פייפן פון די רוסישע

חילות, האָט די בלינדע אַנטאָשקע, אַ דערשראָקענע אויף טויט, זיך צוגעשאַרט צו דער קראַנקער רחל, ווי זי וואָלט געזוכט שוץ ביי איר, און געפּרעפּלט תּפילות...

די טויטע שטילקייט פון די עטלעכע טעג איז געווען פּאַריבער. די מורא און טראַכטעניש — פּאַריבער. דאָס אומגליק איז געקומען און זי איז איינע אַליין...

די שטוב האָט זיך אָנגעפילט מיט קולות — אַזוי ווי ווענט וואָלטן זיך צעפאַלן: אַ הודזשען פון אומצייליקע וועגענער, געזאַנגען, פּייפעריי, שיסעריי. שפּעטער האָט אַ רויטער אָפּשיין פון אַ פייער אַריינגעדרונגען אין שטוב. רחל איז געלעגן ווי אין אַ היגער־פּלעט, אָן כוח אין די גלידער, אַ ציטערנדיקע, אין דערוואַרטונג פון טויט...

ערגעץ אין אַ שפּעטער ביינאַכטיקער שעה איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ צעוואָקסענער קאָזאַק אין אַ הויכער פּאַפּאַכע, מיט אַ בלאָנדן זשמוט האָר איבער דעם רעכטן אויג. ער איז אַריין אין שטוב און געבליבן שטיין אַן אויסגעשטרעקטער, אַ וואַכער, ווי אַ הונט אין אַ פרעמדן וואַלד, וואָס ציט דעם ווינט מיט דער נאָז. די בלינדע אַנטאָשקע האָט זיך צוגעשאַרט צו זיינע הענט און זיי אַרומגעכאַפּט:

— טאַטעלע, זינדעלע, אַ קראַנקע, אַ פאַרלאָזענע, לאָז צורו.

דער זעלנער האָט זיך צוערשט דערשראָקן, דערנאָך מיט אַ מאַך פון דער האַנט זי אָפּגעשטופּט און אַריין אין דער צווייטער שטוב. דערזען רחלען, איז אַ פייערל אים איבערגעלאָפן איבערן פּנים. ער האָט זיך אין איר איינגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן. צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און אַ ריס געטאָן דעם צודעק פון בעט. דערזעענדיק דעם פאַרבאַנדאַזשירטן פוס, איז ער געבליבן שטיין אַ ברוגזער, אַ באַליידיקטער, ווי מען וואָלט אים דאָ עפּעס אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל האָט ער אַ שפּיי געטאָן, אַרויסגעלאָזט אַ קללה און פאַרשאַרנדיק דעם לאָק האָר אונטערן אויער, האָט ער זיך צעשריגן: „יעווריעס פאַרשאַלטענע". און נאָך און נאָך...

נאָך עטלעכע זעלנער זענען אַריינגעפאַלן אין מאירס שענקשטוב, געשלעפּט דעם צודעק פון רחלס בעט, געקלאַפּט זי איבערן צעבראָכענעם פוס, צו זען צי ס'איז נישט קיין אָנשטעל...

טעג און נעכט האָבן געשטראָמט דורכן דאָרף ענדלאָזע מחנות רוסישע פּיעכאָטע, אין די גרויע, לאַנגע שינעלן, מיט זייערע פּיר־עקיקע באַגנעטן, ווי שפּיזן... געשפּאַנען פּערד האָבן געשלעפּט קאַנאָנען, מיט אויסגעשטרעקטע לאַנגע העלדזער, ווי פּאַרצייטיקע מאָנסטערס, די מיילער איצט פּאַרדעקט, אָבער גרייט צו שפּייען מיט פייער און פּאַרוויסטונג... און נאָך זיי אומענדלעכע רייען אַמוניציע־וועגעלעך... ווילדע שוואַרצע רייטערס, מיט שווערע האָריקע פּעלערינעס, זענען געריטן שטאָלץ אויסגעשטרעקט אויף זייערע פּערד... ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ, איז געוועזן ווי אַ שוואַרצער וואָלקן וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד...

ווער האָט זיך געקאָנט אַנטקעגנשטעלן? די עסטרייכער זענען אַפּנים אַלץ ווייטער אַוועקגעלאָפן, די רוסן נאָך זיי. ווען דער ווינט איז געקומען פון מערב האָט מען געקאָנט הערן דעם אָפּהילך פון די ווייטע שלאַכטן. אַ טיף ברומען פון די האַרמאַטן האָט זיך געטראָגן איבער די פעלדער ווי דאָס וואָיען פון הונגעריקע, אומעטיקע חיות.

אין דאָרף איז מען אַרויס פון די באַהעלטענישן. די רוסישע זעלנער האָבן זיך אויפגעפירט זייער פריינדלעך, גערעדט צו די פּויע־רים אַ שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען ווי זייער אייגענע — פּאָרט קריסטן, כאָטש פון אַן אַנדערן גלויבן...

דאָס דאָרפישע לעבן האָט זיך צוריק אומגעקערט צום אַלטן שטייגער — רויק שטיל. עטלעכע זעלנער זענען אינגאַנצן געבליבן אין דאָרף. איבער די נידעריקע שטרוי־באַדעקטע פּויערישע כאַטעס זענען געלעגן זומערדיקע, צעגליטע הימלען. דער דאָרפישער וועג וואָס איז געווען פּאַרשיט מיט אַ געדיכטן שטויב, איז געלעגן אַן אומעטיקער ווי עס וואָלט זיך אים געבענקט נאָך מענטשן...

אַמאָל זענען דורכגעריטן אָפּטיילונגען טשערקעסן, אין זייערע לאַנגע האָריקע פּעלערינעס. פּויערים האָבן מיט פּחד אַראָפּגעכאַפּט די היטלען: ווילדע מענטשן!

די עטלעכע אימהדיקע טעג זענען איבער רחלען אַריבער ווי אַ שווערער וואָגן. זי איז איצט געלעגן גאַנצע טעג מיטן פּנים צו דער וואַנט. אַנטאָשקען, וואָס האָט זי געוואָלט אויפמונטערן מיט רייד, האָט זי געענטפערט מיט האַלבע ווערטער און זי אַנגעקוקט

ווי זי וואָלט זיך געפּרווט דערמאָנען ווו זי איז. אין די אָוונטן, ווען דאָס וואָיענדיקע ברומען פון די האַרמאָטן האָט אָנגעפילט די שטוב, האָט די גויע, וואָס איז געשלאָפן אין דער צווייטער שטוב, זיך אויפ־געוועקט פון רחלס יאָמערלעך געוויין. ביי דער אַלטער גויע האָבן די אויגן אָנגעהויבן נעצן, און די צעקאָרטשעטע ליפּן מורמלען תפילות.

*

דער זומער איז אויסגעגאַנגען ווי אַן אויוון וואָס קילט זיך אויס. ס'האָט אַ בלאָז געטאָן מיט אָסיען־ווינטן — אַן אָנזאָג פון סלאָטעס, מראַקעס און גאָס־רעגנס. די פעלדער און לאָנקעס און וועלדער האָבן פאַרלוירן זייער פאַרביק באַדעקעכץ, ס'האָט זיך באַוויזן אויף די נאַקעטע פעלדער דער נייער שניט פון היי־יאָר: קופּקעלעך קליינע נידעריקע צלמים — אַן איבערבלייבעכץ פון די שלאַכטן. די לופט האָט געקלונגען מיט געשרייען פון קראָען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין גאַנצע וואָלקנס.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז צוריקגעקומען זאַלקע דער מיל־כיקער, דעם דאַרף אַזוי גוט באַקאַנטער „זאַלקע". שקאָצימלעך זענען אים נאָכגעלאָפן מיט געשרייען: „זאַלקע האָט זיך צוריקגעקערט". ער איז געוועזן זייער באַליבט ביי יעדן: אַ שטילער, באַשיידענער מענטש. דאָס גוטע פּנים פאַרצערט און אומעטיק, אין די קלאָרע כמעט קינ־דערשע אויגן אַ גוטמוטיק פייערל פון איינעם וואָס נעמט אַן אַלץ באהבה. ער איז געוועזן אין דער זעלביקער, נאָר נאָך מער פאַרלאָטעטער, שימל־גרינער בורקע, אונטערגעגאַרטלט, די הויזן אַריינגעשטעקט אין פאַרבלאָטיקטע שטיוול.

ער האָט דאָס ווייב און קינדער איבערגעלאָזן אין לעמבערג, געקומען צוערשט זען, צי ס'איז דאָ וווּהין אַהיימצוקומען. אין זיין אָרעם הייזל האָט ער געפונען אַ יונגן ערשט חתונה־געהאַטן שגץ און זיין יונג ווייבל. קוים מיט מי האָט ער געפועלט ביי זיי אַז זיי זאָלן אים צוריקגעבן אַ העלפט פון דעם הייזל. איז ער אַוועק זוכן זיין צערויבט ביסל גוטס צווישן די גויים. די פאַרשעמטע גויעס האָבן געטענהט, אַז די רוסן האָבן זיי אַוועקגעשענקט די יידישע זאַכן און צוגעזאָגט אַלץ אָפּצוברענגען ביז אין שטוב אַריין.

אַז די גויים האָבן זאָלקען דערציילט וועגן רחלען, איז ער

באַלד אָוועקגעלאָפן צו איר. אויף רחלס דערשטוינט נאָכפרעגעכץ האָט ער אַ לאַך געטאָן:

— נו, זעסט דאָך... ווי־זשע זאָל איך דיר אָנהויבן... גאָט צו דאַנקען, מען האָלט שוין אַזוי ווייט...

כאַפּנדיק, ווי זיין שטייגער, האָט ער דערציילט, ווי אַלע פּליכט־לינגען האָט מען פאַרשלעפּט קיין אונגאַרן, קיין בעימען, אָבער ער איז נישט געווען קיין נאַר, אַראָפּגעכאַפּט זיך אין לעמבערג... גע־וואָלט בלייבן נאָענט צו דער היים... אַזאַ שטאָט, עפּעס אַ קליינִיקייט... נו, און, גאָט צו דאַנקען, עס איז אַריבער בשלום... ווען די רוסן זענען אַריין קיין לעמבערג, האָט ער באַלד זיך אָנגעהויבן סטאַרען, ער זאָל קאָנען צוריק אַהיימקומען...

— פרעג שוין נישט ווי מען האָט זיך געמוטשעט... געשלאָפן אין הקדש, געגעסן אין קהלשער קיך... אַז ס'איז אַרומגעשווומען אַ שטיקל קאַרטאָפליע אין דער זופּ איז שוין געווען גוט... זאָל שוין בעסער גאָט העלפן איידער מענטשן...

ער גייט שוין צוריקברענגען דאָס ווייב און קינדער... די רוסן וועלן אויך ברעכן דעם קאָפּ. ס'וועט דאָך אַמאָל נעמען אַן עק. וואָס זאָגסטו, נישט?

רחל האָט געקוקט אויף זאַלקען מיט צעשיינטע אויגן, פּלוצעם איז אָבער איר שמייכל פאַרפרוירן געוואָרן, דאָס פּנים האָט ביי איר אָנגעהויבן צוקן... זאַלקע איז געשטאַנען אַ פאַרצערטער, און געוועדט גיך:

— ווייסטו וואָס, חיה וועט אַהיימקומען, וועלן מיר דיך נעמען אַהיים צו זיך... מ'וועט שוין נישט פאַרפאַלן ווערן...

*

נייע צייטן פאַר רחלען. אַז זאַלקע האָט געקאָנט קומען אַהיים, וועט שוין דער פאָטער אויך באַלד קומען. אָט, אָט, ס'וועט שוין נישט נעמען לאַנג...

זי חלומט מיט אָפענע אויגן: אָט זיצן זיי אַלע אויף אַ פור: דער טאַטע, די שטיף־מוטער, די מיידלעך. פאַר דעם שוואַרץ־געל באַמאַלענעם דראָנג פון דער ראָגאַטקע, פאַרהאַלט זיי אַ רוסישער זעלנער — שטייט! וווהין פאָרט איר, יידן? דער פאָטער בעט זיך: מיר

וווינען דאָ אין דאָרף, מיר זענען אַנטלאָפן אין אָנהייב מלחמה, איבער־געלאָזן אַ טאָכטער איינע אַליין. ס'איז אמת? פרעגט דער זעלנער. אמת ווי גאָלד, קום און זע אַליין... אָט קומען זיי אַלע אַריין אין שטוב, לויפן צו איר צו און רינגלען זי אַרום. די שטיף־מוטער, מיט איר „רחלע, זיס קינד"... זי ענטפערט נישט און קוקט נישט אויף איר. זי וועט קיינמאָל מיט איר נישט רעדן...

אַסך מאָל פאַלט רחל אַריין אין דעליריום. בילדער לויפן פאַר אירע אויגן אַזוינע משונהדיקע, ווילדע, בייטן זיך מיט דער גיכ־קייט פון דעם קינאָמאַטאָגראַף.

ווען זי כאַפּט זיך אויף, קוקט זי זיך אַרום אַ דערשראָקענע, אַ פאַרבליפטע.

דאָס פנים איז ביי איר קלענער געוואָרן — געל און גרוי. די ליפן בלוי און צעשפּאָלטן. די איינגעפאַלענע אויגן לייכטן מיט אַ פאָספאָרישן גלאַנץ. דאָס מויל איז פאַרהויכט מיט אומעט.

חיה, זאַלקע דעם מילכיקערס ווייב, האָט געבראַכט אַ זעקל עסנ־וואַרג און זיך געסודעט מיט דער בלינדער אַנטאָשקען אין דער צווייטער שטוב. זי איז געזעסן ביי רחלס בעט און געקלאָגט מיט איר פּעט אָבלדיק קול:

— ...זיי קאָנען זיך קוים פאַמיעשטשען אין דעם שטיבל וואָס דער שגץ האָט זיי אָפּגעטראָטן. בוניע מוז גיין שלאָפן צו אַ גוי. אַ שגץ... פוילן זאָל אים איין אבר נאָכן אַנדערן... דער טאַטע דיינער מוז זיין ערגעץ אין וועג — האָט זי אַלע מאָל אַ זאָג געטאָן.

*

די טעג זענען געוואָרן קורצע, חושכדיקע, מיט פלוצעמדיקע נאַכטיקע טונקלקייטן. די לאַנגע פינצטערע נאַכט פול מיט ווילדע געשרייען און סאָפּען פון שטורעמווינט. אַנטאָשקע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קעלט און זיך אויסגעבעטלט אַ וואַרעמען פּיעקעליק אין אַ גויישער שטוב. רחל איז געבליבן אינגאַנצן אַליין אין פוסטן הויז. בייטאָג האָבן די פון רעגן פאַרלאָפענע פענצטער דורכגעלאָזט ווייניק ליכט און די פריע פינצטערניש איז געווען ווי די פינצטערניש פון קבר. די שענק, וואָס איז תמיד געווען אַזוי פול מיט מענטשלעכע קולות, ווו מען האָט נישט געקאָנט שלאָפן דורך די נעכט, צוליב

געשרייען און קלאַפּן אין טירן, איז איצט טויט ווי אויף אַ צווינטער. אַ קאַץ זאָל כאָטש פאַרביילויפן. אפילו די מייז זענען אַוועק... נאָר שדים האָבן געסטראַשעט אין די פוסטע שטיבער. זי איז לעבעדיקער־הייט באַגראָבן אין אַ קבר. נאָר דער ווינט דאַביוועט זיך צו די פענצ־טער און טירן ווי אַ גנב. די שרעק נעמט אַרום רחלס האַלדז ווי אַ פּעטליע.

בייטאָג באַווייזט זיך אַנטאָשקע אָדער אַן אַנדערע גויע, ברענגט אַ ביסל וואַרעם געקעכץ, מאַכט אַ פייער. ס׳מונטערט אויף דאָס ביסל וואַרעמס. רחל הערט זיך צו צו די נייעס וואָס מען דערציילט אין דאָרף: סראַלן דעם מילנער האָבן די קאַזאַקן צעשלאָגן מיט נאַגייקעס, איבערגעלאָזט אַ האַלב־טויטן. דער קרומער כאַזערניק איז גאָר גע־וואָרן אַ גאַנצער סוחר, לייגט אַן פעסער מיט געלט. מאַרינע דעם קאָוואַלס האָט שוין אַ בויך. די רוסישע זענען שוין נישט ווייט פון ווין און וועלן נעמען דעם אַלטן קייזער פראַנץ יאָזעף געפאַנגען און דעמאָלט וועט זיך די מלחמה ענדיקן. און נאָך, און נאָך.

מיט דער צייט האָט זיך רחל צוגעוווינט צו דער איינזאַמקייט. זי האָט זיך געשראָקן, ווען אַ מענטש איז אַריינגעקומען. אַזוי ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַר מענטשן. בעסער קיינער זאָל זי נישט זען. זי וויל זיין אַליין מיט אירע טראַכטענישן. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל האָט זי זיך געניסטערט אין איר לעבן, געוואָלט געפינען דעם חטא, די באַרעכטיקונג. אפשר האָט זי געזינדיקט... עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז דאָס זאָל איר קומען פאַר גאָרנישט... פאַרוואָס איז זי דאָס אומגליק באַפאַלן? רק זי? איז זי אַזוי שולדיק? אָדער זענען זיי שלעכט, די מענטשן? קאָן אַ וועלט זיין אַזוי גרויזאַם און שלעכט? רחל קאָן עס נישט באַגרייפן. זי האָט גערופן אַ וועלט צום דין און זי געפונען שולדיק — זי האָט זיך אָפּגעקערט פון איר.

רחל האָט אַ סך געטראַכט פון דער מלחמה, געטראַכט פאַרוואָס דערלאָזט עס גאָט. זי האָט זיך אַמאָל נאָכגעפרעגט ביי אַ גוי וואָס איז זי געקומען באַזוכן: וויפל מענטשן קאָן דערשיסן איין שאָס פון אַ קאַנאָן? אפשר עטלעכע הונדערט... און ווו באַגראָבט מען זיי, ס׳איז דאָך שוין אויף די צווינטערס אוודאי קיין פּלאַץ נישטאָ? מען לאָזט זיי אויף די פעלדער, זיי זאָלן אויסגיין, מען רייט איבער זיי מיט

פערד. קראָען און וועלף האָבן צו עסן צו דער זאַט, האָט געזאָגט דער פויער.

פאַרוואָס־זשע קלאָגט זי אויף איר גורל? ליידן דאָך אַנדערע מער פון איר...

אַ סך נעכט ווערט זי זיך מיט אַלע כוחות קעגן שגעון וואָס וויל זי אַריינכאַפּן אין זיינע נעגל ווי אַ שפּאַרבער אַ דערשראָקן הינדל. אַ גרויס געלעכטער וויל זיך אַרויסרייסן פון איר. זי ווייסט, אַז זי וועט זיך שוין נישט קאָנען אָפּשטעלן, אַז ס׳וועט זי אָנצינדן אין גאַנצן און נאָך דעם ס׳גאַנצע דאָרף מיט געלעכטער...

אַמאָל אַנטלויפט רחל פון זיך און געפינט שוץ ביי דער ווינטער־דיקער וועלט. דער קרעכצנדיקער ווינט, די שוואַרצע נאַכט, דאָס זשווזשען פון רעגן, די לבנה וואָס לויפט אַרום הויך צווישן ווייסע שלייערס — זיי קוקן אויף איר מיטליידיק, זיי רינגלען זי אַרום ווי ברידער און שוועסטער און שעפּטשען: האָב נישט קיין מורא, מיר זענען מיט דיר.

(אַ מאָל דערהערט רחל אין די צעצויגענע געשרייען פון ווינט די מוזיק פון אַ חתונה. מוזיקאַנטן שפּילן פייערדיקע שטיקלעך. מיידלעך און בחורים טאַנצן און זינגען. די מוזיק ווערט ווילד, רחל איז איינע פון די טענצער. זי שוועבט אַרום מיט זיי אַ באַרוישטע, אַ גליקלעכע).

און ווידער איז רחל זייער קלאָר און אַזוי רויק אַז זי האָט ווידער עפּעס מורא. אונטער דער קלאָרקייט טאַיעט זיך עפּעס. זי האָט מורא פאַר דער קלאָרקייט.

ווידער בויערן די געדאַנקען: האָט דער טאַטע זי איבערגע־לאָזט מיט אַ כוונה, צי האָט די שטיף־מוטער אים פאַרשלעפּט? און זי טראַכט: אַז דער טאַטע האָט תמיד געשלעפּט קאָנען בראָנפן, איז תמיד אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, תמיד געווען אין איין געלויף. איז ער דערפאַר געוואָרן שלעכט... אָבער די שטיף־מוטער?... פאַרוואָס איז זי שלעכט? האָט זי כאָטש איינמאָל אַ טראַכט געטאָן וואָס וועט געשען מיט איר אין אַזאַ צייט איינע אַליין?

דאָס ערגסטע איז דאָס אויפוועקן זיך. ס׳פאַלט ביי איר אַלע מאָל אויף ס׳ביי איין דאָס האַרץ, ווען זי דערזעט די פּוסטע שטיבער־

מיט שרעק באַטראַכט זי ווי ביינערדיק זי איז געוואָרן. די הענט — ווי שטעקעלעך, און דער שמוץ? זי זאָל זיך כאָטש קאָנען גוט אַרומוואַשן....

רחל ליידט נישט איין מאָל פון הונגער. (וויפל איז דער שיעור? ווייניק אייגענע צרות האָט אַ יעדער?) דאָס אַרט זי נישט. גוט אַזוי, זאָל זי אויסגיין פון הונגער.

זי האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו רעדן הויך צו זיך. זי זאָגט: אַנטאָשקע, דערלאַנג מיר קאַווע, כאָטש זי ווייסט, אַז אַנטאָשקע איז נישטאָ אין שטוב... זי חזרט איבער אויפן קול אַ מאָדנע קלינגענדיק וואָרט אָן שום באַדייטונג, חזרט עס איבער אַ סך מאָל ווי מען שפּילט זיך מיט אַ זעלטן שטיינדל. אַ מאָל באַפאַלט זי אַ פּחד און מאַטערט זי. דער פּחד פאַרן טויט...

*

איין נאָכמיטאָג, ווען רחל ציטערנדיק פון קעלט, כאָטש זי איז געווען צוגעדעקט מיט אַ באַרג אַלטע שמאַטעס, האָט געקוקט דורכן פענצטער אויף די געדיכטע פלאָקנס שניי, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן שטח צווישן הימל און ערד אַז הימל און ערד האָבן זיך אויס־געמישט און געוואָרן איינס, איז אַריין אין שטוב אַ רוסישער זעלנער, אין גאַנצן ווייס פון שניי. רחל איז אַ דערשראָקענע צוגעפאַלן צו די קישנס. האָט ער אַ לאַך טועדיק געוויזן ווייסע ציין אין זיין אָפּגעבערנט פּנים, וואָס האָט אויסגעזען יינגלדיק, שעמעוודיק.

— האָט נישט קיין מורא, איך בין אַ ייד. איך הייס חיים. אַ שניי אַ ביסל ווי אין ראַסיי...

דער זעלנער האָט געטרייסלט דעם שניי פון די שטיוול און פון מאַנטל.

— ס'איז קאַלט. נישט געהייצט. — צעמישט פון רחלס שטאַרע פאַרצערטע אויגן, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט געזאָגט אַ נאַר־רישקייט. ער האָט ווילינגעריש אַ לאַך געטאָן: — איך וועל באַלד ברענגען האָלץ, מאַכן אַ פייער, אַז ס'וועט קנאַקן. כ'האָב געבראַכט אַ פּאָר זאַכן צום עסן.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב און געריבן די הענט.

— יאָ, ער האָט געהערט פון איר אין דאָרף. אַי, אַ שוואַרץ

יאָר, אַ מלחמה האָט זיך זיי פאַרגלוסט די גנבים. דער פוס היילט זיך? ער וועט בעטן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל אים לאָזן גיין אין שטאָט ברענגען אַ דאָקטאָר, אַ קוק טאָן. פאַסקודניאַקעס... אַ באַנדע גנבים... לאָזן אַזוי אַ מענטשן אַליין. נישט געזאָרגט. ער וועט שוין זען עפּעס טאָן. ער האָט אַ שוועסטער אין אירע יאָרן. אַי, אַ באַנדע גנבים... און די עלטערן ווו זענען, אַנטלאָפן? נו, נישט געזאָרגט. ער וועט שוין עפּעס טאָן. די מלחמה, זאָגט מען, וועט זיך באַשטימט ענדיקן פאַר פסח. קייזער פראַנץ יאָזעף בעט שוין שלום.

ער איז געקומען יעדן טאָג, געבראַכט עסנוואַרג און האָלץ. אַנטאָשקע האָט זיך ווידער באַזעצט אין שטוב. ער איז געזעסן שעהן־לאַנג לעבן איר און גערעדט און גערעדט...

רחל האָט אויסגעזען אין אַהויב גלייכגילטיק און בייז, גע־קוקט ערגעץ אַריבער אים, ווי זי וואָלט אים נישט געזען. זי איז געווען ווי אַ פאַרפרוירענע, וועמען עס דאַרף נעמען אַ שטיקל צייט, דאָס לעבן זאָל זיך אומקערן אין די גלידער. שפּעטער איז זי געוואָרן לעבעדיקער, דערפילט די וואַרעמקייט, די מענטשלעכע נאָענטקייט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט און אַליין געזוכט. זי האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן וואָס ער האָט גערעדט, אומגעדולדיק געוואַרט אויף זיין קומען. פון אירע אויפגעוואַכטע, טרויעריקע אויגן האָט אַ גרויסע וואַרעמקייט אים אַ זעץ געטאָן אין האַרץ.

ער איז געקומען יעדן טאָג, געבראַכט עסן. רחל האָט געשוויגן, זיך איינגעהערט צום זעלנערס רייד אַ פאַרגאַפטע. ער איז געווען פול מיט רייד, דער זעלנער חיים... ער האָט גערעדט ווי איינער וואָס מוז זאָגן אַלץ, האָט מורא טאָמער וועט ער עפּעס נישט דערזאָגן...

אין דער היים האָט ער געלעבט אַ פריציש לעבן. זיי האָבן אַ סך פעלד און בהמות. די מאַמע האָט אים אָפּגעהיט די טריט. די מלחמה האָט אים אַזוי פּלוצעם אַריינגעכאַפּט, פאַרוואָרפן אַ שטריק, ווי אַ קאַלב אין מיטן גרינער פּאַשע...

זינט מען האָט אים גענומען צו די זעלנער, איז ער ווי אין אַ טשאַד. ער האָט געענדיקט אַ האַנדלס־שול. זיך ערשט אַרומגע־קוקט וואָס צו טאָן. און דאַ, נאַ דיר אַ מלחמה. אויס מענטש, צוריק חיה, ווילדע חיה. הרגה אָדער ווער דערהרגעט. שוין אַזוי לאַנג נישט

אַנגעזען קיין געלעגער... אין די וועלדער, אין די בלאָטעס... נאָך אַ לאַנגער צייט זענען זיי אַריין אין אַ דאָרף. ער איז אַריין אין אַ שטוב, וווּ ס'האָט געברענט אַ גוט פייער. ער האָט באַצאָלט, מען זאָל אים לאָזן שלאָפן אין בעט. ווען ער האָט זיך אויסגעטאָן, אָפּגעוואַשן פון זיך די בלאָטע און דערזען זיין אייגן ווייס לייב, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד. וויפל מאָל האָט ער געזען די קערפּערס פון די, וואָס זענען פאַרבליבן אין פעלד צעריסענע, אויפגעבלאָזענע, נישט צום דערקענען!

ער איז אַרומגעלאָפן אַן אויפגערעגטער איבער דער שטוב. בעסער נישט טראַכטן דערפון... אַי, אַ באַנדע גנבים... זיי זיצן אין דער וואַרעמקייט, ווייט פונעם פראָנט, פרעסן און זויפן דאָס בעסטע און קאָמאַנדעווען... צוליב וואָס, צוליב וועמען? אַצינד לעבט ער ווי אַ מענטש, שלאָפט אין אַ בעט, עסט צו דער זעט. און ווער ווייסט, אפשר נאָך היינט וועט קומען דער באַפעל צום פראָנט. אַ גרויל... בעסער נישט טראַכטן דערפון... אַ באַנדע גנבים. די מאַמע מוז זיך דאָרט אויסוויינען די אויגן... ער טראַכט אַ סך מאָל פון דער שוועסטער, זי איז אין דעם זעלביקן עלטער וואָס רחל...

ווען רחל איז געבליבן אַליין, האָט זי אויף ס'ניי איבערגעלעבט אַלץ וואָס ער האָט איר דערציילט. זי האָט געזען דאָס בייטן זיך פון זיין פנים, דאָס אויפשיינען פון זיינע ברוינע ייִנגלשע אויגן, די געזונטע ווייסע ציין, וואָס ער האָט אַלע מאָל געוויזן, ווי ער וואָלט געוווסט פון דעם חן, וואָס זיי האָבן אים געגעבן...

רחל האָט געטראַכט, אפשר האָט זיך גאָט דערבאַרעמט, אפשר וועט איר נאָך גוט זיין. אפשר האָט זי שוין גענוג געליטן. די נאַכטפינצטערניש איז שוין נישט געווען דער טונקעלער תהום. די נאַכט האָט זיך צעבליט, אונטערגעטראָגן אַזוינע ווילדע געדאַנקען פון מיידלשן בלוט — פון טויט איז אויפגעשטאַנען ניי לעבן: חיים — אַ קינד — אַ קינד, זייערס אַ קינד...

און מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט.

דער רוסישער זעלנער איז אַריינגעפאַלן איין פרימאָרגן אין שטוב, מיט אַן אויסגעשריי:

— רחל, מיר גייען שוין ווידער צום פראָנט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן רחלען און אָנגעהויבן וויינען. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געוואָרפן ווי אין קראַמף. רחל האָט אים געטרייסט.

*

די ליכטיקע פּויזע איז געווען פאַריבער. רחל איז ווידער אַליין.

מאירס שענק איז איצט פאַרקאָוועט אין אייז און שניי, די פענצטער — באַדעקט מיט גראָבע בלעכן... רחל האָט מער נישט קיין כּוח זיך צו האַלטן.

דאָס לעבן לעשט זיך. זי צאַנקט... גאָרנישט איז געבליבן, נאָר חלומות...

זיי ציען זיך ווי אַן אומענדלעכע קייט, זי דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן...

חיים. חיים. אַלע חלומות דרייען זיך אַרום דעם זעלבער חיים.

...די מלחמה האָט זיך געענדיקט. חיים קומט צוריק. ער שטייט ווידער פאַר איר מיט זיין ברוין פּנים און ווייזט זיינע ווייסע ציין, וואָס גיבן אים אַזאַ ייִנגלדיקן אויסזען... זי פאָרט מיט אים אין אוקראַינע צו זיינע עלטערן... רחל געזעגנט זיך מיט אירע עלטערן... זי גיט צו זויגן דעם קינד און חיים שטייט און קוקט זיך צו... חלומות, חלומות דאָס לעבן לעשט זיך.

ווען דאָס דאַרף האָט דערשמעקט די ערשטע פרילינגדיקע ווינטלעך, האָט רחל אָנגעהויבן צו שפּייען מיט בלוט. זי איז איינגעפאַלן מיט יעדער מינוט. איצט איז אַראָפּגעקומען פון שטעטל אַ דאָקטאָר, געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ און פאַרשריבן אַ מעדיצין.

די שטוב איז איצט תמיד געווען פול מיט מענטשן. אַלע מאָל האָט עמעץ אַנדערש עפּעס דערלאַנגט. גויעס האָבן געקוקט רחלען אין די אויגן, געזען אַז ס׳זיצט דאָרט דער טויט און געווישט די טרערן.

*

דעם טאָג, ווען זאַלקע דער מילכיקער, האָט געפירט רחלען צום שטאַטישן בית־עולם, איז אויסגעפאַלן אַ פרישער שניי, מיט אַ שיינענדיקן צודעק פאַרהילט די ערד. די עטלעכע, נישט פאַרדעקטעביימלעך האָבן אַרויסגעשטעקט שוואַרץ־נעבעכדיק, ווי פאַרשעמט, וואָס זיי זענען געבליבן אַליין.

זאַלקע האָט געלאָזט גיין דאָס פערדל מיט דער ווייסער טרומנע אויפן שליטן און איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן, געסמאָטשקעט מיטן מויל און געשריגן אויפן אויסגעהאָרעוועטן פערדל, וואָס האָט אויסגעפּרייכט גאַנצע שטראָמען פּאַרע פון די נאָזלעכער.

זאַלקע האָט זיך געפילט שולדיק. ער האָט זיך געעקט. דער צער האָט אַרויסגעצויגן די קלאָרע בלויקייט פון זיינע קינדישע אויגן און פאַרחושכט דאָס פּנים. — אַ יידיש קינד, אַ יתומה, ס׳אַ גאָטס געשריי... אַ קעלט איז אים אַריין אין די ביינער. צו דערוואַרעמען זיך, האָט ער זיך געלאָזט לויפן, געקלאַפּט זיך מיט די אָרעמס איבער די זייטן און מיט געשרייען אונטערגעיאָגט ס׳פערדל.

אין די וועלדער

.1

ווען די רוסישע זעלנער זענען באַלד אין אָנהייב פון דער מלחמה אַריין אין ביטקעוו, אַ גאַליציאַנער דאָרף נישט ווייט פון דער גרענעץ, האָבן זיי פאַרנומען דעם רויטן בנימין, וואָס האָט געהאַלטן די שענק אין דאָרף און פאַרמאָגט אַ פערד און וואָגן, מיט וועלכן ער פלעגט פאָרן איינקויפן אין שטעטל, ער זאָל פירן באַגאַזש פאַר זיי. נישט נאָר אים אַליין, אַ סך פויערים מיט זייערע פערד און וועגענער האָבן זיי אויך אַוועקגעשלעפט. די פויערים האָבן זיך באַלד אומגעקערט, ווער פריער, ווער שפּעטער, אָבער בנימין איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן. ווען עס איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי, איז ער צוריקגעקומען צופוס, אָן פערד און וואָגן — געקומען אַן אַנדערער מענטש, נישט דער פריערדיקער בנימין.

דער קרעפּקער, דאָרפישער ייד, וואָס האָט נישט איין שיכורן גוי אויסגעפאַטשט און אַרויסגעוואָרפן פון שענק, האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס. דאָס פנים איז ביי אים געווען בלוי־פאַרפרוירן און פול ווונדן, די איינגעזונקענע אויגן האַלב־טויט. צוביסלעך האָט מען פון אים אַרויסבאַקומען, וואָס מיט אים איז געשען. ווען דאָס פערד איז אַוועקגעפאַלן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים מיט די וועלדער, גע־שלעפט זיך צופוס וואָכן לאַנג. אין וועג האָבן די רוסן אים געכאַפּט און פאַרשפאַרט אַלס שפּיאָן, מען האָט אים געמאַטערט און געפייניקט. אַ גרויסער נס ממש, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט אַ לעבעדיקער.

בנימין דער שענקער האָט זיך שוין פון בעט נישט אויפ־געהויבן, ער האָט אָפּגעקרענקט אַ שטיק צייט און איז געשטאָרבן.

ער האָט איבערגעלאָזן חיהן אַן אלמנה מיט פיר קינדער. די

צוויי מיידלעך, רויטהאָריקע ווי דער פֿאָטער, צעבאַלעוועטע, לוסטיקע באַשעפעניש, האָבן איצט געהאַט אַ סך אויסצושטיין.ביים מינדסטן אַלאַרם זענען זיי געלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן. געוואַלגערט זיך גאַנצע נעכט אין קעלערס, אויף גויישע בוידעמס. זייערע לויטערע, פֿרישע פּנימער באַשאָטן מיט דינע זומער־שפּרענקעלעך, זענען געוואָרן קויטיק־גרוי. זיי האָבן זיך אַרומגעשלייכט מיט דערשראָקענע אויגן און נישט געוואָגט קיין הויך וואָרט אַרויסצורעדן. חיהן איז סוף־כל־סוף געלונגען זיי איינציקווייז אַרויסצופּטרן פֿון דאָרף. איינע איז אַוועק דינען אין דערבייאיקן שטעטל, און די צווייטע האָט אַ ווייטע מומע פֿון שטאָט צו זיך אַריבערגענומען. חיה איז פֿאַרבליבן מיט צוויי זין: דער יונגסטער, דער מזיניק, מיט גרויסע, בלויע, בייגעריקע אויגן און ווייסע האָר ווי ליאַן — און דער עלטערער, דוד, אויסגעוואַקסן איבער די יאָרן אַ דאַרער בחור מיט אַן אויסגעמאָגערט פּנים און פֿאַראומערטע, צעשראָקענע אויגן.

חיה האָט פֿון אים נישט געהאַט קיין גרויסע הילף. ווען ער איז געווען אַ קליין ייִנגל, האָט ער שוין ליב געהאַט צו באַהאַלטן זיך ערגעץ אין אַ ווינקל מיט די אייגענע געדאַנקען. האָט אַ שיכור געמאַכט געוואַלדן, האָט עס מיט אים געוואָרפֿן פֿאַר שרעק. ער איז אויפֿגעוואַקסן אַן אָפּגעזונדערטער, אַן איינזאַמער. די אימה פֿון די מלחמה־יאָרן האָט אים פֿאַרטריבן אין אַ מרה־שחורהדיקער אָפּגעזונדערטקייט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר מענטשן. חיה האָט אים מיטגענומען אין די דערפֿער, געשיקט צווישן גויים איינקויפֿן. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף גאַנצע טעג, אַרומגעוואַנדערט פֿאַרזונקען אין יונג־בחורישע חלומות און חקירות וועגן סדר־העולם און גאָט, וואָס האָבן אים אַוועקגעטראָגן ווייט פֿון דער ממשותדיקער וועלט.

דאָס לעבן פֿון די מלחמה־יאָרן: אייביקע סכנה און שרעק און אַלע מאָל אַ נייע בהלה. נישט איין מאָל האָט מען געמוזט אַנטלויפֿן, אויסבאַהאַלטן זיך ביי גויים, ווען קאָזאַקן האָבן זיך באַוויזן אין דאָרף — און געפֿינען דערנאָך אַ חורבן: די מעבל צעלאָמעט, די פֿענצטער אויסגעהאַקט.

חיה, אַ געזונטע, פּוללייביקע, נישט קיין איבערגעשראָקענע ייִדענע, האָט זיך פֿאַרנומען מיט מסחר, געשלעפּט זיך איבער די דערפֿער

אויפגעקויפט עסנוואַרג און געפּירט דאָס אין שטאָט. אַ סך מאָל האָט מען ביי איר אַלץ פאַרנומען, געשלעפּט צו „נאַטשאַלסטווע" און צעד שלאָגן אויך. די דאגה פאַר די קינדער, דאָס שווערע געמוטשעטע לעבן האָט געזויגן איר דעם מאַרך פון די ביינער, געמאַכט אויס מענטש. ווען די טיפוס־מגפה, וואָס האָט געבושעוועט אין דער געגנט, האָט ביי איר אין לעצטן יאָר פון מלחמה אַוועקגעריבט דעם מזיניק, איז זי ווי איינגעבראָכן געוואָרן. אַן אַפּהענטיקע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, איז זי געזעסן אין דער חרוב געוואָרענער שענק מיט די אויסגעהאַקטע פענצטער און געדומעט.

סאָשע, אַנשל דעם קרומענס ווייב — — די „בעזדיעטניצע" — אַ קליין נישט־אַנזעעוודיק ווייבל, האָט אָנגעהויבן אַלץ אָפטער אַריינד קומען.

— חיה, ס'נישט קיין תכלית, שעמען מעגסטו זיך. ס'אַ זינד פאַר זיין ליבן נאָמען. אָט האָב איך זיך אַלע מיינע יאָרן אַרויסגעקוקט די אויגן נאָך אַ קינד, מסתמא בין איך נישט ווערט געוועז. גאָט וועט העלפן, וועסט נאָך דערלעבן נחת ביי די טעכטער.

דערנאָך איז זי אַרויסגעקומען מיט אַ שידוך. סרול, דער פּידקאַמעניצער מילנער, אַן אלמן, זוכט אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין. אַ ווױלער ייד — נישט קיין אָרעמאַן. דודן וועט מען אַריינעמען אין מיל, ס'עט זיין פאַר דיר אַ גליק.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַנשל וויל איבערנעמען די שענק. די מלחמה האָט אַוועגעהרגעט דעם מסחר מיט פעדערן, פון וועלכן ער האָט געהאָט פּרנסה.

חיה האָט נישט געוואָלט הערן, פון אָנהייב געשטאַרט מיט פאַרצערטע אויגן, אָבער סוף־כל־סוף האָט זי זיך אונטערגעגעבן.

ס'איז אַראָפּגעקומען סרול דער פּידקאַמעניצער מילנער, אַ ברייד טער, אָנגעפּאַקטער ייד מיט אַ געזונטן קאַרק און אַ כבבודיקער, גרויד ווערנדיקער באָרד. ער איז געזעסן אין שענק, אַרומגעקוקט זיך מיט זיינע שטאַרע, אומבאַוועגלעכע אויגן. אַנשל דער קרומער איז געזעסן אַקעגן אים, איבערגעבויגן איבער אַ שטעקעלע, די אויגן אין זיין בלאַסן, ווי צוגעשטויבטן פּנים, ווי ביי אַ מענטש וואָס באַהאַלט זיך מיט עפּעס. אַ מאָל איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ הלצהלע און זיינע

איגן האָבן אויפגעבליצט מיט חוזק־בליצעלעך. אַז ער האָט גערעדט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער הערט זיך איין צי דאָס איז טאַקע, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

פֿאַר דודן, דעם שטילן בעל־חלום, וואָס האָט געלעבט אין אַן אייגענער, אויסגעטראַכטער וועלט, איז די נייעס געווען אַ גוואַלדיקער קלאַפּ. ער האָט עס נישט געקאָנט משיג זיין, נישט געקאָנט פֿאַרשטיין אַזוי פֿיל שלעכטס. ער האָט דערזען דער מוטערס אַלע ביז איצטיקע אויפֿפירעכצן אין אַן אַנדער ליכט. אירע קריגערייען און קללות, איר מוסרן ער זאָל עפּעס טאָן, נישט ליגן אויף אירע פּלייצעס, אירע שטענדיקע געקריגערייען מיטן פֿאָטער — אַלץ איז איצט געוואָרן קלאָר: אַ מרשעת! אַ שטאַרקער האָס האָט אין אים אויפגעפלאַמט קעגן איר. ער איז זי באַפֿאַלן מיט תרעומות און זידלערייען.

2.

די מלחמה האָט זיך געהאַלטן ביים ענדיקן. ביטקעווער זעלנער האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקערן אַהיים. איינער אַזש פֿון איטאַליע־נישן פֿראָנט, אַן אַנדערער פֿון דער רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט. די, וואָס זענען געשטאַנען אין נענטערע מקומות, זענען זיך שוין לאַנג צע־לאָפֿן אַהיים נישט פֿרעגנדיק ביי קיינעם. מען האָט געזען דורכפֿאָרן באַנען אָנגעשטאָפּטע מיט זעלנער, מען האָט געהערט אַז דער קייזער איז אַנטלאָפֿן, אַז ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע... אין דאָרף האָבן זיך באַוויזן יונגע שקצים מיט מאָדנע צייכנס אויף די היטלען און קאָלירטע בענדלעך אויף די אָרעמס — זיי האָבן גערופֿן אַלעמען צו קעמפֿן „פֿאַר אַ פֿרייער אוקראַינע". יונגע שקצים, פֿערצן־פֿופֿצן יעריקע, זענען אַרומגעגאַנגען מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. זעלנער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער מלחמה, האָבן געלאַכט פֿון זיי, געוויזן זיי ווי צו האַלטן אַ ביקס, געחוזקט, אַז זיי וועלן זיך באַנעצן, ווען עס וועט קומען צו שיסן אויף אַ רעכטן אמת.

3.

דער הימל איז געווען אַ פֿאַרצויגענער און פֿון דער פֿאַרנער היץ האָט זיך דאָס העמד געקלעפּט צום לייב. פּויערים, מבינים אויפֿן

וועטער, האָבן, באַטראַכטנדיק דעם הימל, געזאָגט אַז ס׳וועט אפשר רעגענען נאָך מיטאָג, נישט קיין סך. דוד, גייענדיק דורכן וואַלד אין אַ שליחות, צו וועלכער ער האָט קיין חשק נישט געהאַט, האָט איינגע־דרימלט אונטער אַ צעוואַקסענער סאָסנע מיט אַ סך נאַקעטע, אָפּגע־האַקטע צווייגן. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ פאַלשן שטעגל און אָנגעהויבן בלאָנדזשען. דער וואַלד איז שיטערער געוואָרן, זיך אָפּגעהאַקט. אַ גרויסע פאַליאַנע האָט זיך געעפנט. געוווינט צו פאַר־זיכטיקייט האָט ער זיך אַרומגעקוקט פון הינטערן בוים. עטלעכע בהמות האָבן זיך געפּאַשעט נישט ווייט פון אים, באַוואַכט פון אַ קליין שיקסל, וואָס איז געזעסן אין הויכן גראָז און געפלאָכטן אַ קרענצל בלומען. ווייטער אַרויפצוצו איז אַן אַלטער פויער מיט אַ ווייסער באָרד געשטאַנען אויף אַ הויך אָנגעלאָדעגער פור היי און אַרומגע־האַצקעט דאָרט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַ טענצל. אַ יונגע פויערטע האָט צוזאַמענגעשאַרט דאָס געקאָסעטע היי אין גרויסע זשמוטן און זיי געוואָרפן אויף דער פור אַרויף מיט אַ ווילע. פון צווישן עטלעכע צעוואַקסענע ליפּע־ביימער האָט זיך אַרויסגעזען אַ נידעריק הייזל מיט אַ שינדל־דאַך, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן כמעט ביז צו דער ערד. דוד האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז פאַרקראָכן צו דער ליעסניטשאָווקע (דעם וואַלד־שומרס שטיבל). אַ חשק האָט אים אָנגעכאַפּט צו העלפן ביים היי. ער האָט עס אַסך מאָל געטאָן, ווען דער פאָטער האָט גע־לעבט. זיי האָבן געהאַט אַ שטיקל לאָנקע, וואָס דער פאָטער האָט אָפּגעדונגען ביי דער גמינע, פון וואַנען זיי האָבן געהאַט פּאַשע פאַר די בהמות. ס׳איז געווען אַ גאַנצע שמחה, ווען מען איז געפאָרן אַריינ־ברענגען דאָס היי. די שוועסטערס זענען אויך מיטגעפאָרן. ס׳איז געווען אַ גאַנצער יום־טוב, אויף וועלכן מ׳האָט געוואַרט פון יאָר צו יאָר.

דאָס קליינע שיקסל, וואָס האָט געפּאַשעט די בהמות, האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק דעם הויכן יונג מיטן סענקעוואַטן שטעקן און קאַשקעטע איבער די אויערן. איר קליין פּנימל, געדיכט באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך, האָט זיך איינגעצויגן, אָבער ווען דוד האָט זי באַרויקט, איז זי געוואָרן צוגעלאָזן און רעדעוודיק.

— דו גייסט צו אונדז? דו ביסט געווען אין וואַלד קלייבן מאַלינעס? זיי זענען נאָך נישט גוט. ווען זיי וועלן זיין גוט, וועל איך

און די מאַמוניע גיין מיט קריגלעך. די מאַמוניע פרעגלט סאַרעפּ פאַרן ווינטער.

די ליעסניטשאָווע האָט אָפּגעלאָזן די אַרבעט און איז צוגעקומען. פון איר רויט, זון־פאַרשרפהט פנים האָט געדונען דער שווייס אין שטראָמען. אַ קאָלירטע פאַטשיילע האָט צוזאַמענגעהאַלטן אירע צעפּאַטלטע האָר. דוד האָט זי אַ סך מאָל געזען מיטן ליעסניטשעס גייענדיק זונטיק אין קלויסטער אַריין — אַ פריצהלע אין אַ היטעלע מיט אַ שירעם, נישט די שוויצנדיקע גויע, מיטן פאַרקאַשערטן, פערקאַלענעם קליידל, און אַלטע כאַדאַקעס. איצט איז אים ערשט געקומען אויפן זכרון, אַז דער ליעסניטשע איז צווישן די, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אומגעקערט פון דער מלחמה. ער האָט די ליעסניטשאָווע מיט דרך־ארץ באַגריסט.

זי האָט אים דערקענט.

—אָ, דאַווידקאָ, ביסט געקומען עפּעס קויפן?

— יאָ. ער וויל קויפן אייער.

— גיי אַרויף צום הויז. מיר וועלן ענדיקן ס׳היי.

— ער וועט העלפן ביי דער אַרבעט, האָט דוד געזאָגט.

ער האָט באַגריסט דעם אַלטן פויער מיט דער פוילישער באַגריסונג: „זאָל גאָט געבן גליק״, אַראָפּגעוואָרפן ס׳רעקל און זיך גענומען שאַרן היי.

דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט זיך גענומען לייטערן. אַ פריש, צאַפּלדיק ווינטל האָט אָוועקגעבלאָזן די דושנעקייט. אַ הייסע זון האָט אַ ברי געטאָן. אַלץ גרעסערע שטיקער בלויקייט האָבן זיך געעפנט צווישן די וואָלקנס. פייגל האָבן זיך געוואָרפן אין געקאָסעטן גראָז טשאַטעסווייז, שרייענדיק מיט באַנומענע קולות. דער ריח פון דעם פריש געקאָסעטן היי האָט דודן אָפּגעפרישט און דערמונטערט. זיין מידקייט איז פאַרשוווּנדן. ער האָט דערפילט אַ שפע נייע כוחות.

— ס׳איז גוט צו האָבן אַן אייגן פעלד, אַן אייגן שטיקל ברויט, — האָבן זיך געדאַנקען געראַיעט אין זיין מוח — נישט די יידישע פרנסות און די אייביקע שרעק. ס׳אַ גוטע זאַך צו זיין אַ ליעסניטשע. אַן אייגענע שטוב אין וואַלד, אַ פּאָר בהמות, פערד, אַ שטיל לעבן אָן פּחד. מען קאָן דינען גאָט מיט אַ ריין האַרץ. ער האָט בגנבה באַ־

טראַכט די ליעסניטשאָווע, וואָס האָט געאַרבעט נישט ווייט פון אים. אַ דינע, אַן איידעלע, אַ פּריצה, נישט געוווינט צו אַזאַ אַרבעט... און וואָס וועט זי טאָן, אַז דער ליעסניטשע וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן? מ׳עט זי דאָ נישט האַלטן, מ׳עט זי אַרויסוואַרפן. דוד האָט זיך אַ סך מאָל געחקרנט פאַר וואָס גאָט שיקט אַזוי פיל צרות אויפן מענטשן. ווען די מלחמה איז געקומען איז זיין גאַנצע ביז איצטיקע וועלט איינגעפאַלן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי גאָט האָט עס צוגעלאָזן עס זאָל קומען צו אַזאַ בלוט־פאַרגיסונג, אַזאַ וועלט־איבערקערעניש, גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש בצלם אלוקים, אַריינגעבלאָזן אין אים לעבן מיט זיין אייגענעם אָטעם, און געגעבן אים דעם יצר טוב, וואָס זאָל זיך ראַנגלען מיט דעם יצר הרע. ער האָט נישט געפונען קיין ענטפער דערויף.

דערזען, אַז די ליעסניטשאָווע באַטראַכט אים, האָט ער גע־נומען באַווייזן זיינע כוחות, געאַרבעט מיט גרויס אימפעט.

די ליעסניטשאָווע האָט אים געמוסרט: ער וועט לאַנג אַזוי נישט קאָנען אַנהאַלטן. ער וועט זיך פאַרמאַטערן. בעסער אַרבעטן געלאַסן.

ווען די לעצטע הויף־אָנגעלאָדענע פור היי האָט זיך מיט אַ טרעשטשען און סקריפּען געשלעפּט אַהיים, איז דער הימל שוין אָנ־געגאָסן געוואָרן מיט נאַכטיקער טונקעלער בלויקייט, נאָר די וואָלן וואָלקנס, אָנגעהויפטע אויפן מערב־ראַנד פון הימל, האָבן געטליעט מיטן לעצטן ביסל שקיעה־ליכט. די ליעסניטשאָווע האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דודן, נאָר ער זאָל בלייבן עסן וועטשערע. זי וועט אים שוין געבן אַזוינס, וואָס ער מעג עסן.

.4

די ליעסניטשאָווקע: עטלעכע קליינע חדרים, נידעריקע, דעם באַלקן מיט דער האַנט אָנצורירן, אָבער ציכטיקע, מיט בילדעלעך אויף די ווענט. איבער דער טיר איז געהאָנגען אַ ביינערן צלמל אַרומגע־נומען מיט אַ פאַרוויאַנעט קרענצל בלומען. דוד און דער אַלטער פויער זענען געזעסן ביים טיש און די פאַרשוויצטע ליעסניטשאָווע האָט

דערלאַנגט צום עסן. דער אַלטער פויער האָט צעעפנט דאָס העמד ווי ווייט ס'האָט זיך געלאָזן. זיין ברוסטקאַסטן איז געווען באַוואַקסן מיט אַ געדיכטעניש פון ווייסע האָר.

— זאָל גאָט זיין געלויבט — האָט ער געזאָגט, זשעדנע זופנדיק פון דער גרויסער שיסל באָרשט — וואָס עס האָט זיך אויסגעלייטערט. נאָך אַ פּאָר טעג פּאַגאָדע און מען וועט קאָנען ענדיקן ס'היי.

די ליעסניטשאַווע האָט אַלעמאָל עפּעס נייעס צוגעטראָגן דודן, אָפּגעגעבן זיך מיט אים, געפרעגט וואָס ער מעג עסן, געחנפעט זיך צו אים, און געלויבט אָן אַ שיעור: — ווען נישט זיין הילף, וואָלט אפילו קיין העלפט פון דער אַרבעט נישט אָפּגעטאָן געוואָרן — האָט זי געטענהט — אַי, אַי, יונגע כוחות. ווען ער וויל נאָר דאָ בלייבן צו העלפן מיט דער אַרבעט. ס'איז דאָ אַזויפיל אַרבעט — דעם קאָרן וועט מען באַלד דאַרפן שניידן און דערנאָך די קאַרטאָפליעס. און זי וויל נישט אומזיסט, חלילה. זי וועט באַצאָלן און אַ פּאָר זעקלעך תבואה אַהיימגעבן.

דער אַלטער פויער מיטן ליסן שאַרבן מיט נאָכהענגענדיקע ווייסע טשובעס האָר פון די זייטן און אַ ווייס לאַנג קליאַטשע־בערדל, איז געווען געוואַלדיק באַרעדעוודיק. זיין צערונצלט פאַרטריקנט פּנים איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ געדיכטער, בורעקדיקער רויטקייט. דאָס בערדל האָט זיך געטרייסלט פון זיין פאַרכריפּעטן געלעכטער (ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ בייזער אַלטער צאַפּ). ער האָט זיך גענומען דערציילן אַ לאַנגע מעשה וועגן אַ ראַבין און אַ גלח, ווי זיי קאָנען נישט דורכקומען, און מאַכן אָפּ צוזאַמענצוקומען זיך אויף יענער וועלט, און ווי דער ראַבין וויל דעם גלח דאַרט אויך אָפּנאַרן. — קלוגע קעפּ ביי זיי, ביי די יידן, כיטרע. טויגן זיך אויס צו האַנדל. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דוד וויל אַרבעטן.

דוד האָט אַ נייגעריקער זיך אַרומגעקוקט איבער די שטיבער. די פּאָדלאָגעס זענען געווען פון ברעטער, נישט פון ליים ווי אין די פּויערישע שטיבער. אויף אַ וואַנט פון דער צווייטער שטוב איז גע־האַנגען אַ ביקס און אַ בילד פון שיסנדיקע זעלנער אויף צעיאָגטע פערד. אויף אַ פּאָלירטער קאָמאָד איז געשטאַנען אַן אויסגעשטאָפּטער פויגל מיט פאַרביקע מיניעדיקע קאָלירן און אַ לאַנגן עק. דודס אויפ־

געוואַכטע בליקן האָבן נאָכגעפאָלגט דער יונגער פרוי. ס'האָט אים דערוואָרעמט, וואָס זי באַנעמט זיך צו אים אַזוי איידל, נישט ווי די דאָרפישע שיקסעס און פויערטעס, פון וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען אַ סך זילזולים און בזיונות. זיי האָבן אָפט געחוזקט פון אים און אים גערופן מיאוסע נעמען. און זי איז אַזוי גוט, אַ פריצה.

אַ בענקשאַפט האָט זיך ביי אים אויפגעוועקט נאָך די שוועס־טער, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט. עס האָבן זיך געשטעלט פאַר די אויגן די גוטע פאַרמלחמהדיקע צייטן, ווען דער פאָטער האָט נאָך געלעבט, ווען די שטוב איז געווען פול מיט די קולות פון די מיידלעך, וואָס האָבן תמיד געהאַט עפּעס צו רעדן צווישן זיך, געלאַכט און געזונגען. נאָכדעם ווי זיי זענען אַוועק פון הויז איז אים די שטוב געוואָרן נמאס געוואָרן. אַן אימה איז אים באַפאַלן, ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צום הויז. ער האָט נישט איין מאָל געפּרוווט זיך אַרויסרייסן פון דאָרף, געשריבן בריוו צו די שוועסטער, צו דער מומען פון דער גרויסער שטאָט, אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט נישט געוואָרן.

נאָכן עסן האָט די ליעסניטשאָווע געזאָגט:

— דאַווידקאָ קאָן דאָ שלאָפן. אַ יאָ, טאַטע? וווּ וועט ער זיך שלעפן ביינאַכט?

— זאָל ער דאָ שלאָפן. — האָט געזאָגט דער אַלטער פויער, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרימל — ס'איז דאָ גענוג פלאַץ אויפן היי.

.5

די נאַכט איז געווען אַ קילע, אַן אויסגעשטערנטע. די וועל־דער — איין שוואַרצע, געדיכטע מאַסע. דער ריזיקער אויסגעשפריי־טער הימל האָט געשפריצט מיט פונקען און פייערן ווי אַן אונטער־געצונדענער. אַן איינזאַמע סאָווע האָט געשריגן אַן אויפהער: — אוהו, או־הו־הו...

דוד האָט נאָך נישט געוואָלט שלאָפן, ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן שוועל פון שטעלעכל און זיך איינגעהערט צום רויקן, געלאַ־סענעם מעלה־גרהן פון די בהמות, ס'איז אים היימישער געוואָרן

דערפון. דער קלאַנג איז אים אַזוי גוט באַקאַנט. ער איז געזעסן אַ טיף פאַרטראַכטער, אַן איינגעקאָרטשעטער. זיין געדאַנק האָט גע־קייט זכרונות פון זיין זיבעצן־יעריקן לעבן, וואָס איז געווען אַזוי פול מיט צער און אומעט.

אין די פאַרטאָגן, ווען דער שלאָף איז געווען זיס אין אַלע גלידער און די נאַכט איז נאָך געשטאַנען אין די פענצטער קאַלט און פיינטלעך, האָט ער געמוזט אויפשטיין, שלעפן זיך מיטן פוסטן וואַלד־שטעגל, פאַרוואַקסן מיט גראָז, צום דאָרפישן מלמד. דערנאָך האָט אים דער פאָטער אָוועקגעשיקט אין שטעטל, ער זאָל דאָרט לערנען. די יינגלעך זענען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש מיט אָפענע גמרות און געלערנט אויפן קול און דער רבי איז אַרומגעגאַנגען אַרום טיש, געקלאַפּט מיטן שטעקן אין פאַדלאָגע ווי אַ סטראַזשניק, געשטאַרקעט די יינגלעך מיטן שטעקן אונטער די זייטן און אַמאָל איז דעם רבינס האַנט פאַרפאָרן אַ יינגל אין פנים. איין פרייטיק נאָכמיטאָג איז ער אַנטלאָפן אין דאָרף אַריין צופוס, אָנגעקומען קוים אַ לעבעדיקער, ווען מען איז שוין געזעסן ביים געדעקטן טיש. דער פאָטער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט, געהייסן אים זיך וואַשן און זיך זעצן צום טיש. צווישן אים און פאָטער איז געווען אַ גרויסע ליבשאַפט. אַז דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט מיט די לוסטיקע פייערלעך אין די אויגן, איז געווען ווי איינער רעדט: מיר צוויי האָבן עפּעס אַ סוד צווישן זיך. מיט ליבשאַפט דערמאָנט ער זיך אָן די פרייטיק־נאָכמיטאָגס, ווען ער איז געגאַנגען מיטן פאָטער אָפּבאָדן זיך אין דאָרפישן טייכל. ער האָט זיך געוואָרפן מיט אַ פליעסק אין וואַסער, געמאַכט „בורקעס״ און געפּרוווט אים אַריינשלעפן אונטערן וואַסער. דער טויט פון פאָטער און די אימה פון די מלחמה־יאָרן האָבן איבערגעלאָזט טיפע ווונדן אין זיין סענסיטיווער, יונגער נשמה. ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טעם פון אַרומשלעפן זיך מיט דער מוטער איבער פוסטע וועגן מיט פולע זעק אויף די פּלייצעס, מיט דער אייביקער שרעק פאַר די באַגעגענישן מיט די רוסישע זעלנער. איין מאָל האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ קאָזאַ־קישן פאַטרול. דער עלטסטער איז צו אים צוגעלאָפן און אים גענומען שלאָגן מיט דער נאַגייקע, איבערגעלאָזן מיט טיפע ווונדן איבערן לייב.

דוד לעבט דאָס אַלץ נאָכאַמאָל איבער. ס׳שטייט אַלץ ווידער פאַר די אויגן, ס׳ברענט דער פּיין פון נישט פאַרהיילטע וווּנדן, פון די צעטראָטענע יינגלשע יאָרן, זיין יונג בלוט שרייט פון צער.

איינגעקאָרטשעט און פאַרטיפט אין זיך האָט ער קוים גע־הערט ווי די ליעסניטשאָווע איז צו אים צוגעקומען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרווּנדערטע: — ער שלאָפט נאָך נישט? אַזאַ וואַרעמע נאַכט. ס׳איז אפילו קיין ראָסע נישט אויסגעפאַלן. זי האָט ליב צו זיצן אונטערן שטערנדיקן הימל, ס׳פאַרדרייט זיך אַזש דער קאָפּ אַז מען קוקט זיך איין. ערשט איצט קאָן מען זיך אַ ביסל אָפּ־רוען. אַזוי פיל שטערן, גאָטעניו זיסער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דודן אויפן שוועל, זיך נאָכ־געפרעגט אויף זיין מוטער. ס׳איז אמת, אַז זי גייט נאָכאַמאָל חתונה האָבן? אַ פרוי קאָן נישט לעבן איינע אַליין. און וואָס וועט ער טאָן? זאָל ער בעסער בלייבן דאָ צו העלפן מיט דער אַרבעט, ס׳וועט זיין פריילעכער מיט נאָך אַ מענטש.

דאָס קול פון דער פרוי, אַזוי נאָענט צו אים, אַז ער פילט די וואַרעמקייט פון איר לייב, האָט אים אויפגעטרייסלט און געמאַכט ציטערן. די שאַרף פון פּיין איז געלינדערט געוואָרן. ס׳האָט זיך געוואָלט אַ לאַטשענדיקע האַנט זאָל אים אַרומנעמען, פאַרגלעטן, פאַרשטילן.

די פרוי איז אָפּנים געווען צופרידן צו האָבן פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ.

— ווער ווייסט וואָס עס איז געשען מיטן ליעסניטשע. יעדער איינער האָט זיך שוין אומגעקערט אַהיים, נאָר ער נישט. גוט, וואָס דער אַלטער טאַטע אירער איז געקומען, אַז נישט וואָלט זי זיך גאָר קיין עצה נישט געקאָנט געבן. און ס׳איז אַ שרעק אַליין אין די וועלדער. ביז נישט לאַנג האָט זי נאָך געהאַט אַ מענטש, אָבער איצט קאָן מען נישט קריגן. זי האָט פון איר מאַן געהאַט בריוו, אַז ער איז געזונט, נישט אין פייער. און איצט, ווען אַזוינע קומען צוריק, וועמען מען האָט שוין געהאַלטן פאַר טויט, נישט מען הערט פון אים, נישט מען זעט אים. און מען רעדט שוין פון אַ נייער מלחמה. גאָטעניו זיסער, פאַרוואָס שטראָפסטו אַזוי די וועלט?

.6

אויפן געלעגער אין דעם ערשט אַהיימגעבראַכטן היי, וואָס האָט געגרייכט דעם משופּעדיקן דאַך, האָט זיך דוד געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ בלייבן, נישט בלייבן? ער האָט געוואָלט אַרויס פון דער מוטערס רשות. זי האָט אים תמיד געמוסרט: וואָס וועט ער טאָן ווען ער וועט זיין פאַר זיך אַליין? און בפרט איצט. און נאָך אַ זאַך איז אים געקומען אויפן געדאַנק, וואָס האָט אים אַזש אויפ־געריסן פון געלעגער. דער קרומער אַנשל, וואָס האָט געהאַט ידיעות פון דער וועלט, האָט דערציילט, אַז ענגלאַנד האָט די יידן אָפּגעגעבן ארץ־ישראל, און אַז די יידן וועלן זיך אומקערן אין זייער אייגן לאַנד, באַאַרבעטן די ערד ווי אין די צייטן פון די נביאים און מלכים. דוד האָט אַ סך מאָל געטראַכט, אַז דאָס וואָלט פאַר אים געווען דאָס בעסטע; אַוועק קיין ארץ־ישראל און דאָרט אַרבעטן אויף די פעל־דער. די פויערישע אַרבעט האָט אים תמיד געצויגן, ער האָט תמיד מקנא געווען דעם געזונטן פויער, וואָס די ערד גיט אים חיונה און וואָס דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן. ער וועט זיך דאָ צוגעוווינען צו פעלד־אַרבעט — און זי האָט אים צוגעזאָגט צו באַצאָלן. אָבער, ס'איז אים אָנגעקומען נישט לייכט צו אַנטשליסן זיך צו בלייבן אין דער גויישער שטוב, בלייבן לעבן צווישן גויים.

ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון האַלב חלום, האַלב וואָר. דער אַלטער פויער האָט אַריינגעשטעקט זיין ליסן קאָפּ מיטן צאָפּנעם בערדל אין שטאַל און אַרומגענישטערט מיט זיינע בייזע אויגן. דער ליעסניטשעס וועמען ער האָט געזען אין דאָרף פאַר דער מלחמה, איז פאַר אים אויפגעשטאַנען ווי לעבעדיק, מיט זיין גרין היטעלע און פעדער און דינע פאַרשפּיצטע וואָנסעס. די ליעסניטשאַווע האָט זיך באַוויזן אין זיינע חלומות, אָבער זי איז געווען גאָר אַן אַנ־דערע, נישט די פאַרשוויצטע גויע מיט וועלכער ער האָט געאַרבעט אין פעלד. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וווּנדערלעכער שיינקייט, מיט צעלאָזענע האָר, אָנגעטאָן אין זייד און גאָלד. זי האָט אים גע־לאָקט מיט דער נאַקעטקייט פון איר ווייס לייב (ווי אין די מעשיות וואָס ער האָט געלייענט), ווי אַ לילית פאַר אים געטאַנצט און אים

געדייצט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. און ווען ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן האָט זי זיך פאַרביטן אין אַ וואָלף און אים געוואָלט מיט שאַרפע ציין פאַרצוקן. דערנאָך האָט ער געחלומט פון פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דער פאָטער האָט אַרומגעשפּאַצירט געאָרעמט מיט אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס איז געווען אברהם אבינו. דער פאָטער האָט אים צוגערופן און אברהם אבינו האָט אים געבענטשט, אויסגעשטרעקט איבער אים די הענט ווי די כהנים ביים דוכענען.

.7

דעם צווייטן טאָג איז דוד אין דער פרי ווידער אַוועק שאַרן היי מיטן אַלטן פויער און — איז שוין פאַרבליבן אַרבעטן אויף דער ליעסניטשאָווקע. זיין מוטער איז עטלעכע מאָל געקומען צו לויפן מיט געשרייען און געוואַלדן — שמד זיך און אַן עק, האָט זי געשריגן און זיך געבעטן ביי אים ער זאָל זיך אומקערן אַהיים, זי נישט פאַרשעמען פאַר מענטשן. סרול, דער מילנער, וועט אים אַריינגעמען אין מיל, ס'עט אים דאָרט גאָרנישט פעלן, האָב גאָט אין האַרצן — האָט זי געטענהט — וואָס וועלן מענטשן זאָגן? — דוד האָט זי געטריבן פון זיך.

פאַרטיק געוואָרן מיטן היי, האָט מען געשניטן קאָרן. דער קאָרן איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אַ געזונטער אויף די משופּעדיקייטן פון דער באַן־שטרעקע, וואָס איז געלאָפן דורך די וועלדער. ס'געווען אַ גוט שטיקל וועג אַהין. דער אַלטער פויער און דוד האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אין דער פרי מיט סערפּעס אין די הענט. דער וועג דורכן וואַלד איז געווען קיל, אָבער ווען מען איז אַרויס פון וואַלד האָט די זון דורכגענומען ווי אַ שטיק פייער. דאָס לייב, באַגאָסן מיט שווייס, האָט אויפגענומען מיט זשעדנעקייט דאָס מינדסטע ווינטל ווי אַ שפּריץ מיט קילן וואַסער. דוד האָט זיך אַלע מאָל געמוזט אָפּשטעלן. דער סערפּ איז אים שיעור נישט פאַרפאַרן אין פוס. דער אַלטער גוי האָט געחוזקט פון דער יידישער אַרבעט. ער האָט דודן אויפסניי געוויזן ווי צו האַלטן דעם סערפּ, ווי צו בינדן סנאָפּעס. אין זיין אַלטן גוף זענען נאָך געווען אַסך כוחות. ער האָט געקאָמאַנדעוועט און זיך איבערגענומען מיט זיין גרויס בריהשקייט. די ליעסניטשאָווע האָט אַרויסגעבראַכט עסן מיטאָג־צייט

אין קענדלעך און טעפּלעך און דערנאָך שוין פֿאַרבליבן אין פעלד און צוגעהאָלפן אַרבעטן.

מען איז דאָ געווען ווי אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. צו די אַרומיקע וועלדער איז קיין סוף נישט געווען. דער הימל, אַ בלוי־צעזשאַרעטער, האָט זיך געכוואַליעט ווי אַ ים איבער די פּולע, גרינע קרוינען פון דיביימער. די וועלט איז געהאָנגען אומבאַוועגלעך אין דער שטילקייט — ווי די צייט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. פאַר דודס צעווייטיקט געמיט איז דאָס געווען אַ היילונג, ער האָט דערפילט אַ שפע פון נייע כוחות, אַ פרישער שטראָם בלוט איז געלאָפן אין זיינע אָדערן, געשעפּטשעט פון האָפענונג, פון זיסקייט פון לעבן.

ער האָט ליב באַקומען דעם וואַלד מיט די סודותדיקע האַלב־טונקלקייטן, ליב געהאַט זיך איינהערן אין ווינט, וואָס איז געלאָפן הויך אין די קרוינען פון די ביימער ווי אַ טיף־ברוסטיק געזאַנג. ליב געהאַט זיך צוצוקוקן צו די פאַרשידענע געוועבן וואָס די זון האָט געשפּונען אויף די געדיכטע קאַבריצן פון נאָדלען מיט וועלכע די סאָסנע־וועלדער זענען געווען באַדעקט, איינהערן זיך אין די קולות פון פייגל ווען דער אָוונט פאַלט איבער די וועלדער. די טיפע שלווה האָט געטרייסט און געהיילט. גאָט איז געווען נאָענט, געהויערט איבער דער וועלט. זיין נאָענטקייט האָט פאַרגיטיקט פאַר די ליידן, אויפגעהויבן פון דער געפאַלנקייט, געהיילט די פאַרוווּנדעטע נשמה. די פאַרטיפטע וואַלד־שטילקייט האָט גערעדט צו אים פון אומבאַגרייפלעכע סודות. ער איז אַנגעצונדן געוואָרן מיט אַ ברענענדיקער התלהבות. ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ערד — אַלע חושים איבערגעפילט מיט אַ טיף, אומערדיש גליק. אַ סך מאָל איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן וואַלד און געחלומט מיט אָפענע אויגן:

— ער איז אַ הויפּטמאַן פון אַ באַנדע רויבער, זיינע יונגען האָבן פאַר אים געבראַכט קאַשקען, די פעטע דאָרפישע שיקסע, וואָס האָט אים מבייש געווען, אַראָפּגעריסן דאָס היטל און געחוזקט פון אים. זי בעט זיך ביי אים מען זאָל זי אָפּלאָזן, ער באַפעלט מען זאָל זי אויסטאָן נאַקעט און שלאָגן מיט בייטשן איבערן הוילן לייב.

אַן אַנדערש מאָל איז ער אַ פּוילישער גענעראַל. ער רייט מיט זיין סוויטע, ווען ער טרעפט זיך אָן אויף דעם קאָזאַק, וואָס האָט

אים צעפּאַסעוועט מיט דער נאַגייקע. דער קאָזאַק וואַרפט זיך אים צו די פיס. די אָפיצירן, וואָס רינגלען אים אַרום, ציען אַרויס די שווערדן, ער האַלט זיי אָפּ. איך שענק דיר דאָס לעבן, זאָגט ער צום קניענדיקן קאָזאַק...

כאָטש ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ דאָרף, צווישן פּויערים, וואָס האָבן געצויגן חיונה פון די פעלדער אַרום, איז אים, דעם יידישן יינגל, וואָס איז שוין זינט ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, געשיקט געוואָרן אין חדר און געלעבט אין אַן אייגן, אויסגעחלומט וועלטל, דאָס לעבן פון דער ערד, די אַרבעט וואָס איז פאַרבונדן מיט איר, דאָס לעבן פון דער אַרומיקער נאַטור, וואָס איז אין פּויערס בלוט, געווען פרעמד. צווישן אים און די ערד־מענטשן איז געווען אַ מחיצה, ווי ער וואָלט געווען אַ פויגל פון אַן אַנדער מין. אַ ליבשאַפט איז אין אים איצט אויפגעגאַנגען צו דער וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום, צו די אַלע וואַקסנדיקע זאַכן, צו דער אַרבעט וואָס גיט קראַפט און זיכער־קייט. ער האָט ליב באַקומען די אַרבעט. ער האָט געטראַכט ווי גוט ס׳וועט זיין צו אַרבעטן אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל. דער נאָמען פון דעם לאַנד האָט גערעגט און געוועקט אַן אָפּקלאַנג אין בלוט. ס׳זענען פאַר אים לעבעדיק געוואָרן די חומש־צייטן מיט שאָף און רינדער און איילבערטן און וויינגערטנער, וואָס דער דאָרפישער מלמד האָט אים אַריינגעקריצט אין מוח. ער האָט זיך עס געפּרוווט אויסמאָלן. ס׳זענען אָפּערגעשווומען ביי דער אַרבעט בילדער פון חומש, פון די נביאים. ער האָט נאָכגעטראַכט פון דעם נייעם לעבן, וואָס וועט זיך דאָרט פאַר אים אָנהייבן.

דאָרט — האָט ער געחלומט — וועט זיין אַן אַנדער לעבן. מענטשן וועלן לעבן בשלום. ס׳וועט נישט הערשן קיין שנאה, ס׳וועט נישט קומען צו בלוט־פאַרגיסונג. מענטשן וועלן לעבן ווי ברידער. אַ לעבן פון צדק און יושר.

8

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זיין מוטער אַרויפגעקומען אַן אויסגעפּוצטע אין אַ נייעם שאַל, ווי ערגעץ צו פאָרן. סרול, דער פידקאָ־מעניצער מילנער, קומט מאָרגן נאָך איר, האָט זי דערציילט. דער קרומער אַנשל האָט שוין איבערגענומען די שענק. זי האָט זיך ביי

דודן ווידער געבעטן ער זאָל זיך באַרעכענען, מורא האָבן פאַר גאָט, נישט פאַרשעמען זי פאַר מענטשן. ס'אַ הימל־געשריי פאַר אַ יידיש קינד צו זיין אַ פאַראָבעק ביי אַ גוי. סרול וועט דיר קויפן אַ נייעם אַנצוג, וועסט אַרבעטן אין מיל. קינד מיינס, פאַרוואָס טוסטו מיר אָן אַזוי פיל צרות?

דוד האָט געפילט אין יעדן וואָרט אירן פאַלשקייט און מיאוס־קייט. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר מיט רוגזה, געטריבן זי: גיי, גיי, לאָמיך צורו.

9.

דודן, דעם אומשולדיקן, זיבעצן־יעריקן בחור, האָט די שטענ־דיקע נאָענטקייט פון דער ליעסניטשאָווע אַריינגעוואָרפן אין אַ צער־שטאַנד פון גרויס אומרו. די יונגע פרוי האָט נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ווען זי האָט אַרויסגעבראַכט עסן אין פעלד, האָט זי זיך אַוועק־געזעצט נעבן אים אין שאָטן פון אַ בוים מיט צעלאָזענע גלידער. די געלע פאַסמעס האָר צוגעקלעפּט צום פאַרשוויצטן פנים, אירע נאַקעטע פיס און אַנטבלויזטער ברוסט אַנטקעגן אים. ביינאַכט, ווען אַלץ אַרום איז געשלאָפן, איז זי אַרויסגעקומען רעדן מיט אים, געאָטעמט אויף אים מיט איר הייסן אָטעם און צוגעדריקט איר הייס לייב צו זיינעם. דוד איז דערנאָך געבליבן אַ צעפיבערטער אין דער פינצטערניש. ער האָט מורא געהאַט פאַרן געלעגער. זיין אומרויקער שלאָף איז געווען אַ צעשטערטער פון ווילדע חלומות, ווילדע קאָשמאַרן פון וועלכע ער האָט זיך אויפגעריסן אַ פאַרגאַסענער מיט שוויס און אַן אויפגעשטורעמטער.

נאַכט נאָך נאַכט איז ער געזעסן לעבן איר אויף דער שוועל פון שטאָל מיט צעפיבערטע, צאַפּלדיקע גלידער און אַ פאַרשנירטן האַלדז. זי — אַ נאָכגעביקע, אַ צעוואַרעמטע — האָט מיט מיידלשער אָפנהאַרציקייט דערציילט פון אירע יונגע יאָרן — ווי שווער ס'איז איר אָנגעקומען צו לעבן דאָ אין וואַלד אין אָנהייב, ווי זי איז אַנטלאָפן אַ פּאָר מאָל צו טאַטע־מאַמע. זי איז אַ שטאָטישע און דאָס לעבן אין וואַלד האָט נאָך איצט שרעקן פאַר איר.

דוד האָט געטראַכט פון בינטשען, דער שוועסטערס אַ חברטע, וואָס איז אַ פּאָר מאָל אין יאָר צו זיי געקומען צו גאַסט. זיין שטיל,

שעמעוודיק אַרומגיין אַרום איר. ווי ער האָט איינמאָל אין אַ דרייסטער מינוט אַריינגעלייגט זיין האַנט אין דעם אויסשניט פון איר בלוזקע, אויף אירע נישט אויסגעוואַקסענע, פלאַכע בריסטן. ער האָט זי איצט עטלעכע מאָל געזען אין זיינע חלומות. אַ בייזע האָט זי געשריגן אויף אים:

— ווערסט זיך שמדן. ווערסט ווערן אַ גוי. ווען ער האָט גע־וואָלט אַרויפלייגן די האַנט אויף אירע שוואַרצע האָר, אַ גלעט טאָן זיי, האָט זי זיך בייז צעשריגן אויף אים: ריר מיך נישט אָן. ער האָט געהערט די געזונטע געלעכטערס פון די דאָרפישע שיקסעס, וואָס האָבן אים געשראָקן און געוועקט אין אים אַ נייגער. אויף דער פּאַסטוויסקע האָט אים אַמאָל אַ שיקסע אונטערגעשטעלט אַ פוס, זיי זענען אַוועקגעפאַלן אויפן גראָז, דוד האָט זיך געפּרוווט באַפרייען פון איר, אָבער זי האָט אים מיט די הענט און די פיס אַרומגעכאַפּט און נישט אָפּגע־לאָזט. ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען אַ צייט פאַרסמט פון דער היץ פון איר לייב. זי איז אַ גוטע, די ליעסניטשאָווע, אַזאַ איידעלע און צו־געלאָזענע, אָבער נישט תמיד איז זי אַזאַ. אַ סך מאָל איז זי פרעמד און פריציש אָפּגעווייטערט, וואַרפט צו אַזאַ בייזן בליק, ער האָט אַביסל מורא פאַר איר.

איין נאַכט האָט שוין די ליעסניטשאָווע נישט אָפּגעלאָזן דודן, איינגעקלאַמערט זיך אין אים מיט אַ פאַרשטיקט קרעכצן... דודס בלוט איז געוואָרן פייער, ער האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן מיט אַ ברום.

דערנאָך, ווען זי האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער נישט געקאָנט שלאָפן. זיינע גלידער האָבן געפילט אַ נייעם כוח, אָבער פון דער שיכרות און פאַרגעסעניש, וועלכע איז אויף אים געקומען, איז אַרויסגעקראָכן, ווי אַ וואָרעם, אַ נאָגעדיקע נישט־צופרידנקייט, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

אומרויקע געדאַנקען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים: וועט ער איצט דאָ פאַרבלייבן? און אַז דער אַלטער פויער וועט אויס־געפינען? און דער ליעסניטשע, וואָס קאָן פלוצעם צוריקקומען אַהיים פון דער מלחמה? ער איז אַרויס אין דרויסן, געקוקט אויף דעם לייכט־פאַרנעפלטן טיף־נאַכטיקן הימל, מיט די בלייכנדיקע שטערן. די צע־וואַקסענע, פול צעבליטע ליפּע־ביימער פאַרן הויז האָבן געשאַרשעט

אונטער אַ לייכט נאַכט־ווינטל. דוד האָט געפילט: עפּעס שלעכטס איז געשען. אַ גרויס אומגליק איז געשען.

די ווייטערדיקע נעכט, כאָטש אומגעדולדיק געגאַרטע, וואָס די שרייענדיקע ליידנשאַפט פון דער אַזוי לאַנג פאַרלאָזענער יונגער פרוי האָט אָנגעזשאַרעט, זענען נישט פריי געווען פון טאָטשעדיקן וואָרעם. ס'האָט טיף באַליידיקט די קאַלטקייט, די באַפעלערישקייט, מיט וועל־כער זי האָט אים באַגעגנט בייטאָג, געשריגן און צוגעוואָרפן בייזע בליקן. ער איז ווי אָפּגעבריט געוואָרן דערזעענדיק דאָס קילע, זאַטע שמייכעלע אירס. ס'איז פאַרשווונדן די וואַרעמקייט און צוגעלאָזנקייט מיט וועלכע זי האָט אים פריער באַגעגנט. אין שטוב האָט זי זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, נישט אָנגענומען זיך פאַר אים ווען דער אַלטער פויער איז אים באַפאַלן מיט ביטול און זידלערייען (דוד האָט געטראַכט: איז ער עפּעס חושד?). ער האָט זיך אַרומגעשלייכט אַ מרה־שחורה־דיקער מיט צעשטערטע געדאַנקען. ס'האָט זיך געשטייגערט דאָס גע־פיל, אַז ער האָט זיך געלאָזט אַריינשלעפּן אין אַ מיאוסער זאַך. ער איז שולדיק עפּעס אַ גרויסע שולד. ער וואָלט אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס אייגענע לייב, וואָס האָט אים אַריינגעשלעפּט אין דער מיאוסקייט, אין דער טומאה. שרעק און חרטה צעוואָקסן זיך, ער טראַכט פון אַנטלויפן, אַנטלויפן אָן אַ זיי־געזונט — נישט אָנקוקן איר פּנים מער. אָבער וווהין זאָל ער לויפן? ער פילט זיך געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע. ער פאַר־לירט זיך אין טראַכטענישן און חקירה. ער פילט אַ בייזקייט צו דער וועלט, וואָס האָט אים אַזוי פיל שלעכטס אָנגעטאָן. ער טראַכט: ער וועט זיך שמדן. בלייבן מיט דער גויע. דער ליעסניטשע וועט שוין נישט צוריקקומען. אָן אַנדער מאָל, אין אַן אָנפאַל פון פאַרביטערטקייט און יאוש, טראַכט ער זיך אָנטאָן אַ מיתה. דער טויט וועט אים ווי אַ גוטער מלאך באַפרייען פון אַלע יסורים און פּייניקונגען.

.10

אָסיען־צייט האָט זיך דער ליעסניטשע אומגעקערט אַהיים. דוד האָט, אַהיימקומענדיק פון פעלד, אים דערזען אין דאָרף פּאָמפּען וואַסער אין אַן אַלטן שטוב־בגד — גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען אַוועק. אַן אויפגעטרייסלטער האָט דוד געפילט גאָטס שטראָף. די ערשטע באַגעגעניש, ווען דער ליעסניטשע נישט קיין

געביטענער, נאָר מיט אַ פּול טונקל פּנים און פינצטערע, שווערע אויגן, האָט אים געמאָסטן קאַלט און געשטעלט אַלערליי פראַגן, האָט דודן איבערגעלאָזן מיט דעם באַוווסטזיין, אַז עס לויערט אויף אים אַ גרויסע סכנה. ער דאַרף זיך אָפּטראָגן וואָס גיכער. ער האָט געוואָלט שוין די מינוט אַנטלויפן, אַוועקשלייכן זיך אין וואַלד און אַוועק פון דאַנען. אָבער ער האָט זיך באַטראַכט, אַז דאָס וועט נאָר אויפוועקן אַ חשד... ער וועט צוואַרטן אַ פּאָר טעג, גלייך גאָרנישט. די ליעסניטשאָווע האָט אים צוגעזאָגט אַ ביסל תבואה און געלט. ער וועט עס דאַרפן ווי ס׳לעבן, ווען ער וועט זיך לאָזן אין וועג קיין ארץ־ישׂראל.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, אַריינגעגאַנגען אין שטוב פאַרנאַכט עסן וועטשערע. דער ליעסניטשע איז געזעסן ביים טיש אויבן אָן, דאָס קינד לעבן אים האָט נישט אַראָפּגעלאָזן פון אים קיין אויג. די ליעסניטשאָווע — אַ פריציש אויסגעפּוצטע מיט צעצונדענע אויגן — האָט דערציילט מיט אַ דין, פאַלש געלעכטערל, ווי מ׳דערציילט עפּעס קאָמישעס, ווי דוד האָט נישט געוווסט אפילו ווי צו האַלטן אַ סערפּ אין האַנט, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט — און אַרבעט שוין איצט נישקשה. לאַשטשענדיק זיך צו אים און קוקנדיק אים אין די אויגן, האָט זי פאַרן מאַן אויסדערציילט: בנימין דעם שענקערס ווייב האָט חתונה געהאַט פאַרן פידקאָמעניצער מילנער. און דוד וויל פאָרן קיין פּאַלעסטינע. דאָרט, זאָגט ער, האָבן יידן איצט באַקומען זייער אייגן לאַנד. דער קרומער אַנשל האָט אים אַזוי דערציילט.

דער אַלטער פּויער — דאָס פּנים פאַרגאָסן מיט אַ בוריקדיקער רויטקייט, די טיף איינגעפאַלענע אויגן צעשיינט — איז אַלע מאָל אַריין אין די רייד. ער האָט געוואָלט פון זיך לאָזן הערן. ער האָט דערציילט וועגן זיינע אויפטועכצן, וועגן דער מלחמה־צייט, וועגן דודן: ס׳אַ געלעכטער דודס אַרבעט — האָט ער געזאָגט — מער שאָדן אָנגעטאָן, ס׳איז אַפילו דאָס עסן נישט ווערט געווען... ער וואָלט געווען אַ בעלן צו זען די יידן אַרבעטן אין זייער פּאַלעסטינע. ס׳וואָלט ווערט געווען צו פאָרן זען אַזאַ זאַך — פּאָר טשיקאַוואַשטש. אַ שיינע באַלעבאַטעשאַפט וואָלטן זיי געפירט, די יידן.

דוד איז געווען צו אַלץ גלייכגילטיק, ער האָט נאָר געטראַכט ווי אַרויסצורייסן זיך פון דאַנען. ער האָט נישט דרייסט זיך נאָכגעפרעגט ביים

ליעסניטשע, צי מען קאָן שוין איצט פאַרן קיין ווין? צי די מלחמה האָט זיך שוין טאַקע אומעטום געענדיקט? צי האָט ער געהערט פון פּאַלעסטינע, דעם יידישן לאַנד?

דער ליעסניטשע האָט אים באַטראַכט מיט פאַרפרוירענע, פאַרשנ־דיקע אויגן. ער האָט זיך צעלאַכט מיט ביטול. ס'ערשטע מאָל, וואָס ער הערט פון פּאַלעסטינע. און פון פאָרן קיין ווין? אַז ער וויל לעבן, זאָל ער בעסער זיצן אין דער היים. ער האָט דערציילט ווי שווער ס'איז אים אָנ־געקומען דורכצושלאָגן זיך אַהיים. ס'גייט דען די באַן ווי אַ מאָל? זעלנער פאַרכאַפּן אַ באַן ווי אַ הײשעריק. ער קומט פון אוקראַינע. אָנגעזען האָט ער זיך דאָרט זאַכן. ער האָט דערציילט, אַז מ'האָט דערשאָסן דעם צאַר, אַז ס'הערשט אַן איבערקערעניש, מ'הרגעט, מ'קוילעט. ברודער אויף ברודער. און יידן קוילעט מען גאָר אָן רחמנות. מ'קוילעט זיי ווי די שעפּסן, גאַנצע שטעט אויסגעקוילעט.

דוד איז בלאַס געוואָרן, אַ שאַרף מעסער האָט אים געקריצט אַרום האַרץ. ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב.

שפּעטער, ווען ס'געוועזן טיף־נאַכטיק שטיל אַרום און דער שלאָף איז נישט געקומען, זענען די רייד פון ליעסניטשע אַרויפגעשוואומען. ער האָט אויפגעשווידערט. אַ געוויין איז אים באַפאַלן. אפשר האָט עס דער גוי דערציילט מיט אַ כוונה — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — געוואָלט אים אָנשרעקן. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמעצער שטייט אין טיר. די גויע מיט דעם גוי — זי דערלאַנגט אים אַ מעסער, ווייזט אים אָן דודס געלעגער. דוד איז געלעגן מיט אַ פאַרטאַיעטן אָטעם, זיך איינגעהערט אין מינדסטן שאָרך.

.11

אָן אַ זיי־געזונט האָט זיך דוד דעם צווייטן טאָג אָוועקגעשלייכט אין וואַלד. ווי אַ דערשראָקענער האָז איז ער געלאָפן דורך די וועלדער אין דאָרף. ס'האָט זיך געדוכט: מ'לויפט אים נאָך. ערשט איצט וועט ער אויף זיך אויפוועקן אַ חשד. ס'וואָלט בעסער געווען, ווען ער בלייבט און הייסט זיך באַצאָלן. וווהין לויפט ער? צו וועמען וועט ער גיין? — האָט ער געטראַכט לויפנדיק אַן אָפּשטעל דורכן פינצטערן וואַלד. ער וועט

איבערנעכטיקן אין שענק. אַנשל וועט דאָך אים לאָזן איבערנעכטיקן, אין דער פרי וועט ער אַוועק אין פּידקאַמעניץ.

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען דוד איז אַריינגעקומען אין ביטקעווער שענק. די שטוב איז געווען פריש געקאַלכט, די פענצטער אויספּאַרריכט. סאָשע, דאָס קליינע ווייבל, מיט די פאַרדאגהטע אויגן, וועמען ס׳נישט באַשערט געווען צו ברענגען קיין קינד אויף דער וועלט, האָט זיך געפּאָרעט ביי דער הייסער הרובע. אַנשל איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ ספר און געקנייטשט דעם למדנישן שטערן. דוד איז געפאַלן אַ מידער אויף אַ באַנק און באַטראַכט מיט טרויער די אַמאָליקע היים. אַנשל איז אויפגעשפרונגען. מיט צעלאָזענע פּאָלעס האָט ער אַרומגעשפרייזט איבער דער שטוב. דאָס בלאַסע, ווי צוגעשטויבטע, פּנים אויפגעלעבט, די צעטראָגענע, ווי נישט זעענדיקע אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט חוזק־בליצעלעך: אַיְ, זע נאָר, דער גוי האָט זיך אומגעקערט! אַ ווונדער בנאמנות... געמיינט, ביסט שוין געוואָרן אַליין באַלעבאָס. האָט ער דיך משלח געווען. אַזוי, אַזוי.

— וואָס לאָזטו אים נישט צורו — האָט די קליינע סאָשע געבורטשעט — אַ גרויסער חכם. קוק אים נאָר אָן.

.12

פּידקאַמעניץ איז געווען אַ טאָג ווייט פון ביטקעוו. דער וועג איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, אָפּגעריסן זיך אין דער בלויקייט פון הימל און ווידער אַראָפּגעזונקען אין וואַלד אַריין. קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען נישט אָנגעזען, נאָר פּאַררעגנטע, ברוינע וועלדער, שרייענדיקע קראָען. דוד האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל, פאַרשטעלט דאָס פּנים פון קאַלטן, נאַסן ווינט. אַ צווינטער מיט חושכדיקע, דיקע יאָדלע־ביימער האָט אָנגעזאָגט דאָס דאָרף. דוד האָט דורכגעשפּאַנט די גאַנצע לענג פון דאָרף, ביז ער האָט דערזען די מיל — אַ קליין הייזל מיט אַ געלאַטעטן שינדלנעם דאַך, לעבן אַ גרויסן טייך. דער טייך האָט זיך דורך אַ שליוזע געגאָסן אויפן מיט מאָך באַדעקטן ראָד מיט גרויס רעש און רוגזה. דאָס ראָד האָט זיך אויסגעדוכט אַזוי אַלט און אָפּגעשלאָגן, אַז אָט, אָט, וועט עס דאָס וואַסער צעשלאָגן אויף שטיקלעך און אַוועקטראָגן.

דוד האָט זיך מיט אַ שווער געמיט אַרומגעדרייט אַרום דער שטוב, באַטראַכט דעם טייך, אין וועלכן עס איז נאָך געלעגן אַ ביסל ליכטיקייט פון גוססדיקן טאָג. ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָט ער געעפנט די ני־דעריקע טיר.

.13

סרול דער מילנער איז געווען אַ ייד, אַ שווייגער. ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין כעס, איז זיין קאַרק געוואָרן אָנגעשוואָלן רויט, זיינע קליינע, טיף זיצנדיקע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַן אַשיק הייטל און פון זיין מויל האָבן זיך צעשפּריצט ווערטער. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ בחור און אַ מיידל (די אַנדערע קינדער זענען געווען אויסגעגעבן). דאָס מיידל: אַ צעפלאָסנס, מיט אַן אויפגעלאָפן, קרענקלעך פּנים, אַ גרויסע דעדערקע און „אַ גרויסער עיפּוש", ווי איר נייע שטיפמוטער, חיה, האָט געזאָגט. דאָס בחורל: אַ רויט־פּנימדיקער, אַ צעוואַקסענער, מיט אַ פּאָר ידים, פּאַר וועלכע די דאָרפישע שקצים האָבן דרך־ארץ געהאַט.

סרול האָט מיט דודן קיין צוויי ווערטער נישט אַרויסגערעדט. אַז ער איז אים פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיך זיינע אויגן פאַרצויגן מיט אַן אַשיק הייטל. אָבער סרולס בחורל האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט. וואָס נישט איז, האָט זיך זיין רויט פּנים אָנגעצונדן און ער איז גרייט געווען זיך נעמען שלאָגן. חיה, וואָס האָט דודן אויפגענומען אָן אַ שלעכט וואָרט, האָט זיך פּאַר אים איינגעשטעלט מיט איר לייב, נישט איין מאָל געכאַפּט אַ זעץ פון דעם ווילדן יונג. אַ כסדרדיקע מלחמה איז אָנגע־גאַנגען צווישן חיהן און דעם בחורל. שעהן־לאַנגע געקריגעכצן, אין וועלכע דעם מילנערס צעפלאָסענע מויד האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ ברען. איר קרענקלעך פּנים האָט באַקומען אַ גרינע בלאַסקייט. זי האָט זיך געשטיקט אין היסטעריקע, געקוויטשעט ווי אַ געקוילעטע. סרול האָט זיך געכאַפּט צום שטעקן.

דוד האָט צוגעהאָלפן אין מיל, אָבער ער האָט געפילט, אַז מען וואָלט געוואָלט פון אים פּטור ווערן. ער האָט גערעדט מיט דער מוטער, אָבער מען האָט דערווייל נישט געקאָנט זיך רירן. מ'האָט געהערט, אַז די פּעטלורטשיקעס האָבן זיך אַריינגעריסן פון דער אַנדערער זייט גרענעץ

און ס'זענען געקומען ידיעות פון פאַגראָמען. אַ שרעק האָט אָנגעפּילט אַלע הערצער.

ביינאַכט האָט זיך דוד אַרומגעדרייט אַרום טייך, זיך איינגעהערט אין די קולות פון דאָרף. ער האָט מקנא געווען די גויים, זייערע געזונטע קולות און געלעכטערס. פאַרוואָס ווייסן זיי נישט פון שרעק, פון צרות, זיי לעבן אָן דאגות, אָן שרעק, און דאָ — תמיד אָן אימה.

וואָס ס'האָט פּאַסירט אויף דער ליעסניטשאָווקע האָט אים נישט אויפגעהערט צו באַאומרויקן. חרטה־געדאַנקען האָבן אים געמוטשעט. פאַרוואָס איז ער נישט אַוועק באַלד נאָכדעם ווי די גויע איז צו אים געקומען? פאַרוואָס האָט ער זי נישט אַוועקגעטריבן פון זיך? פאַרוואָס האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער טומאה? ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט גאָט, אַרומגעגאַנגען פאַרטיפט אין חקירות, אין גריבלערייען. מיטאַמאָל זענען אים — ווי אַ מחנה שרייענדיקע קראָען — באַפאַלן ספקות, וואָס האָבן אים טיף אויפגעטרייסלט. אַ תהום האָט זיך געעפנט אונטער די פיס. ער האָט געצווייפלט אין גאָט.

.14

שווערע, פאַרביסענע רעגנס האָבן גענומען גיסן אָן אַ סוף און אָן אַן אויפהער. די מיל האָט געפּוסטעוועט. דער טייך האָט זיך צעגאָסן איבער די אַרומיקע לאָנקעס. דוד האָט ליב געהאַט צו עסקן זיך אין שטאַל אַרום די בהמות. ער האָט זיך אויסגעבעט אַ געלעגער פון שטרוי אין אַ ווינקל נעבן די בהמות. ס'איז אים געווען גוט מיט די שטומע בהמות, מיט דער וואַרעמקייט פון די לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט זייערע גרויסע אומשולדיקע אויגן. ער איז דאָ אָפּגעלעגן גאַנצע טעג, צוגעהערט זיך צו זייער רויק־געלאַסענעם מליאַסקען. ס'איז אים געווען גוט מיט דעם ריח פון מילך, מיט דעם וואַרעמען אָטעם פון די בהמות און פון נאַסער ערד. דער רעגן, וואָס האָט געליאַפּעט אָן אויפהער, האָט מיט זיין מאָנאָטאָן הודזשען פאַרוויגט זיינע אומעטיקע געדאַנקען. מיטאַמאָל איז גאָט ווידער געוואָרן נאָענט. די ספקות זענען פאַרשווונדן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע. ווי דורך אַ נס איז די וועלט אויפסניי אָנגעפּילט געוואָרן מיט וווּנדער און ליכט. האָפענונג האָט אויפגעקוואָלן

אין דודן — גאָט וועט אים פאַרגיטיקן פאַר אַלע זיינע יסודים און פּיינען. אַ געפיל פון שלימות מיט גאָט און מיט דער וועלט האָט אויף אים אַראָפּ־געניִדערט. ער האָט אויפגעבליט מיט בטחון און פרייד. זיינע גרויסע טונ־קעלע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ טיפער ליכטיקייט און זיכערקייט.

.15

ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין ווייטן וועג — צו דעם לאַנד וואָס זיין נאָמען האָט געוועקט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין זיין בלוט און אַ ציטערנדיקע האָפענונג. דאָרט — האָט ער געחלומט — וועט זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן פאַר אים און זיינס גלייכן. אַ ניי לעבן.

ר׳ שלום דער מלמד

אין נאָוועסעלסק, אַ דאָרף נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, האָט געלעבט אַ קינדער־מלמד, ר׳ שלום האָט ער געהייסן. אַן אָפּגעהיטער ייד, על התורה ועל העבודה. דאָרפסלייט האָבן זיך צו אים אָריינגעכאַפּט פאַר אַ מנחה־מעריב, זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער צו די וווּנדער־מעשיות פון גוטע יידן, וואָס ר׳ שלום האָט דערציילט אין זיין אונטער־פאַנפנדיק, שוואַך קול...

דאָס מלמדות האָט פונקט געקלעקט אויף פּעטרעשקע צו דער יויך, ווי זיין ווייב פראַדל האָט געזאָגט. די פּאָר גילדן, וואָס זענען אָריינגעפאַלן יעדן זמן זענען געגאַנגען אויף צו מאַכן אַ קליידל, אַן אַנצוגל פאַר אַ קינד — אַ פולע שטוב געווען מיט קינדער קיין עין הרע.

דער הויפּט־מקור פון פרנסה איז געווען אַ געוועלבל, טאַקע אין דער זעלביקער שטוב, וווּ מ׳האָט געוווינט, און וווּ מ׳האָט געקאָנט קריגן פון אַ קעסטעלע שוועבעלעך ביז אַ קאָלירטער פאַטשיילע פאַר אַ שיקסע...

ר׳ שלום האָט זיך אָבער מיט דעם נישט אָפּגעגעבן. אַז אַ יינגל האָט געוואָלט באַנבאָנעס פאַר אַ גראַצער, האָט ר׳ שלום געפרעגט ביי פראַדלען, זיין ווייב: — וויפל באָנבאָנעס זאָל איך אים געבן, האַ?

פראַדל, אַ ברייטע, שטאַרקע יידענע, וואָס איז תמיד אַרומגעגאַנגען אין שטוב אַ באָרוועסע, מיט אַ פאַרטאַלאַפּעט קלייד, האָט געפירט דאָס געשעפט. געווען די גאַנצע באַלעבאַסטע אין הויז. פראַדליאַ, ווי די גויים האָבן זי גערופן, איז געגאַנגען אין דאָרף איינהאַנדלען היבער און מילכיקס, געדונגען אַ פורל צוצופירן עס אין שטאָט אַריין און געבראַכט צוריק אַ ביסל סחורה אין געוועלבל אַריין.

ר׳ שלום, אַ חוץ דעם קנעלן מיט די עטלעכע קינדער, פלעגט אַמאָל גיין פאַרנאַכט אַריינברענגען די קו פון פּאַסטוויסקע, אָדער אַרויס־געטראָגן אַ שעפל פּאַמאָיעס. מערסטנטיילס איז ער זיך אָבער געזעסן אַן איינגעהויקערטער, געשאָקלט זיך מיט גרויס התלהבות איבער אַ ספר,

געקרייזלט זיך די פאות, אָדער מיט די פינגער צעקעמט דאָס בערדל. אַז אַ קונה איז געקומען, און פראַדל איז גראָד נישט געווען אין שטוב, האָט ער געהייסן צוואַרטן, אָדער אומקוקן זיך אין פאַדווירע נאָך איר...

ער איז געווען אַ דינער און אויסגעמאָגערטער, מיט אַ רויט שיטער בערדל, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די איינגעפאַלענע באַקן, פאַררויטלטע קורצזיכטיקע אויגן, אַ פאַרדבקהט תמימותדיק פּנים.

דאָס דאָרפישע לעבן איז זיך געפלאָסן שטיל, רויק: ווי די פּלאַכע, דאָרפישע „ריקע", וווּ יידן זענען זיך געגאַנגען טובלען פרייטיק פאַרנאַכט — איין טאָג גלייך צום אַנדערן... אַ זומער נאָך אַ ווינטער... אַ בעסער יאָר און אַן ערגער יאָר... ר׳ שלום האָט זיך וועגן פּרנסה דעם קאָפּ נישט געדאַרט. אויסגעהערט, ווי פראַדל קלאָגט און פאַרשעלט זיך די יאָרן (— פאַרוואָס האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַזאַ שלימזלניק פאַר אַ מאַן? —) האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקרעכצט: מילא אַ יידענע מוז זיך אָפּרעדן פון האַרצן... מ׳דאַרף נישט פאַרלירן דעם בטחון... ס׳איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל...

דער גרויסער גאָט אין הימל האָט טאַקע אין גאַנצן נישט פאַר־לאָזן. אָבער צרות־פּרנסה האָט קיינמאָל נישט געפעלט. פראַדלס געוועלבל איז נישט קיין בן־יחיד אין דאָרף. יעדער ייד האָט אַ געוועלב. איז נישט איין טאָג געווען נאָר אַ ביסל גריץ און אַ פאָסנע קאַרטאָפליע און מער בעבלעך ווי פליש פרייטיק צו־נאַכטס צו דער יויך... מילא, לעבט דאָך אַ ייד נישט צוליב דער קישקע, ווי אַן ערל, להבדיל...

*

און אַזוי וואָלט זיך געלעבט, מיט גאָטס הילף, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... איז דאָך דאָ אַ שטן אויף דער וועלט... ס׳איז שוין נישט ווייט צו ימים־נוראים, קינדער דאַרפן נייע מלבושים, פראַדל אַליין דאַרף אַ פּאָר שיך — פאַלט אַראָפּ, ווי אַ דונער פון קלאָרן הימל: אַ מלחמה! „קירה" *) מיט פאָניען גייען זיך שלאָגן. אַ בהלה אין דאָרף, אַן איבער־קערעניש... זשאַנדאַרן יאָגן זיך נאָך רעקרוטן... גויעס גייען נאָך זייערע זין מיט אַ געוויין... גויים שיכורן און רעדן פּאָליטיק... יידן צעלויפן

*) אַזוי האָבן יידן גערופן דעם עסטרייכישן קייזער.

זיך... דער פאַרט צום ברודער קיין לעמבערג, יענער שיקט אַוועק ס׳ווייב און קינדער צו קרובים, אין אַ ווייטער שטאָט... אַליין וואַרט ער נאָך... די לעצטע מינוט וועט ער נעמען ס׳פּעקל אויף די פּלייצעס. די סכנה איז דאָך גרויס, שוין, שוין, עס איז דאָך לעבן דער גרענעץ. ר׳ שלום שאָקלט זיך, קרעכצט איבער אַ ספר: אַ גזרה אויף יידן. פראַדל שרייט: — געוואַלד, די אָרעמע עופהלעך נעבעך, וואָס טוט מען? איצט איז די צייט פאַר אַ ספר? געוואַלד געשריגן ...

און אַט הערט זיך שוין קאַנאָנען ברומען און ביינאַכט זעט מען שוין די פייערן, וואָס די רוסישע חיילות האָבן אונטערגעלייגט. לויפט מען: גויים און יידן באַגלייך. ר׳ שלום וואָלט אפילו נישט געלאָפן. ער טענהט ווייניגעריש: — וואָס? יענע זענען נישט קיין מענטשן? וואָס האָבן זיי צו אים? לעבן דאָרטן נישט קיין יידן? דער השם יתברך איז אומעטום. מ׳קאָן פון אים עפּעס אַנטלויפן?... אָבער פראַדל לייגט איין וועלטן:

— גזלן, מערדער, — שרייט זי — וואָס ווילסטו פון די בידנע קינדער, נעבעך? אַז גאָט האָט זיי געשטראָפט מיט אַזאַ טאַטן — און זי האָט אָנגעהויבן קלאָגן און יאָמערן. געשטאַרקט אַ ביסל פון געוויין, איז זי אויפסניי געוואָרן מלא רציחה און אָנגעהויבן שעלטן: — אַלע וויסטע שוואַרצע חלומות צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבן — צום סוף אַרויסגעלאָפן זיך אויסגיסן ס׳האַרץ פאַר די שכנים.

מילא, אַ יידענע.

איז מען געלאָפן מיט אַנדערע.

וואָס מען האָט זיך געהאַט אויסצושטיין אין די באַנען, וואָס האָבן געפירט די פליכטלינגען, וואָלט מען געקאָנט דערציילן און דערציילן. גענוג צו זאָגן, אַז מען האָט פאַרזוכט דעם טעם פון גיהנום שוין דאָ אויף דער ערד. און די, וואָס האָבן פאַרדינט דעם גיהנום, האָבן שוין באַקומען זייער עונש דאָ אונטן. אַי, אַ ייד ווי ר׳ שלום, וואָס פאַרדינט אוודאי נישט דעם גיהנום? נו, גיי לאָד זיך מיטן רבונו־של־עולם. ר׳ שלום איז טאַקע דער מענטש דערצו...

ר׳ שלום, זיין ווייב און קינדער האָבן איצט אַ נייע היים: אין הילצערנע באַראַקן ערגעץ אין מערן. אַ פּאָר פּאַליצעס פון ברעטער,

אָבער פאַרט אַ מקום מנוחה. ווידער רויק, אָן פחד, אָן איבערקערעניש... כאָטש ס׳איז איצט דאָס אמתע גלות... פראַדל האַנדלט אונטער צור־ביסלעך. אפילו ר׳ שלום פאַרדינט געלט. כאָטש ס׳איז אָנגעקומען מיט גרויס מי, האָט מען ר׳ שלומען געגעבן די דערלויבעניש אַראָפּ־צוגיין אין שטעטל, ווו סווינען אַ פּאָר פאַרגוויישטע דייטשע יידן, און לערנען מיט זייערע קינדער. איצט קאָן שוין ר׳ שלום מיט רעכט איבערחזרן, אַז דער רבונו־של־עולם איז אומעטום און ענטפערן אַ יעדן, וואָס קלאָגט זיך פאַר אים, אַז מען דאַרף נישט פרעגן קיין שאלות ביי זיין ליבן נאָמען.

...ווער ווייסט וואָס דאַרונטער שטעקט... מלחמות גוג ומגוג... שטייט נישט אין די ספרים ?... אפשר איז שוין פאַר דער גאולה און יידן דאַרפן זיך גאָר פרייען ?...

ר׳ שלום שאָקלט זיך מיט גרויס התלהבות ביים טונקעלן לעמפּל פון באַראַק איבער זיין ספרל מיט מאמרי חז״ל. קוקנדיק אויף אים און זיין בטחון ווערט יידן וואַרעמער אויפן האַרצן.

*

אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט אַריין אין באַראַק אַ פריץ, מיט אַן אָפיצערסקע היטל, אַ פעט פאַרשוויצט פנים, און הויבט אָן דרשענען:

— אַלע מענער ביז פינף און פערציק יאָר מוזן זיך שטעלן פאַר דער אַסענטירונגס־קאָמיסיע, וואָס וועט בודק זיין ווער פון זיי טויג זיך נאָך צו זיין אַ זעלנער... — און גיט צו פון זיין אייגענער קעשענע אַ שטיקל פאַטריאָטישע דרשה, אַז אַלע בירגער פון אַלע אומות, וואָס אונטער „קירהס״ ממשלה האָבן זיי געהאַט דעם גן־עדן אויף דער ערד, דאַרפן איצט גיין אַרויסטרייבן דעם שונא פון דעם באַדראָטן, ליבן פאָטערלאַנד, אמן.

פראַדל איז געוועזן די איינציקע צווישן די ווייבער, וואָס איר האַרץ האָט נישט געציטערט. ר׳ שלום אַ זעלנער ? מען דאַרף זיין חסר־דעה... „קירה״ מעג שוין זיין ווי אויף צרות, אָבער אַזאַ זעלנער ווי ר׳ שלום דאַרף ער נאָך נישט.

גייט ר׳ שלום פאַר דער קאָמיסיע. מען באַטראַכט אים אַ לאַנגע צייט, מען הייסט אים גיין אַהין און צוריק און בייגן זיך און לויפן.

צום סוף לאָזט מען אים אָפּ און מען גיט אים אַ בלוי צעטעלע. ר׳ שלום ווייסט נישט וואָס ס׳שטייט דאָרטן. ער קומט צוריק אין באַראַק און ווייזט עס פּאָר מענטשן. לאָזט זיך אויס, אַז ר׳ שלום איז „קריגס־טויגלעך“.

ר׳ שלום איז טאַקע אַ דאַרער און אַן איינגעהויקערטער, די ראיה איז ביי אים אויך נישט אַזוי גוט, ער האָט עטלעכע אַנדערע מיחושימלעך — אָבער אויף „קאַנאָנען־פלייש“ איז ער אַפּנים נאָך גוט.

וואָס פאַראַ ווייב פראַדל איז אים געווען, האָט זיך ערשט איצט אַרויסגעוויזן. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, און די טייכן טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן, וואָלטן ווייך געמאַכט דאָס האַרץ פון קייזער אַליין... איז אָבער דער קייזער זייער ווייט...

עס קומט דער טאָג: ר׳ שלום, באַלאָדן מיט פּעקלעך און באַ־גלייט פון ווייב און קינד, גייט ווערן אַ זעלנער, טאָן זיין פליכט פאַרן פאָטערלאַנד, אַזוי ווי דער פריץ, מיטן אָפּיצערסקע היטל האָט געדרשנט.

*

איין געדאַנק לאָזט ר׳ שלומען נישט אָפּ בשעת דעם גאַנצן וועג: ער וועט נישט שיסן קיין מענטשן, ער איז נישט קיין עשו הרשע, ער וועט נישט זיין קיין רוצח... זאָל עס זיין אפילו „פּאָניע“ מיט זיינע ווילדע קאָזאַקן, וואָס מאַכן פּאָגראָמען און פייניקן יידן... אין גאָטס הענט איז די נקמה, נישט אין בשר ודמס, נישט אין עפר ואפר...

ר׳ שלום זעט באַשיינפּערלעך, ווי מען שטעלט פאַר אים אַוועק אַ מענטשן און מען זאָגט אים: שיס! ניין, ער וועט נישט שיסן. זאָל געשען, וואָס עס וויל. דינא דמלכותא, ס׳איז טאַקע אמת, אָבער קיין בלוט וועט ער נישט פאַרגיסן, יבא מה, זאָל אפילו קומען דער קייזער אַליין...

מיט אַזוינע געדאַנקען איז ר׳ שלום אָנגעקומען אין „קאַדרע“, ד. ה. אין דעם אָרט, וווּ דער רעגימענט איז געשטאַנען אין „הינטער־לאַנד“. מען האָט אים געגעבן אַ גרויסן, שוואַרצן „לאַנדוועהר“־מאַנטל און אַ היטל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויערן, אַ מונדיר פון פּאָקרעווע, אַ צעריסענע, פאַרפלעקטע דעקע, וואָס האָט געשטונקען

פון פערד־מיסט און אַלע זיבן זאַכן, וואָס אַ גוטער זעלנער דאַרף האָבן. ר׳ שלום איז געוואָרן אַ „קייזער און קעניגלעכער״ זעלנער.

די נייע זעלנער האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען און דער קאָמענדאַנט האָט זיי פאַרטיילט צו די פאַרשידענע קאָמפּאַניעס, וואָס זענען געשטאַנען אין די אַרומיקע דערפער. ר׳ שלומען און נאָך עטלעכע יידן און רוטענער האָט מען געהייסן גיין אין אַ דאָרף, אַ פּאָר מייל פון דאַנען, צו דער קאָמפּאַניע „דע״.

— מעלדן פערזענלעך דעם ריטמייסטער! — דער קאָמענדאַנט האָט איבערגעגעבן די פּאַפּירן אַן אונטעראָפיציר, און צוגעשמייכלט מיט גרויס הנאה.

— יהודים, גיט אַכט, איר קומט צו אַ שונא ישראל — האָט אַ גרויער, יידישער קאַפּראַל שטיל אַ זאָג געטאָן צו די עטלעכע יידן — ווער עס קאָן זאָל זיך זען איבערפּעקלען צו דער קאָמפּאַניע „בע״. אַ יידישער לייטענאַנט, אַ דימענט.

*

זיין גאַנצער טיטל איז געווען: ריטמייסטער גראַף לאַיאָש פּאָן טערעטשי. פאַר מיליטערישן אומגאַנג האָט ער זיך באַנוגנט מיט דעם טיטל: הער ריטמייסטער.

דער הער ריטמייסטער איז געווען אַן איינציקער זון פון אַן אַריסטאָקראַטישער אונגאַרישער פאַמיליע. זעלנעריי איז געווען זיין באַרוף. ער איז שוין דריי מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער מלחמה און געהאַט אַן אַ שיעור מעדאַלן, אויך די באַרימטע „גאָלדענע״, וואָס ער האָט משמעות באַקומען פאַר אַטאַקירן אַ פיינטלעכע פּאָזיציע, ווי אויף מאַנעוורעס אין פרידנס־צייטן, מיטן זעבל אין האַנט... אַ פּאָר־ביסענער, שטאָלצער אַריסטאָקראַט. צוליב זיינע הוזאַרישע רויטע הויזן האָבן די זעלנער אים גערופן: „דער רויטער טייוול״. אפילו זיינע אָפיצירן האָבן פאַר אים געהאַט דאָס קדחת.

צו אים דאַרף דאָס קומען ר׳ שלום!

ווען מען האָט שוין די נייע רעקרוטן אויסגעלערנט די ערשטע פּאָר זאַכן, וואָס אַ זעלנער דאַרף וויסן, איז דער הער ריטמייסטער אַרויסגעקומען באַקוקן די נייע זעלנער זיינע. ער האָט אַ שטייפער

געשפּאַנט פאַר די אויסגעשטרעקטע רייען און זיך אַפּט אָפּגעשטעלט פרעגן ביי אַ זעלנער אַ פּאָר שאלות. דער ריטמייסטער האָט געהאַלטן אַז אַ קאָמענדאַנט דאַרף זיך דערנעענטערן צו זיינע זעלנער, באַקענען זיך מיט יעדן איינעם באַזונדער. זיי ווערן דערפון געטרייע און בע־סערע זעלנער...

ר׳ שלום איז אים תיכף נישט געפעלן.

— ווי שטייען זי? — האָט ער זיך אויף אים צעשריגן.

ער האָט אויף זיך געוויזן, ווי אַ זעלנער דאַרף שטיין, אַריינ־געצויגן דעם בויך, אַרויסגעשטעלט די ברוסט. אָבער ר׳ שלום איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט צעשטעלט די פיס וואָס אַ זעלנער דאַרף האַלטן צוזאַמענגעדריקט, און צעשפרייט די הענט אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ יידן אין דאָרף. ווען ר׳ שלום שעלט דעם ריט־מייסטער אין טאַטן אַריין, וואָלט דאָס דעם הער ריטמייסטער נישט אַזוי פאַרדראָסן.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אַ רעווע געטאָן. פון זיין מויל האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ שטראָם קללות און זידלערייען. פון דעם טאָג אָן האָט דער ריטמייסטער נישט אָפּגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו דערקוטשען ר׳ שלומען, ממש פייניקן אים.

אַז דער ריטמייסטער איז געקומען אויפן „עגזערציר־פּלאַץ״, איז זיין ערשטע זאָרג געווען צו זען וואָס עס טוט זיין פריינד ר׳ שלום. האָט זיך ר׳ שלום נישט אויפגעפירט ווי ס׳געהערט צו זיין, האָט ער אים פאַר דער מינדסטער זאַך געהייסן פאַלן „נידער״, דאָס הייסט: וואַרפן זיך מיטן פּנים אין דער בלאָטע, אָדער לויפן מיט שווערן גע־פּעק אויף די פּלייצעס: „לויפשריט״, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק... אַ פּאַטש פאַר אַ צוגאָב און אַ פּאָר טעג אַרעסט אויך.

פון די קליינע „שאַרזשען״ לעקט ר׳ שלום אויך נישט קיין האָניק.

*

ווען די נייע זעלנער האָבן זיך אויסגעלערנט לויפן און גיין און שטיין ווי ס׳פּאַסט פאַר זעלנער, האָט מען זיי פאַרטיילט ביקסן, זיי זאָלן זיך לערנען שיסן. ווען אַן אונטעראָפיציר האָט ר׳ שלומען

דערלאַנגט אַ ביקס, האָט ר׳ שלום זי ביי אים נישט געוואָלט נעמען. אַז יענער האָט אָנגעהויבן געוואַלדעווען, האָט ר׳ שלום געמרוקעט: ער וויל נישט שיסן...

— העי, לויפט נאָכן ריטמייסטער! — האָט דער אונטעראָפּי־ציר אַ געשריי געטאָן.

דערהערט, אַז ר׳ שלום וויל נישט נעמען די ביקס, איז דער הער ריטמייסטער געוואָרן אַזש ווייס פון רציחה, אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער, צוגעשטעלט אים ר׳ שלומען צו דער ברוסט און געשריגן, אַז ער דערשיסט אים דאָ אויפן אָרט „ווי אַ הונט״, אויב ער נעמט נישט די ביקס. ר׳ שלום האָט געשטאַמלט אַ דערשראָקענער, אָבער זיך געהאַלטן ביי זיינעם, אַז ער וויל נישט שיסן קיין מענטשן, ס׳איז אַ דין פון דער תורה. מיט גרויס מי איז געלונגען עטלעכע יידישע אונטעראָפיצירן צו איבערצייגן ר׳ שלומען, אַז ער מוז דאָך נישט שיסן קיין מענטשן, אַז ער מעג זיך דערווייל לערנען. יעדער זעלנער מוז דאָך קענען שיסן, אַ שיינע זאַך, כ׳לעבן, אַ זעלנער וואָס קען נישט שיסן.

נו, האָט זיך ר׳ שלום געלערנט ווי אַנצושטעלן די ביקס, צולייגן אַן אויג און צילעווען, און אויף דעם געשריי: „פייער״, אויס־שיסן. ער האָט זיך אויסגעלערנט ווי צו שיסן קניענדיק און לויפנדיק און אויסגעשטרעקט אויף דער ערד, און ווי צו שיסן אויף אַ פינטעלע, אויסגעמאָלן אויף אַ ווייס קאַרטל. קיין גרויסער טרעפער איז ער נישט געווען.

אַ סך צייט אויף צו לערנען די אַלע זאַכן מיט די נייע זעלנער איז נישט געווען. אויף די פראָנטן זענען טויזנטער זעלנער „געפאַלן״ יעדן טאָג און מען האָט באַדאַרפט „ערזאַץ״. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און מען האָט די נייע זעלנער אויסגעטיילט אין „מאַרש־קאָמ־פּאַניעס״, אָפּצושיקן זיי צום פראָנט. ר׳ שלום, פאַרשטייט זיך, איז איינער פון די סאַמע ערשטע. ער האָט באַקומען אַ נייעם מונדיר פון פאָקרעווע, נייע שיך, נייע וועש, אַ נייע ביקס. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זיי אַריינזעצן אין באַן־וואַגאָנען (6 פערד, 40 מאַן) און האַידאַ צום פראָנט...

אָבער ס׳איז אַפּנים אַנדערש געווען פאַרשריבן.

ס׳איז נאַכט. אין קאַסארנע זיצן זעלנער נאָכן נאַכטמאָל און

רויכערן. ר׳ שלומס וועטשערע איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ טעפל שוואַרצע קאַווע — ווייל ער עסט נישט קיין טריפהנע „מענאַזש״. אַן עלטסטער צעשרייט זיך מיט אַ הייזעריק קול: פוצן די ביקסן. מען נעמט זיך צו דער אַרבעט.

ר׳ שלום וויל אויפמאַכן דעם שלאָס, אַרויסנעמען די פּאַטראָ־נען, וואָס זענען נאָך געבליבן אין ביקס, אָבער אַנשטאָט צו עפענען די ביקס, גיט ער נישט־פּאַרזיכטיק אַ ציִ ביים קורעק. עס דערהערט זיך אַ קנאַל, און אַ יונגער שגץ פאַלט אַ געטראָפענער מיט אַ דורכ־געלעכערטער שלייף.

עס ווערט אַ שרעקלעכע בהלה. אַן אַלטער זעלנער, וואָס האָט צוגעלייגט אַן אויער צום שגצס האַרץ, הייבט זיך אויף, צלמט זיך: טויט.

מ׳לויפט אַנזאָגן דעם ריטמייסטער. די זעלנער שטייען דער־שראָקענע, פריטשמעליעטע, קוקן אויף ר׳ שלומען און אויפן טויטן זעלנער. ר׳ שלום שטייט איבערגעבויגן איבערן טויטן שגץ און מאַכט מיט די ליפּן און פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט נישט גע־וואָלט זען.

דער ריטמייסטער קומט צו לויפן מיט אַ סך אַנדערע אָפיצירן. ער גיט אַ קוק אויפן טויטן זעלנער אויף דער ערד. — אויף טויט? — פרעגט ער זיך נאָך — דערשאָסן אויף טויט? — דערנאָך צע־שרייט ער זיך מיט הילכיקע קולות: — ווו איז דער מערדער? ווו איז דער מערדער? מער ליכט אַהער! איך וויל אים אָנקוקן דעם מערדער!

מען דערלאַנגט דעם ריטמייסטער אַן עלעקטריש לעמפּל. ער שטעלט עס אויף ר׳ שלומען: — מערדער, — שרייט ער, — מערדער!

דער הער ריטמייסטער האָט געפונען דעם ריכטיקן מערדער.

דעם אַנדערן טאָג האָט מען ר׳ שלומען אָפּגעשיקט מיט גע־בונדענע הענט אין שפּיטאָל. ר׳ שלום האָט זיך באַנומען זייער שטיל, נאָר מיט די ליפּן געמליאַסקעט און געסלינעט. אין ראַפּאָרט האָט עס געהייסן אין דייטש: „צוועקס אָבסערוואַציע זיינעס גייסטיגען צושטאַנ־דעס״. דער ריטמייסטער האָט מיט זיין אייגענער האַנט צוגעשריבן, מען זאָל אַכט געבן; אַז דער ייד מאַכט זיך משוגע, כדי זיך אַרויסצו־דרייען פון פראָנט.

ר׳ שלום איז אין אַ שטיקל צייט אַרום צוריקגעקומען פון

שפּיטאָל, אין זיינע פּאַפּירן איז געשטאַנען: „אומשעדלעך — קריגס־אומפּעיק״.

מען האָט אים צוריקגעשיקט אַהיים צום ווייב און קינדער.

אַזוי האָט ר׳ שלום, דער דאָרפישער מלמד, וואָס האָט קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט, דערשאָסן אַ מענטשן, וואָס וואָלט געוועז זייער פיין און ווערט אַ מעדאַל — ווען ס׳איז דעם שונאס אַ זעלנער. שלימזלניק ווי ער איז געווען, שיסט ער אַן אייגענעם.

נאַטע

נאַטע איז בטבע געווען אַ וואַנדערער, מיט אומרויק בלוט, מיט נערוועזער ענערגיע, אָבער אָן געדולד, אָן אויסדויער צו בויען צו ביסלעך, לייגן שטיינדל צו שטיינדל. ער איז געווען אַ פֿאַנטאַזיאָר, אַ שטיק מנחם־מענדל, געוואָלט זיך אויספּיינען פּאַר מענטשן, אַרויס־ווייזן זיך פּאַר בעסער ווי ער איז געווען. אָבער דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן מיט כּוונה — ס׳איז געקומען פֿון נישט זיכערקייט און צע־היצטקייט — אַ פּאַרטיידיקונג־מעכאַניזם.

אַ סוחר איז ער נישט געווען. געלט איינצוהאַלטן האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי. אַרבעטן שווער האָט ער פֿיינט געהאַט. אַ מענטש וואָס האָט תּמיד געקוקט איבער זיין שטאַנד און דאָס ווייטע, פֿאַנטאַסטישע האָט אים געצויגן.

ער איז געווען אַ זון פֿון אַן אָרעמען אָרענדאַר. מען האָט אים געשיקט אין שטעטל לערנען אַ מלאכה, אָבער דאָס האָט אים נישט גע־שמעקט. ער האָט געמעקלערט, געסוחרעוועט אויף אַ קליינעם מאָס־שטאַב, געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי אַ האָלץ־סוחר. מען האָט אים חתונה געמאַכט מיט אַ בעקערס אַ טאָכטער. נאָך אַ יאָר צייט, אין וועלכן ער האָט מיט זיין ווייב נישט אויסגערעדט קיין צוויי ווערטער, (אַ קינד איז געקומען און געשטאָרבן) — האָט ער זי אָפּגעגט...

און אָט האָט געטראָפן אַז ער איז געווען אין אַ דאָרף צוליב מסחר, האָט ער דערזען דעם קרעטשמערס, ר׳ איסר שמולעוויטשעס, מוזינקע — אַ רונד־פּנימדיק, אַ חנוועדיק מיידל, מיט שוואַרצע מילדע אויגן, אָנגעטאָן — גאַרנישט ווי אַ דאָרפֿיש מיידל — אין אַ פּשוטן וואָכנטאָג אין אַ ריין, אויסגעוואַשן באַבלימט קליידל מיט אַ שיין גאַרטעלע, מיט אַ ווייס קעלנערל, אין שטעטלשע שיכעלעך, און די האָר פֿאַרקעמט אין אַ גרויסן קנויל אויפֿן קאָרק.

דעם צעטראָגענעם מעקלער, וואָס האָט זיך געאיילט ביים

איבערבייסן וואָס דאָס מיידל האָט אים דערלאַנגט, כאָטש זיינע גרויסע געשעפטן האָבן געקאָנט וואַרטן, (איילן זיך איז געווען זיין נאַטור) און ער איז תמיד געווען פאַרמוחט אין זיינע מעקלערישע עסקים — האָט דער נייגעריקער קוק פונעם מיידל אַ כאַפּ געטאָן ביים גאָרגל. ווען ער האָט דערנאָך גערעדט מיט ר׳ איסרן, האָט דער אַלטער קרעטשמער זיך געגלעט די באָרד מיט באַזאַכטקייט... און וווּנדער איבער וווּנדער! נאָטע איז נישט באַשטאַנען אויף זיין פרייז... ערט זען, ער וועט איבעררעדן מיט ר׳ פּנחס געווירציק, זיין באַלעבאָס. דאָס טו איך פאַר אייך, ר׳ איסר, כ׳וועל צוקומען מערצישעם נאָך די וואָך. דערוויל ברענגען אַ פורל ברעטער... מ׳עט שוין דורכקומען... ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ פאָר שאלות וועגן ר׳ איסרס מיידל...

ר׳ איסר, דער מיושבדיקער דאָרפסמאַן מיט דער שיינער, גרויגעלבלעכער באָרד, האָט ליב געהאַט מאריך צו זיין. פון אים איז נאָטע געוויר געוואָרן, אַז ס׳איז אים געבליבן נאָר די איינציקע טאָכטער, די מזינקע.

מען איז געזעסן אין אַלקער און ר׳ איסר האָט געשניטן אַן עפּל מיט אַ קליין מעסערל און געלייגט אין מויל אַריין קליינע פּענעצלעך.

— די צווייטע טאָכטער — האָט ער דערציילט — איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן אויף טיפוס.ביידע מיידלעך זענען מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן, ביידע האָבן געהאַלטן זייער שמאָל, אָבער גאָט האָט זיך מרחם געווען, כאָטש איינע געלאָזט לעבן. די מוזינקע האָט זיך אָנגעהויבן צו בעסערן צו ביסלעך. די היץ האָט אָפּגעלאָזט. זי איז שוין געווען ביים זינען און אפילו גענומען עפּעס אין מויל אַריין, אָבער די דינסט לאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז איר שוועסטער איז טויט; די גאַנצע צייט האָט מען עס פון איר אויסבאַהאַלטן; איז זי אויפסניי איינגעפאַלן, באַקומען ווידער שטאַרקע היץ און געווען נאָענט צום טויט, אָבער גאָט האָט געהאָלפן. (ר׳ איסרס ווייב האָט זיך דערוויל באַוויזן. איר איינגעשרומפן, באַבערדלט און באַראַדעווקעט פּנים, באַנעצט מיט טרערן, האָט עדות געזאָגט אויף דעם מופת).

— און דאָס צווייטע מיידל? — האָט נאָטע געוואָלט וויסן.

דאָס צווייטע מיידל וואָס נאָטע האָט געזען אין שטוב, איז דער טאָכטערס אַ חברטע, אַן עגונה נעבעך... אַ גאָלדן האַרץ נאָר

אַ ווייסט מזל. נישט אויף קיין יידיש קינד געזאָגט... האָט זיך פאַר־ליבט אין אַ יונג, האָט אים אויסגעהאַלטן ביז יענער האָט אויסשטו־דירט אויף אַדוואָקאַט און דערנאָך האָט ער זי ערשט אָוועקגעוואָרפן. ס׳אַ לאַנגע מעשה. איסרן האָט די מעשה גענומען זייער לאַנג צו דער־ציילן און נאָטע האָט קוים געקאָנט איינזיצן.

נאָטען איז אויפן וועג אַהיים דורך די וועלדער, אינמיטן פון חשבונען וויפל ער קאָן מאַכן ביי דעם מסחר, פלוצעם אויפן געדאַנק געקומען זיין ווייב, די געגטע, צו וועלכער ער האָט קיינמאָל קיין צוויי ווערטער נישט אויסגערעדט און קיינמאָל פון איר נישט גע־טראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט ביי זיך אָפּגעמאַכט פון ערשטן טאָג פון דער חתונה: נישטאָ. איצט האָבן זיך די צוויי יאָר לעבן מיט איר אַ שטעל געטאָן פאַר די אויגן, אַ כאַפּ געטאָן פאַרן גאָרגל. ער האָט אויסגעשריגן אַ קללה:

— ארורה, מצורעת! — ער האָט אויסגעשפּיגן עטלעכע מאָל.

נאָטע איז איצט געוואָרן אַן אַריינגייער ביי ר׳ איסר שמולע־וויטש אין קרעטשמע. דאָס מיידל, גאָלדעלע, האָט זיך אָנגעהויבן אָנ־שטויסן נאָך וואָס ער קומט. נאָטע איז אַלעמאָל געקומען צו לויפן אַ צעטראָגענער ווי ער אַליין וואָלט נישט געוווסט נאָך וואָס. גאָלדעלע האָט אים אָנגעקוקט נייגעריק מיט אירע מילדע, שיינע אויגן. צוערשט האָט זי און איר חברטע בינטשע, די אומגליקלעכע עגונה, געמאַכט שפּאַס און געלאַכט פון אים, אָבער שפּעטער איז בינטשע געוואָרן אַ מליץ יושר פאַר נאָטען.

גאָלדעלע איז געווען אַ גוטהאַרציקע און געלאַסן מיידל. זי איז געווען אַ גרויסע שיינקייט, זי האָט ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך, זינגען, גיין שפּאַצירן אין וואַלד. די שווערע אַרבעטן אין קרעטשמע האָבן געטאָן דינסטן. אין קרעטשמע זענען אַריינגעקומען באַאַמטע פון דער באַן, פון דער ברויערײַ וואָס האָט זיך געפונען אין דאָרף. זי האָט גערעדט מיט זיי פּויליש און זיי האָבן איר געמאַכט קאָמפּלימענטן און געפלירטעוועט מיט איר.

ר׳ איסר שמולעוויטש איז אַמאָל געווען פאַרמעגלעך, געווען אַ סוחר, געהאַט צו טאָן מיט פּריצים און געפירט זיך — ווי די דאָרפישע יידן האָבן געזאָגט — „פּאַ פּאַנסקו״. די קינדער אַלע גע־

שיקט אין שולן, אין גרויסע שטעט לערנען. זיי זענען געוואָרן פוי־לישע באַאַמטע ביים סטאַראָסטע, ביים געריכט. חתונה געהאַט מיט גרויסשטעטישע מיידלעך און געהאַט אין די גרויסע שטעט היימען מיט דינסטן.

אַ פּאָר מאָל איז גאָלדעלע צו זיי געפאָרן אויף באַזוך. די שווערגערינס האָבן זי פיין אויפגענומען. זי איז אַהיימגעקומען מיט פוילישע ביכער, באַרוישט פון גרויסשטאָטישן לעבן. דערנאָך האָט זי געשלונגען דורך די נעכט ביכער און געחלומט וועגן די העלדן, אָבער געקומען איז נאָטע, דער צעטראָגענער מעקלער...

ר׳ איסר האָט איצט געלעבט פון גרייטן. נישט געפירט מער קיין מסחרים; געלעבט דערפון וואָס די קרעטשמע האָט אַריינגע־ברענגט. די עלטער איז אים באַפאַלן מיט אַלערליי חולאתן. האָט ער ליב געהאַט צו זיצן פאַר דער שטוב און רוען, שניידן אַן עפּל מיט אַ מעסער און זיך לייגן אין מויל אַריין פּענעך נאָך פּענעך, און קוקן מיט פאַרטרויערטע בליקן אויף דער וועלט, וואָס ער האָט געפילט, אַז זי ענדיקט זיך פאַר אים.

נאָטע האָט פאַר דעם ערלעכן, געלאַסענעם אַלטן נישט גע־קאָרגט צו דערציילן וועגן זיינע גרויסע געשעפטן, געמאָלן פון זיין פאַנטאַזיע... נאָטע האָט אַליין נישט געוווּסט די גרענעץ פון אויס־טראַכטענישן און אמתן... ער איז געקומען צו לויפן מיט אימפּעט און אומרו, צוגעסטראָיעט היינטוועלטיק, אַרומגעשוירן, געשפּריצט מיט רייד, געביסן די אַרומגעשוירענע וואָנסן און געשמייכלט מיט אַ פאַלשן שמייכל. איין זייט פון זיין מוח האָט געחשבונט, באַטראַכט ר׳ איסרס ווירטשאַפט און געמאַכט פּלענער. ער האָט זיך געחנפעט און געלעקט צו ר׳ איסרן, צו דער אַלטער, אייגעשרומפּענער, באַבראָדעווקעטער איטע און געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד מיט גאָלדעלען.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און מען האָט געשטעלט אַ חופּה. גאָלדעלע האָט אויסגעזען שיין און טרויעריק אין אירע חופּה־קליי־דער. דאָס גאַנצע דאָרף איז געשטאַנען אַרום דער קרעטשמע. מען האָט אַרויסגעטראָגן פעסער ביר און בראָנפן פאַר די פּויערים. פאַר די חשובערע מענטשן האָט מען געשטעלט אַ טיש אינעווייניק. גאָלדע־לעס ברידער זענען געקומען פון דער גרויסער שטאָט. דערנאָך זענען

נאָטע מיט גאָלדעלען געפאָרן אויף עטלעכע טעג קיין לעמבערג. מען איז געגאַנגען אין טעאַטער און אַ פאָטאָגראַף האָט פון זיי אַראָפּ־גענומען בילדער.

אַ יאָר צוויי האָט מען געוווינט אין וואַלד. דערנאָך זענען זיי געקומען און זיך באַזעצט אין קרעטשמע, און נאָטע האָט צוביס־לעך איבערגענומען ר׳ איסרס באַלעבאַטישקייט, די קרעטשמע און אַלץ.

ער האָט אַזוי געדרייט און מאַניפּולירט, ביז דער אַלטער ר׳ איסר איז געוואָרן אינגאַנצן אַנגעוויזן דערויף, וואָס נאָטע וועט אים געבן צו לעבן. אַז ר׳ איסר האָט פאַרקויפט אַ שטיקל פעלד, האָט נאָטע דאָס געלט אַרויסבאַקומען מיט קונציקע שטיק, מיט באַטאַריוס־געשעפטן, מיט היפּאָטעקן, מיט וועקסלעך און אַלערליי אַקטן. ער האָט דעם אַלטן ר׳ איסר געשלעפּט אין געריכט, כאָטש ער האָט אַליין דערפון גאָרנישט געהאַט, נאָר כדי צו ווייזן פאַר מענטשן אַז ער איז געקריוודעט געוואָרן.

ער האָט נישט געקאָנט זיך האַלטן ביי דער קרעטשמע און ביים געוועלבל, איבערגעלאָזט דאָס ביים ווייב און אַליין נאָכגעלאָפן זיינע מעקלערישע לופט־מסחרים, וואָס האָבן גאָרנישט אַריינגעבראַכט.

גאָלדעלע האָט געהאַט איין קינד נאָכן אַנדערן. פירן דאָס געשעפט, און דער גאַנצער עול פון הויז און פון די קינדער זענען געפאַלן אויף איר.

נאָטע איז געווען אַ כעסן, און אַז ער האָט זיך צעכעסט איז נישט געווען קיין שיעור צו זיינע רייד. ער איז געווען אַ קינסטלער אין אַרויסברענגען ווי ער איז אַ צדיק, ווי די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. דער אַלטער איסר לעבט פון זיין פּראַצע. ער איז נישט מהוייב אויסצוהאַלטן זיין ווייבס טאַטע־מאַמע; און אַז ער האָט דעם ייד בדיל הדל געשטעלט, צוגענומען דעם לעצטן גראָשן, האָט ער פאַרגעסן. אַניט — איז איטע אַ רכילותניצע, ברענגט דאָס גאַנצע שלעכטע לעבן צווישן זיי. אַלדאָס שלעכטס קומט פון איר; און זי גאָלדעלע, וואָס מיינט זי? זי איז אַ פּריצה? ער האָט אַ מאַ־יאָנטעק? גראַף פּאָטאָצקיס פאַרמעגן וואָלט זי פאַרטאַכלעוועט, אַלץ וואָס ער ברענגט אין הויז (ער האָט מער גענומען ווי געבראַכט) בקיצור — אַ צדיק גמור. און אַזוי טאָג און נאַכט...

אָבער פאַר דער וועלט האָט ער געשפּילט אַ ראָל פאַר אַ ווילן, פּיינעם מאַן. צו די קליינשטעטלדיקע גבירים האָט ער זיך גע־חנפעט און געפּרוווט פאַרנאַרן זיי אין זיינע געשעפטלעך, אין וועלכע זיי זענען געווען גרעסערע חכמים ווי ער. ער האָט געליטן מפּלות און געהאַט אויסצושטיין בזיונות. ס'האָט נישט געהאָלפן זיין ראָל־שפּילן און אויספּיינען זיך פאַר מענטשן, ער האָט קיינמאָל נישט באַוויזן זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס.

אַ פאַרביטערטער, אַ צעריסענער אין זיך, האָט ער זיך גע־פּרעסן און געפּרעסן אַנדערע.

ער האָט געהאַט זיינע רויקע מינוטן, ווען זיין צעריסענע נשמה איז געווען צוגעשטילט. ער האָט ליב געהאַט — אויף זיין אופן — זיין ווייב און די קינדער. אין אָוונט האָט מען אים געקאָנט זען גיין שפּאַצירן אויפן דאָרפישן וועג מיט אַ קינד ביי דער האַנט, אַ גוטמוטיקער, שמייכלענדיקער מיט צעטראָגענע אויגן.

זיבן קינדער זענען געקומען אויף דער וועלט און דערנאָך איז געקומען די מלחמה. נאָטע האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה. אַ קרוב האָט אים געשיקט אַ שיפס־קאַרטע; אַ ניי קינד האָט געהאַלטן ביים קומען אויף דער וועלט.

פון גאָלדעלען, דעם יונגן שיינעם מיידל מיט די מילדע אויגן איז געוואָרן אַן אויסגעהאָרעוועטע יידענע מיט איינגעפאַלענע באַקן. נאָר אַ מאָל האָט די שיינקייט פון אירע יוגנט־יאָרן אַ לויכט געטאָן אין אירע אויגן, ווי שטראָמען געגערט פון אונטערערדישע קוואַלן.

איצט, נאָך די שווערע מלחמה־יאָרן איז מען געפאָרן קיין אַמעריקע. אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָר קופערטן פון אַ גאַנץ לעבן אַרבעט, איז מען געזעסן אויפן שיף און געבראָכן מיט גאָל און גע־האָפט דער אויבערשטער זאָל העלפן ברענגען בשלום אין דעם נייעם לאַנד.

נאָטע האָט נישט געקאָנט איינזיצן אַ מינוט מיטן ווייב און די קינדער. ער איז רק געלאָפן צווישן מענטשן. דער צעטראָגענער, אייביק־יאָגנדיקער מענטש איז שוין היפּש פליכעוואַטע און זיינע איינגעפאַלענע באַקן זענען באַוואַקסן מיט אַ בערדל ווי מיט מאָך. אין אַמעריקע וועט ער עס אַראָפּנעמען אינגאַנצן, זיך אויפסניי צעיאָגן נאָך די גאָלדענע גליקן פון קאָלומבוסעס מדינה.

צוויי ברידער

משה גאַרפיין האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף זיין „בוטשער־סטאָר" און איז אַוועק אַהיים. ער איז געווען אויפגערעגט און צערייצט, מער ווי געוויינלעך. דעם סאָפּער האָט ער געשלונגען אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צוצוקרעכצן און אונטערצוברומען, ווי זיין שטייגער איז געווען. אָפּגעגעסן, האָט ער אַ שאַר געטאָן פון זיך דעם טעלער, מיט רוגזה, ווי איינער רעדט: זע נאָר מיינע סעודות, מ'שטיינס געזאָגט — און איז אַריין אין שלאָפצימער און זיך גענומען אַנטאָן זיין יום־טובדיקן גראַנאַטענעם אַנצוג.

די קינדער אַרום טיש, כאָטש שוין צוגעוווינט צום פאָטערס מאַנירן, זענען געבליבן ווי אָפּגעבריטע.

זיין ווייב, אַ דאַר, איינגעשרומפּן ווייבל, האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן איר נייגער, זי האָט אַריינגעשטופּט דעם גרויען קאָפּ אין שלאָפצימער און מיט איר דינטשיק קולכל הכנעהדיק געזאָגט:

— משה, די טיי איז אויפן טיש... ווהין קלייבסטו זיך אין אַזאַ איילעניש?

— וואָס איז? ווילסט מיטגיין? ס'פעלט טאַקע אַ מחותנתטע צו דער חתונה...

דער בוטשער, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט אַ גאַנצן טאָג מיט טומלדיקע ווייבער, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס חלושדיקע, אַלט־געוואָרענע ווייב זיינס, אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אָפּגעדרייט ווען זי האָט גערעדט און האָט אויסגעמיטן צו רעדן צו איר.

ער איז געשטאַנען איצט פאַרן שפּיגל און זיך געריסן מיטן קאָלנער. ער האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר כוסות, ווי ער פלעגט עס טאָן ביים עסן, און דאָס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין און פאַרגאָסן דאָס פּנים מיט אַ גליאיק רויט.

— ער וועט ענטפערן ווי אַ מענטש, דער משוגענער? — איז

דאָס ווייב, אַ פֿאַרשעמטע, צוריק אַריין אין קיך, ווו מען האָט אין וואָכן־טעג געגעסן די מאָלצייטן. די קינדער האָבן זיך איצט נאָך מער פֿאַרשעמט. אַ יעדער האָט רעאַגירט אויף זיין שטייגער. בען, דער עלטסטער זון, וואָס האָט שטודירט אויף אַן אַקאַונטענט, האָט זיך פֿאַרקרומט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ צייטונג. דער יונגערער, וועגן וועמען משה האָט געטענהט, אַז „נאָר די באָל ליגט אים אין קאָפּ", האָט יינגלדיק, אָן חכמות, אַ לאַך געטאָן. די טאָכטער האָט אויף איר ווייבעריש־יאַדעדיקן שטייגער אַראָפּגעצויגן די מויל־ווינקלען און בורטשענדיק געמוסרט די מוטער....

— בען!

דאָס האָט דער פֿאָטער גערופֿן דעם עלטסטן זון.

— יאָ, וואָס איז? — האָט בען אָן אַנגעבלאָזענער זיך אָפּגערופֿן.

— קום, טו זיך אָן. מיר גייען צו אָנקל סעמען.

— אָהאָ! — די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט.

אָנקל סעם איז געווען דער „מיליאָנער" פֿון דער משפּחה. צו אים גייט מען, ווי מען גייט צו אַ גוטן ייד. מ׳דאַרף אַ מצבה, אַ חופּה שטעלן, אַן אָרעמע קרובה אַראָפּברענגען — גייט מען צום „מיליאָנער". ער איז נישט געווען פֿון די געבערס. וואָס ער האָט נישט געזשאַלעוועט — איז מוסר־רייד און עצות. ער האָט תמיד אָנגעוויזן אויף זיך ווי אויף אַ מוסטער — „אַ סעלף־מייד מען" — אַ מענטש וואָס האָט אָנגעהויבן צו פּעדלען מיט לימענעס אויף דער איסט־סייד. משה גאַרפּיין איז זעלטן געגאַנגען צום ברודער. דער „שטאָלצער פֿאַרך" האָט געטענהט: ווייל ער איז אַן עושר און איך אַ קבצן, דאַרף ער צו מיר קומען.

דערפֿאַר די גרויסע איבעראַשונג.

דער קאַלטער בען, דער צוקונפֿטיקער אַקאַונטענט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פֿון דער ווייטן פֿון אַלעמען, נישט געמישט זיך, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער אַלגעמיינער נייגעריקייט:

— וואָס עפּעס דער פּלוצעמדיקער וויזיט? — האָט ער אַריינגעשריגן צום פֿאָטער.

— ס׳איז זיין זעכציק־יאָריקער געבורטסטאָג. די קינדער גיבן אים אַ פּאַרטי — האָט צוריקגעשריגן משה.

די וואַזשנע נייעס האָט אויפגעטרייסלט דעם בוטשערס ווייב ביז גאָר... זי איז שוין ווידער געשטאַנען אין טיר פון שלאָפצימער, איר קול איז איצט געווען צערודערט, וויינעריש.

— ווען איך האָב אַ לייטיש קלייד, וואָלט איך אויך געגאַנגען... ווינטש אים אַלדאָס גוטס... זאָג אים, כאָטש ער איז אַן עושר, דאַרף ער זיך נישט שעמען מיט דער אָרעמער משפחה.

— מזל־טוב דיר, ברײַנע. נאָ דיר, וואָס האָסטו געוואָלט ער זאָל זיך קומען צעקושן מיט דיר?

משה גאָרפיינס איינציק מיידל, וואָס האָט זיך געפילט באַ־ליידיקט פאַרוואָס די רייכע קוזינעס האָבן זיך געהאַלטן שטאָלץ קעגן איר, האָט זיך איצט אַריינגעמישט:

— וואָס דאַרפסטו זיי, מאַמע? ווען מען לאַדט מיך אפילו איין, גיי איך אויך נישט.

— נאָ דיר אַ נייעם פאַטש צום גוט־שבת — האָט משה גאָר־פיין אַ געשריי געטאָן.

די קליינע אָדערלעך אויף זיין פּנים זענען געווען רויט־אָנגעשוואָלן, אַז ס'איז געווען אַ ווונדער ווי זיי קאָנען האַלטן אַזוי פיל בלוט.

בען, מיט זיין קאַלטן פּנים — איך מיש זיך נישט מיט אייך — האָט זיך איצט אָנגערופן צום פאָטער:

— וואָס שרייסטו אַזוי?

דאָס האָט דעם בוטשער איינגעשטילט. פאַר אים האָט משה גאָרפיין דרך־ארץ געהאַט. אַ קאָלעדזש־באָי און ער פאַרדינט שוין היינט אַזוי פיל וויפל ער. נו, גייסט? האָט ער געפרעגט.

בען האָט זיך געקווענקלט צי ער זאָל גיין. ס'וואָלט זיך גע־פאַסט, ער זאָל זיך אָפּזאָגן. ס'וואָלט נישט געשאַדט, ווען ער וויזט דעם פאָטער אַז מיט אים קאָמאַנדעוועט מען נישט. אָבער... ס'האָט גע־צויגן צו דעם רייכן הויז... (ער איז דאָרט איין מאָל — צוויי מאָל געווען). די רייכקייט און גלאַנץ פון יענעם רייכן לעבן... דער אַמע־ריקאַנער חלום — סוקסעס! גרויסע סאַליעס, ווי אין אַ פּאַלאַץ — באַדינער — די יום־טובדיקייט, די קאַלירטע לעמפּלעך אין די ווינק־לעך... דאָס אַלץ האָט אַ מאָדנעם רייץ. פוסטע מיידן, האָט ער גע־

טראַכט וועגן די רייכע קוזינעס... ווייל דער פּאָטער האָט געלט, שפּילן זיי די ראָל פון גרויסע דאַמען... ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ס׳רעדט פון אים די קנאה... זיי זענען טאַקע זיי און ער איז טאַקע ער, דער איסט־סיידער בחור... אָט האָט ער דאָ לעצטנס אָנגעטראָפן דעם מי־ליאָנערס טעכטער אויף אַ חתונה ביי משפחה, אַרומגערינגלט מיט בחורים און מיידלעך... ער איז צוגעגאַנגען פול מיט זיכערקייט (ער רעדט אַ בעסערן ענגליש פון זיי) און דערנאָך געשטאַנען ווי אַ נאַר... ער האָט טאַקע מער אין מינדסטן פינגער... באָט מאַני טאָקס, און דאַצאָל... ער האָט זיך אויך גענומען אָנטאָן זיין זונטיקדיקן אָנצוג.

*

פּאָטער און זון זענען געזעסן איינער לעבן אַנדערן אין סאָבווײַ. משה, איינגעהויקערט אין אַ ווינקל, מיט אַ צעקנייטשטן שטערן, נישט זעענדיק גאָרנישט, נאָר זיינע אייגענע געדאַנקען; בען, אַן אויסגע־שטרעקטער, האָט געהאַלטן אַן אויג אויפן קנייטש פון זיינע הויזן און זיינע גלאַנציקע שיך. ס׳וואָלט געווען שווער צו זאָגן, אַז זיי זענען פּאָטער און זון. זיי האָבן אויסגעזען ווי פרעמדע.

משה גאַרפיין האָט היינט אַ גאַנצן טאָג געטראַכט פון איין זאַך: בעטן ביים ברודער אַ הלואה. ווי דערווידער דאָס איז אים, איז אָבער קיין אַנדער וועג נישטאָ. דאָס מעסער איז אים ממש געלעגן אויפן האַלדז. נישט קוקנדיק אויף זיין ווייסט מזל, האָט דער שוואַרצער יאָר אונטערגעטראָגן אַן עסק מיט סטאָקס. משה גאַרפיין האָט געזען אַז מענטשן פאַרדינען געלט, נישט אַריינלייגנדיק קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, האָט ער אויך געוואָלט פּאַרזוכן... טאָמער וועט זיך פּאָרט זיין מזל אַ דריי טאָן. איז ער אַזוי פאַרקראָכן, אַז ס׳האַלט דערביי מען זאָל אים אַרויסנעמען די זאַכן פון געשעפט... ער האָט שוין אָנגעליגן, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט... אַזאַ אומגליק... ווייניק צרות געהאַט... מען גראָבט זיך אַליין אַ פריען קבר... דער איינציקער אויסוועג: לייען אַ פּאָר הונדערט דאָלער... אַ נישט, כאָטש אַנטלויף פון שטאָט... סעם מוז אים לייען, ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, ער וועט אים אָפּגעבן, ער דאַרף נישט זיינס, נאָר אַ טובה... ער זאָל נאָר אויסהאַלטן נאָך אַ שטיקל צייט, סטאָקס וועלן זיך ווידער אַ הייב טאָן...

דער „מיליאָנער״ האָט געוווינט אויף ריווערסייד־דרייוו, כאָטש ער האָט געהאַט אייגענע הייזער אין די בראָנקס. די טעכטער האָבן אַנדערש נישט געוואָלט. אַז די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט (די משפחה האָט געערדט, אַז זי האָט געקראָגן אַ מתנה פופציק טויזנט דאָלער און אַ שיינע היים), האָט די חתונה געמוזט זיין אין ריץ־קאַרלטאָן האָטעל. אַנדערש האָט זי נישט געוואָלט חתונה האָבן. „פּאָ פּאַנסקו, פּשאַקרעוו״, האָט דערויף געזאָגט סרול, דער לץ פון דער משפחה. און אַ פייף געטאָן אויף זיין היימישן שטייגער דורך די ציין, „וואָס דען, ווי מיר, קבצנים, אין קלינטאָן האָל?״

*

עס איז זייער שווער געווען צו עפענען דאָס טויער. אַן אייזערן טויער, ווי צוגעפּאַסט פּאַר אַ מיליאָנערס אַ דירה. צוויי טיר־היטער, אין מונדירן, שטאָלצע ווי גענעראַלן, האָבן זיי באַקוקט פון קאָפּ ביז פיס, ווען זיי זענען אַריין... דער וועסטיבול איז געווען פאַר־שפּרייט מיט טייערע דיוואַנעס און באַלויכטן מיט קרישטאָלענע הענג־לייכטער.

מיט אַ הערשערישער באַוועגונג, האָט זיי איינער פון די גענע־ראַלסקע טיר־היטער אָנגעוויזן דעם עלעווייטער. ביים פאָטער און זון זענען די פּנימער געווען אָנגעצויגן, ווי באַדעקט מיט אַ הייטל... אַ דינסטמיידל, מיט אַ ווייסן באַנד אַרום קאָפּ, האָט זיי געעפנט די טיר און ביי זיי צוגענומען די הי‏טלען און די מאַנטלען.

די סאַליע, וווהין זיי זענען אַריין, איז געווען אַ גרויסע, מיט קאַנדעליאַברעס און קאָלירטע לעמפּלעך אַרום די ווענט, פּליושענע גרויסע שטולן און סאָפעס מיט ווייכע קישנס, און אַ גרויסע פּיאַנע אין אַ זייט. אין די ווינקלען — עטלעכע גרויסע בראָנדזענע פיגורן, ווי לעבעדיקע מענטשן.

פאָטער און זון האָבן זיך דערפילט היימישער, ווען זיי האָבן דערזען באַקאַנטע פּנימער פון משפחה. עטלעכע אָרעמע קרובים זענען געזעסן, פאַרלוירענע, אין די גרויסע שטולן, אין וועלכע מען איז אַריינ־געזונקען. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט משה גאַרפיין, זענען לעבעדיקער געוואָרן, גלייך ווי זיי וואָלטן געפילט: דעם מיליאָנערס ברודער מעג זיין אַ קבצן, מעגן מיר דאָך אוודאי...

סרול, דער לץ, איז שוין אויך דאָ געווען. ער האָט ליב געהאַט אַזוינע זאַכן, אָן אים האָט מען זיך נישט געקאָנט באַגיין.

ער איז צוגעלאָפן צו משהן, אונטערגעטראָגן די בשורה: — די גרויסע לייט עסן סאַפּער.

דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַן אָנצוהערעניש: זעסט, כאָטש ביסט טאַקע דעם מיליאָנערס ברודער, אָבער צום טיש האָט מען דיך אויך נישט איינגעלאַדן... אויס גרויס הנאה איז סרולס ברייטע אונטערשטע ליפּ אונטערגעשפּרונגען, אויפדעקנדיק אַ גרויסן לאָך אין זיינע געלע ציין, און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן לוסטיק אַרומגעטאַנצט פון איינעם צום אַנדערן, ווי איינער רעדט: ווען איר פאַרשטייט אַזוי גוט ווי איך... ווער ס'האָט געלט, איך האָב שכל...

מיט משה גאַרפּיינען האָט מען זיך אָבער היינט נישט געטאָרט זאַטשעפּען.

— לאָזן זיי עסן געזונטערהייט... זיי עסן עפּעס דיינס?

דער אופן ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן, האָט דערמאָנט סרולן אַז משה גאַרפּיין קען אים פון דער היים, ווען ער איז נאָך געווען דער אויסוווּרף, דער קאַטאָרזשניק... אין משהס צעפלאָמטן קוק האָט ער געזען די שאלה: העי, דו, שגץ איינער, דרך־ארץ!... ס'פּנים איז ביי אים געוואָרן תמעוואַטע, ווי ס'פלעגט ווערן, ווען אַ בכבודיקער ייד פלעגט אין שטעטל אים מוסרן פאַר זיין אויפפירעכץ.

משה גאַרפּיין איז צו צו דער שוועסטער, אַן אָרעמע אלמנה, וואָס האָט געטראָגן געשענקטע קליידער פון דער רייכער שוועגערין.

— העלאָ, וואָס מאַכסטו, חנה?

— וואָס מאַכסטו, משה, פאַרוואָס איז עפּעס שיינדל נישט געקומען? די קינדער וואָס מאַכן?

משה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווייכן שטול לעבן איר, דערפילט זיך אַ ביסל באַשיצט לעבן דער שטילער גוטער חנה. אין קאָפּ האָבן זיך באַלד אויפגעריסן די געדאַנקען פון דער הלוואה...

בען האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דעם גרויסן זאַל און גע־וווּנדערט זיך, וואָס די קרובים זיצן דאָ אַזוי שטיל... ווען זיי פלעגן קומען צו זיי אין הויז, האָבן זיך די קולות געטראָגן אין די הימלען...

סרול דער לץ האָט עס אויפגעכאַפּט. ער האָט דערזען אַ גע־

לעגנהייט פאַר אַ ביסל חוזק. ער איז צוגעגאַנגען צו בענען, נאָכגע־פרעגט זיך ווי ער האַלט אין זיין שטודירעכץ... ווען ווערט ער אַ פּאַר־טיקער דאָקטאָר?... ע, וועסט אויך אַמאָל האָבן אַזוינע שטיבער?...

בען האָט געענטפערט מיט אַ האַלב מויל, נישט זיכער געווען צי סרול מיינט עס ערנסט, צי ער מאַכט פון אים חוזק...

— אָבער דו וועסט אונדז אפילו נישט איינלאַדן — האָט סרול פאַרהאַקט דעם שמועס און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן אָפּגעגאָסן בענען מיט אַ בייז־גנביש געלעכטערל.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיין ווייב. אַ נידעריק ווייבל, מיט אַ שוואַרץ היטעלע מיט אַ פעדער, וואָס האָט צוגעהאַלטן אַ יינגל ביי דער האַנט און אים שטילערהייט געמוסרט. ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן ביי דער משפחה פון די בראָנקס — אַ מאַמע מיט אויס־געפוצטע יונגען, מיט הויכע אָנגעפּאַרבטע אַמעריקאַנער מיידן, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ קרייזל פאַר זיך, זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. סרול האָט אַ טראַכט געטאָן: בייע מיוחסים — און זיך אָפּגעשטעלט ביי ר׳ שאַיע טאַנצמאַן, וואָס האָט זיך אויך אָנגעקערט מיט די גאַרפיינס, אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד און אַ נאַריש, פאַרטרערט שמייכעלע... ער איז געזעסן אַן איינגעהויקערטער, לעבן ווייב, וואָס האָט געמאָסטן אַלץ און אַלעמען מיט נישט־פאַרגינערישע בייזע בליקן.

ס׳האָט שוין אָפּנים געהאַלטן דערביי אַז דער בעל־שמחה זאָל זיך באַווייזן. דערווייל האָט זיך באַוויזן דער גבאי זיינער, בעריש „קנאַק“. מען האָט אים אויך גערופן: דער ט־לעקער. אַ מגושמדיקער פאַרשוין, מיט אַ ברייטער פעטער גאָמבע, וואָס האָט גערעדט מיט גאַנצע שטראָמען ווערטער און געאַרבעט דערביי מעשים מיט די הענט און נישט געלאָזט אַן אַנדערן אויסרעדן אַ וואָרט. ער האָט פאַרזאָרגט דעם מיליאָנערס אַלע קליינע געשעפטלעך, צעטיילט די קליינע נדבות און גמילות־חסדים־לעך. ווען ער האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט און געהאַט געלט און אייגענע געשעפטן און אפילו דעם מיליאָנער געליגן געלט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרן מיליאָנער ווי אַ שעפּעלע, געלוישט אויף יעדן וואָרט, געקוקט אין מויל אַריין... אַזאַ טבע, האָט משפחה געזאָגט.

ווען ס׳איז ביי אים געשטאָרבן דאָס ווייב, איז ער באַלד אַוועק

אין היימישן שטעטל און זיך אַראָפּגעבראַכט אַ יונג מיידל, בלוט און מילך, יחוס אויך. ער איז געוואָרן יונגער און תקיפדיקער.

ער איז איצט אַרומגעלאָפן צווישן דער משפּחה — אויסגעפּינען וואָס דעם מיליאָנער צוצוטראָגן.

פאַר משה גאַרפּיינען האָט ער עפּעס אַ מאָל געטאָן מיטן מויל און זיך גיך אָפּגעטראָגן. משהס אַנגעצונדענער בליק האָט אים געמוזט אַ ברי טאָן.

ער האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט לעבן סרולן. מיט סרולן האָט ער זיך געפילט גאָר היימיש, ווי צוויי חברים. און סרול איז צו אים אויך געווען מילד און ווייך... זיין אונטערשטע ליפּ האָט אויפגעהערט שפּאָטיש אַרומצוטאַנצן. ער האָט רעדנדיק צו אים אַמאָל ייִנגלדיק אַ לאַך געטאָן. ס'איז אָפּערגעקומען דער אַמאָליקער קליינשטעטלדיקער ווילער יונג.

*

עס האָט זיך געעפנט די טיר פון עסצימער. מענער אין „טאָקסי־דאָס", פרויען אין אָוונט־קליידער, מיט נאַקעטע אָרעמס און פּלייצעס, האָבן זיך אויפגעהויבן פון די טישן. דער „מיליאָנער" סעם גאַרפּיין און זיין פרוי זענען אַרומגערינגלטע פון מקורבים אַריין אין סאַלאָן, ווו די משפּחה און איינגעלאַדענע געסט האָבן געוואַרט.

סעם גאַרפּיין, אַ ברייט־פּלייציקער שטאַרק־געבויטער מאַן, מיטן פאָדערשטן טייל פון שאַרבן גאַנץ גלאַט, אָן אַ האָר, זיין פּנים — פּירעקיק און צוזאַמענגעפּרעסט, איצט האָט עס געשיינט רויטלעך פון דער סעודה. דאָס געוויינלעך צוזאַמענגעשריפּטע מויל איז זיך לויז צעפאַלן מיט אַ פרום־גוטמוטיק שמייכעלע, אָבער די אויגן זענען געבליבן די זעלבע וואַכעדיקע אויגן, ניכטערע, אַריינדרינגנדיקע און אָפּמעסטנדיקע. ס'האָט אין זיי איצט געברענט אַ טונקעלער שיין פון שטאָלץ און באַוווסטזיניקער קראַפט.

דאָס ווייב זיינס איז געווען העכער פון אים. זי האָט געמוזט אוודאי וועגן איבער צוויי הונדערט פונט. אויב אין סעם גאַרפּיינען האָט מען געקאָנט לייכט זען דעם אויפגעקומענעם גביר, איז זי געווען די געבוירענע שטאָלצע אַריסטאָקראַטקע. זי איז געבוירן און אויפגעכאָ־

וועט געוואָרן אין רייכטום. אין קוק פון אירע אויגן איז געלעגן מיט־לייד און גרינגשעצונג. די אָרעמע קרובים איז נישט גוט געוואָרן, אַז זי האָט זיי אָנגעקוקט. דער מיליאָנער האָט יעדן דערלאַנגט זיין גראָבע האַנט מיט די קורצע פינגער. מען האָט זיך געשטופּט צו אים, געדריקט אים די האַנט און אָנגעווינטשעוועט. ער האָט דאָס אַלץ גענומען רויק, קאַלט. זיין פּנים האָט זיך נישט געביטן, נישט ווייכער געוואָרן, ווי ער וואָלט געוווּסט וואָס פאַר אַ ווערט דאָס אַלץ האָט... ער האָט דאַנקענדיק און שמייכלענדיק געהאַלטן קאָפּ, פאַרבראַכט מיט יעדן אַזוי פיל, וויפל ס'איז איינעם געקומען.

דאָס ווייב ביי זיין זייט האָט מיט אַ מיוחסדיקן גרימאַס אויף איר בלאַסן אויסגעכאַליעטן פּנים לייטזעליק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אויף די אָרעמע קרובים האָט זי געקוקט ווי זי וואָלט געפרעגט: איר ווייסט וואָס דאָס קאָסט אָפּ אַ ביסל...

ס'זענען געקומען אַלץ נייע מענטשן. באַדינער האָבן זיך גע־שטופּט דורך דעם געדיכטן עולם, מיט טאַצן מיט געטראַנקען און צו־בייסנס... עמעצער האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע. אין אַ ווינקל האָט זיך יונגוואַרג אויסגעזעצט אין אַ גרויסן קרייז, מ'האָט זיך דאָרט אַפּנים שטאַרק משמח געווען... הילכיקע צעברויזטע קולות און געלעכטערס האָבן פון דאָרט געקלונגען אָן אויפהער...

מיט בענען, דעם צוקונפטיקן אַקאַונטענט, איז געשען דאָס זעלבע וואָס תמיד ביי אַזעלכע געלעגנהייטן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום די לוסטיקע קרייזלעך פון דער רייכער זייט פון משפחה, אָבער ער איז געבליבן אין דער זייט... אַן אייגענער, אָבער פאָרט נישט קיין אייגענער. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער איז געקומען.

משה גאַרפיין האָט געפלאַמט, געוואָרן אַלץ נערוועזער, געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט... זיינע אויגן האָבן זיך געטונקלט מיט די שווערע געדאַנקען. ער האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן... פּאַסט זיך ביי אַזאַ געלעגנהייט? אַ שמחה פאַרשטערן? און אפשר איז דאָס גראָד אַ גוטע צייט, ווען ער איז גוט אויפגעלייגט... ער מוז עפּעס טאָן מיט דער באַנק, מ'קאָן עס לענגער נישט לאָזן, ס'וועט קומען צו אַן אומ־גליק, מ'וועט אים אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס... שטופּנדיק זיך דורכן

זאַל, האָט ער זיך אַנגעשטויסן אָן זיין ברודער, אים אַוועקגערופן און תיכף אַרויסגעפּלאַצט:

— סעם, איך דאַרף ביי דיר אַ טובה... וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך באַלעסטיק דיך ביי אַזאַ געלעגנהייט... איך האָב צו דיר אַ בקשה, עס האָט זיך אַזוי אַ דריי געטאָן... מוזסט מיר אַרויסהעלפן...

סעמס, דעם מיליאָנערס פּנים איז כהרף עין פאַרפרוירן געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אַנגעשפּיזט ווי ביי אַ מענטשן בשעת אַ סכנה... צו געבן זיך אַ ביסל צייט אַ טראַכט צו טאָן, האָט ער ברוגזלעך געזאָגט:

— וואָס־זשע עפּעס איצט? קום אַריבער, וועלן מיר רעדן...

משה האָט ווייטער געשטורעמט:

— סעם, איך מוז האָבן פינף הונדערט דאָלער. איכ'ל דיר געבן אַ נאָוט אויף דריי חדשים. נישט מער. ס'איז אַ לעבנס־זאַך.

— פינף הונדערט דאָלער? וואָס דאַרפסטו פינף הונדערט דאָלער?

דאָס איז גלאַט געוואָרן געוואָרן געוואָרן. סעם האָט געהאַט אַ געגנויע אינפאָרמאַציע פון בעריש „קנאַק” וועגן משהס מסחר מיט סטאַקס. משפחה האָט אים אויך צוגעטראָגן די נייעס. ער אַליין האָט נישט געהאַלטן פון סטאַק פאַר קבצנים... ער האָט שוין אויך אַריינגעבראַכט אַ היבש ביסל געלט און איז געוואָרן אש להבה קעגן די ביזנעס. און ווער? אַ קבצן, וואָס האָט אַ משפחה צו פאַרזאָרגן... בעסער איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וועט ער מער נישט פּרובירן, אַ נישט, וועט ער זיך נאָך ווייטער אַריינטרייבן.

באַפעסטיקט מיט די גוטע מאָראַלישע כוונות, איז שוין ביי אים איצט געוועזן באַשלאָסן אָפּצוזאָגן אים תיכף אויפן אָרט.

— סאָרי, בראָדער — האָט ער געזאָגט — איך האָב געהאַט גרויסע עקספּענסעס. איך קאָן נישט.

— וואָס, סעם? האָסט מיר מורא צו לייען, איך וועל ביי דיר דאָס געלט נישט צונעמען. דו קענסט מיך...

וואָס מער משה האָט געפּלאַקערט, איז סעם געוואָרן מער קאַלט און פרעמד.

— סאָרי, בראָדער, כ'האָב איצט נישט.

נו, אפשר אין אַ פּאָר טעג?

— סאָרי, בראָדער.

משה, וואָס איז אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן פון אָפּזאָג, איז אונטער די ווייטערדיקע „סאָרי, בראָדער" געקומען צו זיך, פאַרשטאַנען אַז ס'איז אַן עבירה יעדעס וואָרט, אַז ער האָט אומזיסט זיך דערנידעריקט. דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן צונטער־רויט, ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער נישט געפונען קיין ווערטער... ער האָט געקוקט מיט אַרויסגעקוואָלענע אויגן אויף סעמען. סעם האָט אים געלאָזט שטיין, אַוועק מיט אַ שטרענג פאַרהאַקט מויל...

בענען איז בעסער געגאַנגען. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ מיידל — אַ רייך מיידל פון די הויכע פענצטער... און דאָס מיידל האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ זייט און זיך מיט אים אויף אַ ווייכן שטול אַוועקגעזעצט און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד... אין אירע בליקן איז געווען אַזאַ וואַרעמקייט... ביים קאַלטן בענען האָט זיך צעוואַרעמט ס'בלוט... ער האָט זיך צערעדט, אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס אויפן האַרצן: ער דאַרף נאָך צוויי יאָר, ער זאָל קאָנען עפענען אַן אָפיס. און מיט די ריכטיקע פאַרבינדונגען און אַ ביסל געלט... ער פילט, ער האָט „די סטאָף אין הים", מען זאָל אים נאָר לאָזן... פינף יאָר און ער וועט זיין אויבן אָן...

צוליב עני׳ן

הערי סיגאַל איז געזעסן אין אַ רעסטאָראַן, געזופּט געפּרוי־רענע קאַווע און געצויגן נערוועז דעם רויך פון אַ סיגאַרעט. אָ, ס׳פילט זיך גוט אַ ביסל רו נאָך אַ טאָג אַרבעט אין דער שטיקנדיקער היץ. ער האָט זיך אָבער צופיל אָנגעשטאָפּט. מען מוז זיך דען אַזוי פיל אָנעסן? בפרט נאָך אין אַזעלכע היצן?! נאַ, ס׳עט איבערגיין. ער וועט נעמען אַ קאַלטן „שאוער" אין דער היים. וואָס וועט ער טאָן אַ גאַנצן אָוונט אין ליידיקן הויז? מ׳עט זען. מען קאָן דערווייל זיצן און אָפּרוען זיך אַ ביסל. ער פאַרציט זיך מיט הנאה מיטן סיגאַרעט און קוקט זיך אום אויף די מענטשן.

פּלוצעם האָט ער אַ ציטער געטאָן. ס׳איז אַריין אַ מאָגערער מאַן מיט אַ גרויסער טשופּרינע, אין אַ כאַקי־העמדל מיט אַ לעדערן רענצל אין האַנט. אַפּנים ערשט פון דער קאַונטרי געקומען. דער בחור האָט אויף זיך דערפילט סיגאַלס בליקן. ער האָט זיך צעמישט, געוואָלט זיך מאַכן נישט זעענדיק, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און סיגאַל האָט צו אים אַ פאָך געטאָן מיט דער האַנט.

— אָ, מר. סיגאַל — האָט דער בחור אַ צעמישטער געזאָגט, כ׳האָב אייך נישט דערקענט.

— כאַ, כאַ, כאַ — האָט סיגאַל נערוועז אַ לאַך געטאָן — איר לעבט אַ גוטן טאָג. מ׳זעט איר קומט ערשט פון קאַונטרי, פריינד באַרקאַן, נישט ווי מיר מוזן זיך דאָ פּראַזשען אין דעם גיהנום.

— ע, יאָ. איך האָב געהאַט אַ פּאָר טעג. איר ווייסט דאָך „סלעק"... און וואָס מאַכט איר? איך האָב געוואָלט אויסטרינקען אַ גלאָז מילך, כ׳קום ערשט פון דער שיף.

באַרקאַן איז געשטאַנען מיטן רענצל אין האַנט. זיין פּנים און

קול האָבן קלאָר געזאָגט, אַז די באַגעגעניש איז אים שטאַרק נישט צום האַרצן.

— טאָקע? לייגט זשע אַוועק דאָס רענצל, איר זעט אויס עפּעס — סיגאַל האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן — ווי אונדזער ניו־יאָר־קער לופט וואָלט אייך נישט גוט געשמעקט.

— יאָ, — באַרקאַן האָט אַוועקגעלייגט דאָס רענצל — ס'אַ מיאוסע היץ, כ'על נעמען אַ גלאָז מילך.

„ער איז געווען ביי ענין" — האָט סיגאַל אַ טראַכט געטאָן — זיין פּנים איז פינצטער געוואָרן, אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון פּיין.

— נו, — איז צוריקגעקומען באַרקאַן מיט אַ גלאָז מילך — האַ, איז ווי גייט עס עפּעס?

סיגאַל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

ווו זענט איר געווען, פריינד באַרקאַן? האָט ער געפּרווט אַ שמייכל טאָן.

באַרקאַן האָט געשלונגען די מילך און נישט אויפגעהויבן די אויגן. ער האָט געפילט ווי סיגאַלס אויגן שטעכן אים.

— ווו? אין פאַרשידענע פּלעצער. איר ווייסט דאָך... מ'פאָרט אַביסל דאָ, אַביסל דאָרט מיט „מאַשינקעס".

„ביסט אַ ליגנער" — האָט סיגאַל צו זיך געזאָגט.

אַ פראַגע האָט זיך אים געשטופּט אין האַלדז אַריין, ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך, נישט געקאָנט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. ער האָט געוואָלט פרעגן: איר האָט געזען ענין? אָבער די פּאָר ווער־טער האָבן נישט געוואָלט אַרויס פון זיין מויל. ער איז געזעסן מיט אַ צוזאַמענגעצויגן פּנים און מיט אַ זויער שמייכעלע.

וואָס דאַרף ער פרעגן, זעט ער דען נישט ווי יענער איז צע־מישט? ער ווייסט נאָך נישט ווי צו שפּילן די ראָל פון אַ ליבהאָבער... אַן אָנשטענדיקער מענטש, כאַ, כאַ... און אפשר נישט? אפשר איז עס גאָר זיין אייפערזוכט? וואָס איז... אַז ער האָט אים און ענין געטראָפן עטלעכע מאָל צוזאַמען, מוז דען שוין...

— נו, גוד־באַי מר. סיגאַל, מ'מוז זיך איילן, איבערטאָן, אַרומ־וואַשן... גוד־באַי.

סיגאַל בלייבט זיצן ווי עמעצער וואָלט אים אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ. ער דריקט זיך דעם שטערן מיט די הענט. אָך, וואָלט ער אים אויסגעפּאַטשט. אַזאַ גאָרנישט, אַזאַ... ע, ס׳איז נאָר אייפער־זוכט... וואָס איז אַז אַ פריינד פאָרט זיך זען? מוז ער גלייך טראַכטן גאָט ווייסט וואָס?... — זי איז דאָך אַ יונג מיידל און דו ביסט אַן אַלטער... כאַ, כאַ, אַן אַלטער... יאָ, שוין נישט קיין יונגער... געדענקסט, זי האָט ביי דיר אַ גרויע האָר געפונען און ווי דו ביסט געוואָרן אַ דער־שראָקענער. — וואָס זשע האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — האָט זי גע־פרעגט. ער האָט אַ לאַך געטאָן: — דערשראָקן זיך?

ער דערמאָנט זיך, אַז ערשט די לעצטע וואָך האָט ער איר געשיקט הונדערט דאָלער, זי זאָל קאָנען בלייבן דעם גאַנצן זומער אין קאָונטרי, און די הונדערט דאָלער זענען אים נישט לייכט אָנגעקומען. ער האָט געמוזט אַרומלויפן לייען זיי. אַז דער מאַן איז אַ נאַר... וואָס זשע, ווייסט דאָך אַז זי איז נישט פאַרליבט אין דיר... זי ווייזט עס דיר אָפן. דו האָסט דאָך נישט איין מאָל געזאָגט, אַז פיזישע ליבע איז נישט אַלץ, אַז דיך מיט ענין בינדט עפּעס שטאַרקערס צוזאַמען... פאַר־וואָס זשע איצט די מערדערישע ביי‌זקייט?

— זי לעבט מיט אַנדערע, זי איז אַ פאַלשע! — האָט סיגאַל מיטן פויסט אַ זעץ געגעבן אין טיש.

די מענטשן אין רעסטאָראַן האָבן אויף אים געקוקט פאַרוווּנ־דערט... אַלע האָבן אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן. סיגאַל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַרויסגעלאָפן.

ער האָט זיך געשטופּט צווישן די מענטשן ווי אַ קריפּל וואָס שעמט זיך מיט זיין מום. מיט אַ צעקרימט פּנים, מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ איז ער געלאָפן איבער די גאַסן.

פאַר אַ טעאַטער, באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן מיט האַלבנאַקעטע מיידלעך, איז געשטאַנען אַ מענטש אין פראַנצויזישע קליידער מיט אַ פאַרב־באַשמירט פּנים און געשריגן מיט אַ ניגון:

— די „שאָו" האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, ערשט אָנגעהויבן. די שענסטע מיידלעך אין ניו־יאָרק. דער בעסטער בורלעסק אין שטאָט. ראַמאַראַ, די וווּנדער־טענצערין, ערשט אָנגעהויבן, קאָם אַן!

סיגאַל האָט זיך מעכאַניש געשטעלט אָנקוקן די בילדער. אַ

ציניש געלעכטער האָט זיך פון אים אַ ריס געטאָן. „די שענסטע מיידלעך" האָט ער דערנאָך איבערגעחזרט. „קאָם אָן, קאָם אָן".

ער איז אַריין און געקויפט אַ בילעט.

אינעווייניק, ווען ס'האָט אים אַרומגענומען די גרילצנדיקע דזשאַזמוזיק און דער דומפיקער שוויס־ריח און ער האָט דערזען די גראָבע, רויטע פּנימער פון דעם עולם, האָט ער זיך פאַרשעמט. דאָס מיידל האָט אים געוויזן זיין פּלאַץ. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און גענומען לייענען דעם פּראָגראַם.

זיין עקל איז געשטיגן ווען ער האָט דערזען די מיידלעך אַרויס־קומען אין ביידינג־סוטס און בייגן זיך, וואַרפן מיט די פיס אין אַ טאַנץ, וואָס איז אָפן אויסן געווען אויפצורייצן די ליידנשאַפט.

סיגאַל האָט מיט אַ שפּאָטיש פאַרקרימט פּנים געקוקט אויף די פאַרגאַפטע פּנימער פון עולם. אין דעם העלן ליכט וואָס איז געפאַלן פון דער בינע אויפן פאַרטונקלטן זאַל, האָבן די פּנימער אויפגעשוואָלן רויט און ווייסלען פון די אויגן האָבן אַרויסגעשיינט. ס'האָבן זיך גע־הערט פאַרשטיקטע געלעכטערס.

די מיידלעך זענען איצט אַרויס אין קורצע הייזלעך און קאָ־לירטע שאַלן, וואָס זיי האָבן אין טאַנץ צעפלאָנטערט אַרום זיך, אויפ־דעקנדיק די נאַקעטע קערפּערס.

סיגאַל האָט מיט פאַרוווּנדערונג דערפילט, ווי ער ווערט אַרומ־גענומען פון דער ליידנשאַפט, וואָס האָט דאָ אין דעם דושנעם פאַר־רויכערטן זאַל געברענט אין אַלע אויגן. ער האָט געקוקט אויף די מיידלעך, וואָס מען האָט צוזאַמענגעטריבן פאַר אַ פּאָר דאָלער צו רייצן דעם עולם מיט זייערע לייבער.

צווישן די אַלע מיידלעך איז אים אויפגעפאַלן איינע, די לעצטע אין דער ריי. זי איז געווען יונג און נישט געשמייכלט ווי אַלע, נאָר געטאַנצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

„זי שעמט זיך" — האָט סיגאַל געטראַכט. „אָרעם מיידל, זי מוז עס טאָן פאַר די פּאָר דאָלער"...

ער האָט פון איר נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. אין לעצטן אַקט האָט דאָס מיידל אים אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן. סיגאַלן האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ.

ער וועט זיך מיט איר באַקענען... זי איז אַן אַנדערע פון די אַלע... סאַראַ דינעם מיידלשן קערפּער זי האָט!...

סיגאַל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טויער, נאָך דעם ווי דער טעאַטער עולם איז זיך צעגאַנגען, וואַרטן אויף איר. ער איז אַרומגע־לאָפן, געלאַכט צו זיך, אַלץ אַרום אים איז אויסגעקומען אַזוי אַנדערש ווי שטענדיק. זיין וואַרטן דאָ פאַר אַ „בורלעסק״!... ער איז עפּעס נישט דער זעלבער מענטש... אַל־רייט, זאָל זיין אַזוי...

דאָס מיידל האָט מיט אַ שמייכל פון דערקענונג געענטפערט אויף זיין גוט־אָוונט. זיי זענען אַוועק אין דעם זעלבן גרויסן רעסטאָראַן, ווו ער האָט זיך געזעגנט מיט באַרקאַנען.

סיגאַל האָט נאָך די ערשטע פּאָר ווערטער פאַרלוירן דעם אינ־טערעס צו דעם מיידל. איר קאָקעטיש־אויסגעלאַסענער קוק האָט אים אָפּגעגאָסן ווי מיט קאַלט וואַסער. זי איז נישט קיין יונגע און נישט אַנדערש פון אַלע. זי איז געווען אַזוי אָנגעפּודערט און געפאַרבט, אַז ס׳האָט אויסגעזען זי טראָגט אַ מאַסקע.

סיגאַל איז געזעסן אַן אַנגעכמורעטער, אַ פאַרטראַכטער, פאַר זיינע אויגן איז אויפגעשוווּמען דאָס בילד, ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט ענין ווען זי איז אַוועקגעפאָרן אין קאַונטרי. ער זעט דעם שמייכל אויף אירע נאַסע, פולע ליפּן, ער זעט איר בלאָנדן קאָפּ מיט די גלייכע ברעמען, וואָס זענען אויס ווי איין ליניע, אַז דער שטערן סטאַרטשעט אַרויס ווי אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר... ביי קיין שום פרוי האָט ער נאָך נישט געזען אַזאַ שטערן צוזאַמען מיט אַזעלכע ליפּן ווען זי שמייכלט... און ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט געטראָפן ענין מיט באַרקאַנען אין פּאַרק אויפן גראָז ביים קאָנצערט, ווען זי האָט אינדערפרי געזאָגט, אַז זי וועט נישט זיין ביים קאָנצערט און ווי זי איז אַ פריידיקע צו־געלאָפן צו אים און אים באַקאַנט מיט באַרקאַנען: „מיין פריינד באַר־קאַן״. ווי באַרקאַן איז בלאַס געוואָרן און זיך פאַרקרימט. אַזוי האָט ער היינט אויך אויסגעזען: „פריינד באַרקאַן״...

דאָס מיידל האָט געוואָלט אים אַרויסרייסן פון פאַרטראַכטונג, האָט זי אויף אים אַ שפּריץ געטאָן מיט אַ ביסל וואַסער. ער האָט גע־פילט ווי איר אַ פּאַטש צו געבן.

זיי זענען אַרויס. דאָס מיידל האָט מיט אַ פינגער אַ פּיר געטאָן

איבער סיגאַלס האַלדז און טוליענדיק זיך צו אים געפרעגט: — וווּהין גייען מיר איצט?

ער האָט זי אָנגעקוקט. גיי צום טייוול — האָט ער צו זיך געזאָגט — אָבער ער האָט זיך געשראָקן צו בלייבן איצט אַליין. אַרויפ־בעמען זי צו זיך — איז סיגאַלן דורך אַ געדאַנק. ער האָט אַ ציטער געטאָן ביי דעם געדאַנק. אין עניס הויז!... יאָ, פאַרוואָס נישט? אַ ציגישער נקמה־געפיל האָט אויפגעקאָכט זיין בלוט. פאַרוואָס נישט?... צום טייוול.

— קום, קום אַרויף צו מיר — ער האָט צוגערופן אַ טעקסי.

*

סיגאַל איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און געקוקט אין דער פינצטערניש. דאָס מיידל איז שוין פון לאַנג אַוועקגעגאַנגען. איבער די גאַסן האָט זיך שוין געהערט דאָס קלאַפּן פון מילך־וואָגנס. ס'האָט זיך אויך געהערט דאָס הייזעריקע ווייטע טרובען פון שיפן. ער זיצט שוין אַזוי אַ שטיק צייט מיט שטומע אויגן.

די געשעענישן פון דער נאַכט האָבן עפּעס איבערגעבראָכן אין אים, אין זיין ביז איצטיק לעבן... און די פינצטערניש, וואָס איז ווי די צייט, גיסט זיך, פליסט, טראָגט אַוועק דאָס אַלטע און ברענגט נייעס... וואָס ברענגט זי אים?... די שיפן רעווען ווי אָקסן פאַר דער שחיטה...

און אפשר זאָל ער שרייבן צו ענין? זיין ליבע צו איר איז נאָך מער געלייטערט געוואָרן אין דער נאַכט. ווען ער קאָן געפינען די ווערטער צו עפענען פאַר איר זיין האַרץ... אפשר וועט זי פאַרשטיין... ער טאָר נישט אויפגעבן...

כאַ, כאַ, וואָס נאַרט ער זיך? וואָס איז ער ווי אַ קינד?... ער דערזעט ענין מיט איר געוויינלעך קאַלט און כמורנע פנים, מיט איר געוויינלעכער, גלייכגילטיקער האַלטונג... וואָס זענען רייד? וואָס קאָנען זיי דיר העלפן?... נאַר, נאַר! דו ביסט אַן אַלטער און באַרקאַן איז יונג! און דאָס איז דאָס געזעץ פון לעבן... דער יונגער קערפּער ציט צום יונגן. דו וואָיעסט פון פיין, האָט עס אַ ווערט ווי די קאַץ וואָס וויינט דאָרט אין מיסטקאַסטן...

— אָ, עני — גיט ער זיך פּלוצעם אַ קאָרטשע — עני. עני! וואַרפט זיך סיגאַל אין קישן.

ס׳טאָגט שוין. אויף דער גאַס הודזשען שוין אויטאָמאָבילן. סי־גאַל קוקט אויף די צעוואָרפענע זאַכן אין שטוב און ס׳זעט אים אַלץ אויס פרעמד. אין קאָפּ זשומעט. פאַר די אויגן טראָגן זיך די לאסקעס פון בורלעסק־מיידל. ער טרייסלט זיך אָפּ פאַר עקל. ער לייגט זיך, וויל איינשלאָפן. די בילדער פון דעם מיידל קומען צוריק, רייצן זיך מיט אים. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זי טרעפן מאָרגן, פאַרן טעאַטער. ער דריקט צו שטאַרקער די אויגן, דעקט זיך איבער מיט דער דעקע און מאַטערט זיך איינצושלאָפן.

זי וואַרט

צו מזרח פון סענטראַל־פּאַרק אין די זיבעציקער און אַכציקער גאַסן, ליגן פאַרשטופּט צווישן מאָדערנע, רחבותדיקע הייזער, אַלטמאָדישע היימען, פאַרבליבענע פון פריערדיקע צייטן, וואָס זענען איצט דער מקום־מקלט פאַר אורחי־פורחי־ניקעס — מענטשן וואָס וווינען אין מעבלירטע צימערן. אַמאָל האָבן זיי געזען בעסערע צייטן; געווען היימען פון ניו־יאָרקער גע־שעפטסלייט, ווען ניו־יאָרק האָט ערשט גענומען ווערן א גרויסע וועלט־שטאָט און אַ האַנדלס־צענטער.

איינס פון די הייזער מיט באַלקאָנטשיקעס און סקולפּטורירטע קאַר־ניזן באַלאַנגט איצט צו אַ קאַמישער אַלטיטשקער מיט אַן איינגעשרומפּן, פויגלדיק פּנימל. זי איז זייער באַיאָרט, אָבער נאָך גאָר רירעוודיק און אויך ווי אַ פאַרבלייבעכץ פון אַ פריערדיקער צייט, מיט אַנדערע מנהגים און פּירעכצן, איז זי שטאַרק פאַרקאָכט אין דער מאָראַלישער אויפפירונג פון אירע געסט, ווי זי רופט זיי. זי קוקט דורך אַ שפּאַרונע פון איר וווינונג ביי דער טיר, ווער ס׳קומט אין הויז אַריין און ווער ס׳גייט אַרויס. די מאָראַל איז נישט ווי אין די אַמאָליקע צייטן, קלאָגט זי כסדר.

ביי איר האָבן געוווינט צוויי יידישע שאַפּ־מיידלעך, שוועסטער. זיי האָבן געהאַט אויף דעם אייבערשטן שטאָק אַ קליינעם אַפּאַרטמענט: אַ גרויס שלאָפצימער מיט אַ קיכל דערנעבן. זיי זענען געקומען פון אַ פאַר־מעגלעכער רוסישער היים, געלערנט אין רוסישע שולן, געלייענט רוסישע בי־כער און געגאַנגען צו קאָנצערטן. אין אַמעריקע האָבן זיי געמוזט גיין אַר־בעטן, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר בעסערע ווי די פּשוטע שאַפּ־אַרבע־טאַרינס, מיט וועלכע זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען. זיי האָבן אויך דאָ געלייענט רוסישע ביכער, געגאַנגען צו לעקציעס און קאָנצערטן און אָפּגעהיט די פון דער היים אַריבערגעבראַכטע אַנדערשקייט. באַלד אין די ערשטע יאָרן זענען זיי אַוועק פון דער איסט־סייד, ווו זיי האָבן צוערשט געוווינט און וואָס איז זיי שטאַרק נישט געפעלן, און געפונען זיך אַ דירה אין אַ שטי־לער גאַס, אין אַן אַריסטאָקראַטישער הייזקע מיט נישן, מיט וואַזעס און

לעמפּלעך און אַ פּיאַנע אין דעם אויפנאַם־צימער אונטן, מיט שאַפעס ביכער, וואָס די אַלטע לענדליידי האָט געירשנט פון איר משפחה.

די שוועסטער זענען געשלאָפן אין איין בעט און געקאָכט אין זייער קעכל היימישע מאכלים, געגעסן שוואַרץ ברויט און אַ סך גרינסן — אַ סגולה צום געזונט און אַ מער איידעלער ענין ווי עסן פליייש. ס'איז ביי זיי געווען איינגעפירט, אַז איין טאָג טוט איינע די גאַנצע הויזאַרבעט, קויפט איין און קאָכט און רייניקט, און אַ צווייטן טאָג — די אַנדערע. אין אָוונט האָבן זיי שפּאַצירט אין סענטראַל־פּאַרק, און זונטיק איז אַנאַ, די יונגערע, געגאַנגען אויף „הייקס" מיט אַ גרופּע „הייקערס" אויסער דער שטאָט. סאַראַ, די עלטערע, וואָס האָט געהאַט אַסטמע, און פון ווענען די שאַפּ־אַרבעט האָט שנעל געמאַכט אַ תל, האָט דאָס נישט געקאָנט טאָן.

ס'איז היינט געווען אַנעס טאָג. זי איז געקומען אַהיים באַלאָדן מיט פּאַפּירענע בייטלען. זי האָט אַוועקגעשטעלט די בייטלען אויף דעם ווייס באַמאָלענעם בלעכענעם קיך־טיש, זיך איבערגעטאָן אין אַ הויז־קימאָנע, זיך איינגעוואַשן און געשטעלט קאָכן די שפּייז פאַרן נאַכטמאָל: קאַרטאָפליעס אין די שאָלן און אַ זופּ פון גרינסן. ווען ס'עסן האָט זיך שוין געקאָכט, איז זי אַריינגעגאַנגען אין דער בשותפותדיקער וואוין־שטוב, וווּ אַ גרויס אַלטמאָדיש בעט מיט מעשענע שטאַנגען האָט פאַרנומען אַ גרויס שטיק פון שטוב. זי האָט זיך באַוועגט מיט נערוועזער ענערגיע, געטאָן אַלץ פלינק און גיך. זי האָט דורכן פענצטער אויסגעטרייסלט פון שטויב די דיוואַנטשיקעס, וואָס האָבן פון אַלטקייט פאַרלוירן יעדעס ברעקל פאַרב. אין גאַס איז געווען שטיל. אַ פּעדלער מיט אַ וועגעלע ברוכוואַרג האָט זיך געשאָקלט אין קעלניע. דאָס מאָגערע פערדל איז געגאַנגען טראָט ביי טראָט. גוווערנאַנטקעס זענען אַהיימגעגאַנגען פון סענטראַל־פּאַרק מיט די קינדער ביי די זייטן: אָפּגעהיטע גביריש־אויסגעכאָליעטע קינדערלעך. אַנעס אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט די קינדער מיט אויפגעגלאַנצטע בליקן. די גוווערנאַנטקעס האָבן איר דערמאָנט אָן פרויען פון דער אַמאָליקער היים מיט זייערע געזונטע, פרישע פּנימער.

אַנאַ האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער און איינגעזאַפּט די אָוונט־רויִקייט, אָבער דאָס בראַזגען פון „על"־באַן עטלעכע גאַסן ווייטער האָט צעריסן די מילדע אָוונטיקע שטימונג. זי האָט פאַרמאַכט ס'פענצטער און אַוועק צוריק אין קיך.

זי האָט דערהערט איר שוועסטערס סאָפּעדיק אָטעמען אויף די שטיגן. אויף די לעצטע עטלעכע טרעפּ האָט איר אָטעם געזעגט.

— דאָס ביסטו, סאַראַ? ביסט מיד? — האָט אַנאַ צו איר גערעדט, ווען זי איז נאָך געווען אויף די טרעפּ.

ווען סאַראַ איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זי זיך תיכף אַוועק־געזעצט אויפן נאָענטסטן בענקל און געזעסן, ווי אַ גולם. נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאָפּ איז איר פּנים געווען ווי באַשיט מיט אַ גרויען שטויב.

נאָך אַ מינוט פון שווייגנדיקן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט סאַראַ, ווי אַלע מאָל, געזאָגט:

— יאָ, איך בין מיד. קאָכסט שוין? וואָס קאָכסטו?

די שוועסטער האָבן געגעסן אין קיך. דאָס בייזע קלאַפּן פון „על״־באַן האָט זיך פון דער קיך, וואָס האָט געהאַט פענצטער צום הויף, ווייניקער געהערט. ס'איז געווען אַ וואַרעמער אָוונט און אַ ווינטל האָט אונטערגע־הויבן די פאַרהענגלעך פון אָפענעם פענצטער. ס'האָט זיך געהערט אַ טרובעל פון אויטאָמאָבילן, געשרייען פון קינדער. נאָך איידער זי איז פאַר־טיק געוואָרן, האָט סאַראַ דערפילט אַ מידקייט. „איך בין זייער מיד", האָט זי איבערגעחזרט, הויך אַ גענעץ געטאָן און איז אַוועק זיך צולייגן. אַנאַ האָט דער שוועסטער נאָכגעקוקט מיט רחמנות געמישט מיט פאַריבל, וואָס מ'פילט צו אַ קראַנקן.

אַנאַ האָט אָפּגערייניקט דעם טיש, געטאָן אַלץ גיך, איילנדיק, גע־קוקט אויפן זייגער. זי איז אַריין אין באַדצימער, זיך גוט איינגעוואַשן און אַרויסגעקומען אַ שמעקעוודיקע פון זייף. זי האָט געקעמט די האָר פאַרן שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, וווּ די שוועסטער איז געלעגן. געלאָזן דורך די הענט די לאַנגע ברוינע האָר און געשפּילט זיך מיט זיי.

— סאַראַ, איך וויל דיך עפּעס בעטן. גיי ערגעץ. גיי אין די „מוּוויס", אין לאָעס טעאַטער ווייזט מען אַ גוט בילד.

— וואָס? — פרעגט סאַראַ. זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן, אפשר האָט זי נישט געהערט וואָס די שוועסטער האָט געזאָגט.

— ס'נישט גוט צו שלאָפן באַלד נאָכן עסן. גיי אין די „מוּוויס", איך בעט דיך.

סאַראַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן.

— פאַרוואָס וואַרפסטו מיך אַרויס, אַנאַ?

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, סאַראַ. איך בעט דיך, גיי אין די „מוּווים”.

סאַראַס גרוי פּנים איז צעגליט, אין אירע אויגן ווייזט זיך פּיין.

— סאַראַ — זאָגט אַנאַ — איך בעט דיך, דוד דאַרף היינט אַרויפ־קומען. איך האָב אים פאַרבעטן אויף טיי. איך וויל זיין אַליין.

— דאַרפסט מיך נישט טרייבן — דער גלי פון כעס איז אַוועק פון אירע אויגן. איר קול איז שטילער געוואָרן. זי האָט איבערגעחזרט:
— דאַרפסט מיך נישט טרייבן, ווי יוצא צו זיין. מיט גאָר אַן אַנדער קול האָט זי געפרעגט: — ווי האַלט עס ביי אייך, אַנאַ? מאַך נישט קיין סודות.

— וואָס פאַראַ סודות — האָט געזאָגט אַנאַ. זי האָט זיך אָפּגעדרייט פון דער שוועסטער און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין גאַס.
— נו, האַלט זיך מיט דיינע סודות, אָבער מיך דאַרפסטו נישט טרייבן.

סאַראַ האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט. איר קיילעכדיק, אַרבוזעדיק פּנים, ווי פון אַ דאָרפישער פּויערטע, איז געווען פאַרשלאָפן. זי איז אַראָפּ נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ אַ פּריש קליידל, געפּודרעוועט ס׳פּנים און געשמירט די ליפּן פאַרן שפּיגל. בעטאָן אַלץ פּאַמעלעך, שווער; אַן אַ „זייַ געזונט” האָט זי פאַרקלאַפּט די טיר.
— ענדזשאָיע דיך — האָט איר אַנאַ נאָכגעשריגן. מיט איר דין, צעברעקלט קול.

פון צערייצטקייט, וואָס דער איבעררייד מיט דער שוועסטער האָט אין איר אויפגעבראַכט, זענען אַנאַס באַוועגונגען געוואָרן נאָך מער פּי־בערדיקע און אייליקע. זי האָט געוואָרפן די קישנס, פאַרבעט ס׳בעט מיט אַן אויסגעשטריקטן צודעק, געמאַכט אָרדענונג אין שטוב, אויפגעדרייט די עלעקטרע אין דעם שיינעם אַבאַזשור־לאָמפּ, וואָס האָט באַהנט מיט אַ רויזיקן, געדעמפטן שיין ס׳צימער. אַן אומרו איז אין איר אויסגעוואַקסן, פאַרשרויפט דעם האַלדז. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, ווי איינער רעדט: נישט גוט אַזוי... אַן אומהיימלעכע שטילקייט איז געלעגן שווער. זי האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק אירע צעפּיבערטע אויגן מיט די בלויע גריבלעך אין שפּיגל. זי איז אַוועק נעמען אַ טוש.

צוריקגעקומען אַן אָפּגעפרישטע, ס׳פּנים און די אָרעמס פאַר־מעליקט מיט פּודער און שמעקעדיק מיט אַ ביליקן פּאַרפום, וואָס זי האָט

אויף זיך אַ שפּריץ־געטאָן, האָט זי אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ יום־טוב־דיק שוואַרץ קליידל, צוגעגלעט די האָר און געריבן די הויט אַרום די אויגן. זי האָט געהאַט דינע איידעלע הענט מיט לאַנגע פינגער, אָבער די הויט אויף זיי איז געווען ווי רוי־אָפּגעבריט. דאָס געפּאַסטע קליידל האָט אַרויס־געבראַכט אַ מיידלשע שלאַנקייט. ס׳פּנים איז געווען יונג, אָבער מיט אַ סך דינע קנייטשעלעך. די בריסטן זענען געווען קליינע, פלאַכע, ווי ביי אַ נישט־דערוואַקסן מיידל.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לייענען אַ צייטונג אין שאַקלשטול אונטערן שיינעם אַבאַזשור־לאָמפּ. איר האַרץ האָט זיך געוואָרפן אומרויק. פּלוצעם האָט עס זיך אַזאַ וואָרף געטאָן, אַז זי האָט עס דערפילט אין האַלדז, ווי עס וואָלט זיך אַהין געשטופּט. אין מויל איז איר געווען טרוקן. זי איז געווען מיד. זי וואָלט באַדאַרפט זיך אויסרוען. זי איז מיד פון אַזוי פיל יאָרן אַרבעט אָן אויפהער... זי איז מיד, טויט מיד... זי מאַסאַזשירט זיך די שלייפן, אין וועלכע דרעטעלעך שטעכן, דערקוטשען. אַלע ווילע לויפט איר אומרויק אויג אויפן זייגער. אין צימער איז שטיל. אַזוי ווי אַלץ וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

זי נעמט ווידער די צייטונג, וויל לייענען... פילט, ווי די צייט לויפט. אין דער היים איז ביי זיי געווען אַן אַלטמאָדישער, הילצערנער זייגער מיט אַ לאַנגן מעשענעם פּאַמפּעדיקל, וואָס האָט זיך אַזוי אומניי־טיק און קאָמיש צעלאָזט, געלאָפן הין און צוריק. דער זייגער האָט געוויזן ווי די צייט לויפט.

זי איז אויפגעשפּרונגען, אַרומגעדרייט זיך עטלעכע מאָל איבער דער שטוב, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, געקוקט אויפן זייגער. דער־פילט אַ קילקייט איבער די פּלייצעס, איינגעהילט זיך אין אַ קאָלירט שאַלעכל. זי האָט באַטראַכט די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען צעשטעלט אויף דער קאָמאָד. אָט איז זי מיט סאַרען, קליינע מיידלעך אין לאַנגע קליידער מיט שטאַרק ערנסטע, ווי דערשראָקענע פּנימלעך. זיי שטייען לעבן אַ באַנק, וווּ עס זיצן טאַטע־מאַמע, דער טאַטע אין שוואַרצן קיילעכ־דיקן קאַפּעליוש און אַ לאַנגער קאַפּאָטע, און די מאַמע מיט אַ היטעלע מיט פעדערן. די מאַמע זעט אויס ווי סאַראַ זעט איצט אויס.

מיטאַמאָל איז פאַר איר אויפגעשוווּמען פון אַ שפּעטערער צייט

אַן אַנדער בילד: פון אַ „היטש־הייק" מיט אַ חברטע צו ניאַגאַראַ־פאַלס. ס'איז געווען מיט יאָרן צוריק אין די סאַמע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. ס'איז געווען אַ צייט, ווען מ'האָט ליב געהאַט צו „הייקן". מען האָט זיך געשטעלט אין וועג און מיט אַ פינגער געוויזן די פאַרביי־יאָגנדיקע אויטאָס מ'זאָל אַריינגעמען, מ'וויל זען די וועלט. ס'נישט געווען גאָלע פאַרגעניגן: די פיס האָבן געבראָכן פון שטיין שעהן־לאַנג אין שטויביקן וועג, און די אויגן האָבן געברענט. זי געדענקט דעם לאַנגן וועג, וואָס האָט זי נישט איין מאָל פאַרמאַטערט, ביים וואַרטן עמעצער זאָל זיך אָפּשטעלן און זי אַריינגעמען אין אויטאָ אַריין. דאָס וואַרטן האָט געמאַכט שטאַרק אומגעדולדיק. זי האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט. געשלעפּט די חברטע, געזאָגט: „צום טייוול מיט זיי, לאָמיר גיין".

איצט דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַזוי שיין... און זע, ווי קלאָר עס שטייט נאָך אין זכרון אַ נאַרישקייט... אַ פאַרמער אין אַן אַלטער „טאַר־ראַדייקע" האָט זיי אַריינגענומען... זי איז געזעסן לעבן אים, איר חברטע ביי דער זייט. ס'איז געווען ענג און זי איז געווען צוגעקוועטשט צום פאַר־מער. פון פאַרמערס קליידער האָט זיך געפילט אַ שווערער ריח. ער האָט נאָך גאַנץ אומפאַרשעמט צוגעדריקט זיינע קני צו אירע, כאָטש זי האָט זיך געדרייט און געפּרוּווט זיך אָפּרוקן, און דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר קני. זי האָט געזאָגט שטיל, איידל: „פּליז". ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט. שפּעטער איז די האַנט ווידער צוגעוואַקסן צו איר לייב... ווי אַ מענטש געדענקט עס נאַרישקייטן.

ניין, דוד וועט שוין נישט קומען. פון דער שטילקייט אין הויז האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שפּעט. ס'איז קינדיש, האָט זי געטראַכט, ס'איז קינדיש פון איר, וואָס זי איז אַזוי צעטומלט. זי האָט דודן דערזען ווי אין אַ חלום. זי האָט אַ ציטער געטאָן פון פיינלעכער אומרויקייט. זי האָט דערפילט אַ האַס צו אים. דאָס גראָבע אָפּלאַכערישע שמייכעלע וואָס זי האָט דערזען איצט אויף זיינע אָפּשטייענדיקע ליפּן האָט זי אַ שניט געטאָן ווי אַ פּאַטש. אַ סך מיאוסע זייטן פון זיין כאַראַקטער האָבן זי אָפּ־געשטויסן. ער באַליידיקט זי, פאַרשעמט זי. זי האָט נישט געוווּסט צי זי האָט אים ליב, נאָר געפילט, אַז ער קאָן מיט איר אַלץ טאָן. אַז זי דער־הערט זיין קול אויפן טעלעפאָן, ווערט איר לייב שוואַך. זי טוט זאַכן וואָס קומען אויס שלעכט, אַט ווי ערשט מיט דער שוועסטער... געטריבן

סאַרעץ פון הויז: גיי, גיי, איך וויל זיין אַליין מיט דודן. די ווערטער האָבן געבריט איר מוח.

וואָס האָט זי געמאַכט אַזאַ ווען דערפון? דוד האָט אוודאי פאַר־געסן אָן דער ראַנדקע. אוודאי געפונען אַ בעסערע געזעלשאַפט...

ווי האַלט עס ביי זיי, האָט סאַראַ געפרעגט. פאַרוואָס האָט זי דער שוועסטער נישט דערציילט דעם גאַנצן אמת? פאַרוואָס האָט זי איר נישט דערציילט, אַז זי איז משוגע געוואָרן, אַז זי לויפט דודן נאָך, אַז דוד האָט זי אפילו אין זינען נישט, אַז אים אַרט נישט, וואָס מיט איר קומט פאָר...

איצט האָט זי ערשט אַלץ דערזען קלאָר: אונטער דעם שמייכלענ־דיקן פנים און די פריילעכע אויגן ליגט אַ קאַלטקייט. נישטאָ מער די נאָענ־טע ציטערדיקע ליבשאַפט, מיט וועלכער ער האָט זי אַמאָל באַגעגנט. זי האָט זיך אַליין געפרוווט איינרעדן, אַז ער איז צעטראָגן, אַז ער איז באַ־שעפטיקט און דערפאַר האָט ער קיין צייט נישט פאַר איר. זי האָט זיך דערמאָנט אַ טאָג, ווען זיי האָבן פאַרבראַכט אויסער דער שטאָט, ווען זיינע ווערטער און קושן האָבן אין איר אויפגעוועקט אַ קוואַל פון גליק... יענער טאָג האָט איבערגעלאָזן אַ ברענענדיקע בענקשאַפט און פיין... וויפל מאָל זי האָט אים שוין פאַרבעטן — קיינמאָל האָט ער קיין צייט נישט. און אָט האָט ער צוגעזאָגט, און איצט וואַרט זי ווי אַ נאַר. אפשר האָט ער אויף איר רחמנות, זעט ווי זי ציטערט, ווי זי פלאַמט אויף ווען ער קומט צו, ווען ער רירט זי אָן.

אַנאַ וויל זיך אויפהייבן און אַוועקגיין, נישט פאַרברענגען אַ גאַנצן אָוונט וואַרטנדיק, אָבער זי האָט נישט דעם כוח איבערצולאָזן די שטוב. אפשר, ווער ווייסט? אפשר וועט ער נאָך קומען? און וואָס וועט זי איצט טאָן אויף דער גאַס? זי וועט זיך דאָך פילן אַזוי ווי אַ קראַנקע צווישן געזונטע.

אַנאַ וואַרפט זיך מיטן קאָפּ אָן די קישעלעך פון בעט. וואָס זאָל זי טאָן? זי פילט זיך אַזוי דערשלאָגן. עס בלייבט איצט גאָרנישט איבער ווי נאָר צו וואַרטן. די געדאַנקען זענען צעשויבערט. אפילו דער אומגע־דולד איז אַוועק. ס'איז שפּעט, זי וועט זיך באַלד לייגן שלאָפן.

זי ליגט אויפן בעט, איינגעקאַרטשעט. איר פנים איז קלענער גע־וואָרן. די אויגן פינצטער און פאַרנעפּלט. זי וויל אים מער נישט זען.

*

סאַרעס סאָפּען און אירע שווערע טריט האָבן זיך דערהערט פון הינטער דער טיר. אַנאַ האָט זיך דערשראָקן, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי עפּעס נישט שיינס. זי האָט געכאַפּט די צייטונג און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי לייענט.

— דוד איז שוין אַוועק? — האָט סאַראַ, אַריינקומענדיק געפרעגט מיט איר פלאַך, בלאָס קול.

נישט קריגנדיק קיין ענטפער, האָט זי נאָכאַמאָל געפרעגט:

— אַנאַ, איך רעד דאָך צו דיר, דוד איז שוין אַוועק?

— יאָ, שוין אַוועק — האָט אַנאַ אַרויסגעמרוקעט פון בעט.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אויך געגאַנגען אין די „מוּוויס״ — האָט סאַראַ געזאָגט — אַ גוטע מוּווי. און וואָס האָט איר געטאָן דעם גאַנצן אָוונט?

אַנאַ האָט נישט געענטפערט.

— ער איז לאַנג געזעסן, דוד?

— ניין.

— וואָס ביסטו עס אַזוי ברוגז? עס שטייט דיר שוין נישט אָן צו רעדן? דערצייל וואָס איז געווען.

— ווילסט וויסן? — האָט אַנאַ פּלוצעם בייז אַ זאָג געטאָן — אַלץ מוזטו וויסן. נו, מיר האָבן זיך געקושט, געהאַלדזט. דוד האָט געזאָגט, אַז ער שטאַרבט נאָך מיר, באַלד וועט זיין די חתונה, וואָס נאָך ווילסטו וויסן?

— אַנאַ, וואָס איז מיט דיר? — האָט סאַראַ אַ דערשראָקענע געפרעגט, קוקנדיק אויפן אויסטערליש צעקרימטן פּנים פון איר שוועסטער.

האָטעל עלמספּאָרד

ניין אַזייגער אינדערפרי איז אַ גרויסע גלאַנציקע מאַשין צוגע־פאָרן צו איינעם פון די לוקסוסדיקע האָטעלן אין דער מערב־זייט פון צענטראַל־פּאַרק. עלמספּאָרד — האָט געשיינט דער נאָמען, אויסגעמאָלן מיט גלאַנציקע, גאָלדענע אותיות אויפן טויער. אַ ברייטפּלייציקער טיר־היטער, איינגעקרעמפּעוועט אין אַ טונקל־גרינעם מונדיר מיט מעשענע קנעפּ, איז צוגעלאָפן, אַרויפגעכאַפּט אויפן וועג אַ גאָטספּאָרכטיקע מינע אויף זיין איריש, רויט פּנים. דערזעענדיק, וואָס פאַראַ מין וואָגן דאָס איז, זענען זיינע אויגן געוואָרן קאַלעמוטנע. — וואָרט צו, איך לויף שוין נאָכן מענע־דזשער — האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטאָן.

דער מענעדזשער — אַ לאַנגער דזשענטלמאַן, מיט אַ שרונט איב־מיטן קאָפּ, אויסגעלייגט ווי מיט אַ ווירע, האָט עפּעס שטילערהייט גע־זאָגט צו די צוויי מענער אין דער מאַשין. דער טיר־היטער האָט פאַר זיי ברייט געעפנט די, מיט מעשענע פיגורן און בלומען באַצירטע, שווערע טיר. זיי זענען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און אַריינגעגאַנגען אין אַ טונקל צימער. דער מענעדזשער האָט אַרויפגעצויגן איינעם פון די אַראָפּגעלאָזענע ראָלעטן און געבליבן שטיין מיטן פּנים צום פענצטער.

אויף אַן עלעגאַנט בעט פון ליכטיק־געלן האָלץ איז געלעגן אַ מת, אַ יונגע פרוי, אין אַ לאַנג־שוואַרץ קלייד, אירע דאַרע, איידעלע הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. דאָס קליינע, איינגעשרומפּענע פּנים, מיט די אָפּגעשאַרטע ליפּן און אַ פול מויל געזונטע ציין, האָט געקוקט מיט אַן אומהיימלעך חוזקדיקן, נישט מענטשלעכן גרימאַס. פון דער נאָענט האָט מען אָבער געקאָנט זען אַרום די אויגן פּיין און שרעק און, דאַכט זיך, עפּעס אַ פאַרוווּנדערונג.

די צוויי מענער, וואָס דער מענעדזשער האָט אַרויפגעבראַכט, זענען צוגעגאַנגען צו דער טויטער און זי באַקוקט מיט קאַלטן נייגער. דער קלע־נערער פון די צוויי, מיט שאַרפע אויגן און אַ שפּיציקער גאָמבע, האָט גע־

פרעגט: — איז זי געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט? — דער מענע־דזשער ביים פענצטער האָט געענטפערט אַ קורצן ניין.

אַ!...

זיין חבר — קאַלטע רציחה אויף זיין בלאַס, קיילעכדיק פּנים און אין זיינע טיף־זיצנדיקע קליינע אויגן — האָט געזאָגט: — זי האָט גע־מוזט זיין אַ בראַדווייער שמעטערלינג... אַ מצווה אויף זיי...

— דער מענעדזשער האָט זיך צעשריגן: — וואָס האָט איר זיך אַוועקגעשטעלט רעדן? טוט אייער אַרבעט און גייט צו אַלדי־שוואַרצע יאָר! — די צוויי יונגען האָבן זיך אָנגעקוקט מיט באַליידיקטע בליקן. זיי האָבן נישט זייער איידל אַריבערגעטראָגן די טויטע פרוי אויף אַ טראָג־ברעטל, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט. דער מענעדזשער איז זיי נאָכגעגאַנגען, אַ בלאַסער מיט אַ שוויצנדיקן שטערן, באַגלייט זיי ביז צו דער מאַשין.

ווען די צוויי מענער האָבן אַריינגערוקט זייער משא אין מאַשין און די מאַשין איז אַוועק, איז דער דזשענטלמעניש מענעדזשער צוריק אַריין אין האָטעל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, גלייך ער וואָלט מורא גע־האָט, טאָמער איז צעשטערט געוואָרן די ציכטיק־דרימלענדיקע, יום־טוב־דיקע שטילקייט פון רייכן האָטעל. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. די טייערע דיוואַנען האָבן געלאַשטשעט די טריט, די וואַזעס און סטאַטועס האָבן געבלאַנקט. די באַמונדירטע דינער האָבן אויסגעזען פאַרנומען, זייערע פּנימער אויסגעליידיקט פון עפּעס אייגנס. דער בוכהאַלטער פון האָ־טעל, דער אַלטער מעקאַרטור, איז געזעסן ווי תמיד אויף זיין בענקל, זיין ליסער קאָפּ איבערן גרויסן קאָנטע־בוך, און דאָס טעלעפאָן־מיידל ביים „סוויטש־באָרד" האָט גערעדט אין טעלעפאָן.

דער מענעדזשער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מעקאַרטורן, מיט זיין זיידן טיכעלע זיך געווישט זיין פאַרשוויצטן שטערן, און געזאָגט:

— נו, גאָט צו דאַנקען, איבערגעקומען. מיס פּיקענס! — האָט ער זיך אויסגעדרייט צום טעלעפאָן־מיידל — אַלע אָנפראַגן וויל איך אַליין ענטפערן. פאַרשטאַנען?

— יעס, סער — האָט געזאָגט דאָס מיידל.

— יאָ, מעקאַרטור — האָט געזאָגט דער מענעדזשער — דעם חשבון האָט איר געמאַכט? וויפל איז זי אונדז שולדיק געבליבן?

מעקאַרטור האָט אויפגעהויבן זיין ליסן קאָפּ פון דיקן קאָנטע־בוך:

— איך האָב אייך איבערגעלאָזט דעם חשבון. אַן ערך דריי הונ־דערט דאָלער.

דער מענעדזשער זעט אויס, גלייך ווי מען וואָלט אים אַ שפּילקע אַריינגעשטאָכן אין פלייש אַריין.

— פאַרוואָס האָט איר פריער נישט געזאָגט? — האָט ער זיך צע־שריגן אויף מעקאַרטורן.

אין אַלטן בוכהאַלטערס אויגן האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ נקמה־דיק פייערל. ער האָט געענטפערט העזהדיק:

— איך האָב אייך נישט איינמאָל געזאָגט, אַז זי צאָלט נישט די בילס.

דער מענעדזשער איז בלאַס און צעקרומט.

— דער אַלטער וועט משוגע ווערן.

מען האָט דעם בוכהאַלטער נישט געדאַרפט אַריינלייגן קיין פינ־גער אין מויל אַריין. ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אויפן מענע־דזשער ציטערט אַזוי די הויט. דער אַלטער בעילין, דער אייגנטימער פון האָטעל, האָט פיינט צו פאַרלירן געלט. זיינע אייגענע קינדער קומט אָן שווער פון אים עפּעס אַרויסצוקריגן. דער סקאַנדאַל, און געלט נאָך דערצו...

מעקאַרטורס אויגן האָבן זיך פון גרויס הנאה באַהאַלטן אין די טיפע שוואַרצע קנייטשן.

דער מענעדזשער האָט זיך צוגעבויגן נענטער צום בוכהאַלטער:

— זאָגט נאָר, מעקאַרטור, מוז ער וויסן?

— מען קאָן נישט באַהאַלטן, — האָט געענטפערט מאַקאַרטור.

— דער אַקאַונטענט וועט אים זאָגן. מען מוז אָפּשרייבן פון די ביכער.

דער מענעדזשער: — גאָד דעם, פאַרוואָס האָט איר דאָס מיר פריער נישט געזאָגט?

דער בוכהאַלטער: — איך האָב אייך נישט איין מאָל געזאָגט.

דער מענעדזשער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין מעקאַרטורן. מען האָט געקאָנט מיינען: אָט געשעט עפּעס... אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. דער מענעדזשער האָט געוווסט, אַז דער באַלעבאָס האַלט שטאָל און אייזן מיטן בוכהאַלטער, וואָס שטייט שוין דאָ דרייסיק יאָר אויפן פלאַץ.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן פון טאָן:

— אַלרייט, מעקאַרטור — האָט ער געזאָגט — מירן שוין זען, וואָס מען קאָן טאָן. איך וועל רעדן מיט מיסטער בעילינען. — ער איז געשטאַנען אַ ווייל, כלומרשט פאַרטראַכט — איר ווייסט — האָט ער געזאָגט צוגעלאָזענער — זי האָט גענומען גענוג סם צו פאַרסמען אַ פערד, וואָס זאָגט איר נישט דערצו? — ער האָט זיך אויסגעדרייט צום טעלעפאָן־מיידל: איך וועל זיין אין מיין אָפיס, אויב עמעצער דאַרף מיך.

דער אַלטער מעקאַרטור איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין בענקעלע, אויף וועלכן ער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן איינגעהויקערט איבער זיינע ביכער, ווי אַ שוסטער איבער אַ פּאָר שיך, זיך איבערגעלאָפן עטלעכע מאָל איבער זיין שטייג, און זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין פריינדין, דער טעלעפאָניסטקע:

— איך האָב אים נישט געזאָגט. אַזאַ שלימזל. איך זאָג אים און זאָג אים... מיסטער וועגגלער, זאָג איך אים, דער ביל וועט אַלץ גרעסער. אַלרייט, מעקאַרטור, זאָרגט זיך נישט, איך וועל שוין אַכט געבן. ער וועט אַכט געבן. איצט האָט ער טענות, פאַרוואָס איך האָב אים נישט געזאָגט...

די טעלעפאָניסטקע האָט באַשעפטיקט אַן אַנדער ענין:

— און איר באַי־פרענד, דער קוירנעל, האָט נישט געוואָלט באַצאָלן? — האָט זי געפרעגט. נייגער האָט געברענט אין אירע צעשיינטע אויגן.

— ווער, דער קוירנעל? — האָט געזאָגט מעקאַרטור שאַרף, — ער האָט שוין געהאַט גענוג. ער האָט שוין לאַנג אָנגעזאָגט, אַז ער וועט נישט צאָלן. און איך גיב אים גערעכט.

— טאָקע? — האָט דאָס מיידל געפרעגט אַ פאַרצערטע.

מיט דעם קליינעם צוגעפאַרבטן פּנימל, מיט די קינסטלעך צו־געקרויזטע האָר און די מעטאַלענע טרובקעס איבער די אויערן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט.

אַ קנעפּל אויפן „סוויטש־באָרד" האָט זיך אָנגעצונדן רויט, אַ סימן עמעצער רופט. דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט אַריינגערעדט אין דער טרובקע מיט גרויס ערנסט: — יעסס־סער און אַזוי עטלעכע מאָל יעס־סער און יעס־סער. מעקאַרטור האָט זיך אָנגעשטייפּט און געהאָרכט. ער האָט שוין דערשפּירט, אַז דאָס רעדט זי מיטן באָס, דעם אַלטן בעילין.

דאָס סיגאַרעטל, וואָס ער האָט אַליין פאַרדרייט און זיך געגרייט אַרויס־צוגיין רויכערן, האָט ער צוריק אַריינגעוואָרפן אין שופלאָד. אַ קשיה אויף דעם אַלטן בעילינען. ער איז נישט קיין פוילער. ער קאָן זיך אָקאָרשט באַוויִיזן. דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט אים מיט אַ וווּנק אָנגעוויזן אויפן טעלעפאָן אויף זיין טיש. דער בוכהאַלטער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און פאָרזיכטיק אַראָפּגענומען דאָס טרייבל און צוגעלייגט עס צום אויער... זיך איינגעהערט אין דעם לאַנגן, היציקן שמועס צווישן אַלטן בעילין און דעם מענעדזשער. בשעת־מעשה האָט ער אַריינגעקוקט דער טעלעפאָניסטקע אין די אויגן און צו איר געווונקען און געדריקט צום אויער דאָס טרייבל נישט צו פאַרלירן חלילה דאָס מינדסטע וואָרט...

אַי, האָט זיך דעם אַלטן מעקאַרטורס האַרץ געקוויקט מיט די מוראדיקע באַסאָווע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון בעילינען צום מענעדזשער! ווי אַנדערש ס'איז איצט דעם מענעדזשערס קול! שוין נישט די קורצע, טרוקענע קאָמאַנדע. איצט צעטומלט בעטנדיק... דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט זיך אַלע ווײַלע אַרומגעקוקט אַ דערשראָקענע, מיט אירע שיינענדיקע אייגעלעך און געשמייכלט מיט אירע געפאַרבטע ליפּעלעך צום אַלטן בוכהאַלטער.

*

דאָס טעלעפאָן־מיידל האָט דערנאָך געזאָגט: — איך בין פאַר־בייגעגאַנגען די טיר, האָב איך זי געהערט זינגען. אַ גאָלדענע שטים. איך קאָן נישט גלייבן. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך פאַר איר ווידער גערופן די קאָנצערט־ביוראָ. עטלעכע מאָל אַ טאָג האָט זי גערופן. וואָס זי האָט געזאָגט, האָב איך נישט פאַרשטאַנען, זי האָט גערעדט אַ פרעמדע שפּראַך, געפרעגט אין איר משונהדיקן אַקצענט: איז דיס די דירעקטאָר ספּיק? זי האָט גערעדט אַזוי גיך־כאַפּנדיק און אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן, אַז איך בין זיכער, אַז מען האָט זי דאָרט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אַ לאַנגע צייט נישט אַראָפּגעלאָזט דאָס רערל, כאָטש מען האָט שוין דאָרט אויפגעהאָנגען...

מעקאַרטור האָט געזאָגט:

— איך האָב באַלד געזען, אַז זי איז נישט אונדזער קלאַס קאָסטיומער. איך האָב עס געזאָגט אונדזער מענעדזשער. אָבער אַזאַ חכם... איך וועל שוין אַכט געבן. ער וועט אַכט געבן. איצט רעדט ער... אַזאַ למך.

*

נאָך עלף אַזייגער האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די איינוווינער פון האָטעל. אָנבייסן האָבן שוין פאַר זיי אינדערפרי אַרויפגעטראָגן די קעלנערס אויף זילבערנע טאַצן, באַדעקט מיט ווייסע סערוועטקעלעך. מיטאָג ווערט פאַר זיי פון אינדערפרי אָן פיבעריש צוגעגרייט פון שוויצנדיקע קעכערס, וואַרט מען אין די ווייכע פאָטעלן פון דער „לאַבי". מען הערט זיך צו צו דער „ריידיאָ". מען זיצט גלאַט אַזוי.

דאָס רוב שטענדיקע איינוווינער זענען אַלטע דאַמען און הערן, וואָס טוען שוין גאָרנישט, (אויב זיי האָבן פריער עפּעס געטאָן), אויך עטלעכע דערפאָלגרייכע קינסטלער, זינגער, מוזיקער, וועמען עס לאָקט דאָ די שטילקייט און די לוקסוסדיקע, הויך־אַריסטאָקראַטישע פירעכץ...

די רייכע לייט קומען צו גיין מיט אַ זיכערן גאַנג, מיט שטרענגע אָנגעבלאָזענע פּנימער, אין וועלכע עס האָט זיך איינגעזאַפּט דער באַוווסט־זיין, אַז די אַלע משרתים, אַז די גאַנצע פּראַכט און לוקסוסדיקייט איז פאַר זייערטוועגן, זיי צו געפעלן... מען קאָן זען, אַז זיי זענען צוגעוווינט, אַז אַנדערע זאָלן זיי אונטערטראָגן, דערלאַנגען פון שענסטן און בעסטן. די מענער זענען אַזוינע רויקע, די דאַמען חוצפּהדיק, אָנגעבלאָזן — כאָטש גיב זיי דאָס טעלערל פון הימל... אפילו אויף די שוין גאָר עלטערע דאַמען און הערן זעט מען נישט אַזוי בולט די סימנים פון עלטער. פון ווילן און גוטן לעבן זענען זיי פיין פּרעזערווירט. די פיינע וואָלענע און זיידענע שטאָפן, די שמירעכצן און מאַסאַזשן און פּאַרפומען פאַרדעקן די פאַלדן, די צעקנייטשטקייט, באַהאַלטן דעם ריח פון פוילעניש...

עס גייט אַוועק אַ סדרה גוט־מאָרגנס, וואָס מעקאַרטור גיט אָפּ יעדן גאַסט באַזונדער. גוט מאָרנינג, מעדעם, גוט מאָרנינג, סער, גוט מאָרנינג. אַ טייל געסט שטעלן זיך אָפּ כאַפּן אַ שמועס מיטן בוקקיפּער (בוכהאַלטער). מעקאַרטור, מיט זיין צוגעוועלקט פּנים, פון אַלטן, באַגלויבטן משרת, איז דאָ זייער אָנגעלייגט ביי יעדן. גוט מאָרנינג, מיסטער דזשאָנס. גוט מאָרנינג, מאַדאַם. גוט מאָרנינג.

דאָס אַלטע פּאָרל, די גאַרדינערס, קומען אָן געאָרעמט, ווי אַלע מאָל, מיט ראַטשערדיקע טריט און זעצן זיך אַוועק אָפּרוען אויף דער נאָ־ענטסטער סאָפקע. ער לייגט אַוועק די הענט אויף די דאַרע פיס און זיצט אָנגעבויגן און סאַפּעט. שוין נישטאָ קיין איין האָר ביי אים אויפן קאָפּ. דאָס

פנים איז רויט, פֿאַרלאָפֿן און די אויגן, מטושטשע; זי איז אַן אויסגעבוי־גענע, מיט אַ קיילעכדיק, ווייס פנימל, מיט אַ נעבעכדיק שמייכעלע אויף די ליפּן, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: לאָזט נאָך אַ ביסעלע לעבן, כ'בעט אייך.

עס קומט, מיט מיליטערישע טריט, מאַיאָר סמיט. דאָס פּנים אָפּגע־בראָנדזט, די האָר קורץ געשניטן. ער ענטפערט מיט אַ מרוק אויף מעקאַרטורס גוט־מאָרגן און גייט ווייטער. עס קומען, זיך האַלטנדיק ביי די הענט, די שוועסטער קורטיס — צוויי אַלטע מוידן, אָנגעטאָן אין אַלטמאָדישע טונקעלע קליידלעך, פאַרקנעפּלטע און פאַרשנורעוועטע פון קאָפּ ביז די פיס, מיט פאַרגעלטע און צוגעשטויבטע פּנימער. זיי שטעלן זיך אָפּ אָפּנעמען פּאָסט. זיי האָבן שטענדיק אַ מאַסע פּאָסט. גוט מאָרנינג, גוט מאָרנינג.

די גרוי־האָריקע, שלאַנקע, מיידליש־אויסזעענדיקע מיסעס באַר־נעט, שטעלט זיך אָפּ באַצאָלן איר חשבון. מסתמא איז איר שוין מעקאַרטור דערגאַנגען די יאָרן מיט דערמאָנונג־בריוולעך. זי איז אַ שרעקלעך־באַ־שעפטיקטע, די מיסעס באַרנעט. זי פאַלט אַריין אין האָטעל מיט אַ מאַסע פּעקלעך און דערציילט יעדן: איך בין אַזוי פאַרנומען, האָסט גאָר נישט קיין באַגריף, יו העוו נאָ איידיע. זי גיט מעקאַרטורן אַ וואָרף דעם טשעק און הייסט זיך געבן אַ באַשטעטיקונג צו ווייזן מעקאַרטורן, אַז זי ווייסט ווי אַרומצוגיין מיט מענטשן, וואָס פאַרדינען עס, גיט זי דער טעלעפאָניסטקע אַ זיס שמייכעלע און פרעגט זיך ביי איר נאָך: טייערינקע, ווי פילסטו היינט? היינט איז אין איר צוגעלאָזנקייט אַ ספּעציעלער מיין: זי וויל אויסגעפינען וויפל עס לאָזט זיך וועגן זעלבסטמאָרד, פון וועלכן כמעט אַלע געסט אין האָטעל האָבן שוין געוווסט.

מעקאַרטור נעמט דעם צוגעוואָרפענעם טשעק מיט אַ העפ־לעכן „טהענק יו, מעדעם", ציט אַרויף די אייבערשטע ליפּ, עס זאָל אַרויס־קומען אַ שמייכל און ער באַטראַכט זי בשעת־מעשה מיט זיינע קריטישע אייגעלעך...

אַלס גוטער קאַטאָליק, האַלט מעקאַרטור נישט שטאַרק פון דער מיסעס באַרנעטס זינדיקע דרכים... זי מיינט — האָט ער נישט איין מאָל געגעבן צו פאַרשטיין דער טעלעפאָניסטקע — אַז זי וועט זיך אויף יענער וועלט אויך אַרויסדרייען פון צאָלן... דאָרט וועט אָבער אַלץ פאַרשריבן פונקט ווי ביי אים... אפילו מיט אַ סטעמפּ וויל זי מיך באַשווינדלען... אַי, זענען זיי קאַרג, די רייכע...

ביי דער טיר פון עסזאַל שטייט דער דזשענטלמענישער מענע־דזשער און בייגט ביים אָנקומען פון יעדן גאַסט טיף זיין קאָפּ מיטן גלייכן שרונט. ער זעט אויס ווי ער וואָלט ערשט אַרויס פון באָד. ער גלאַנצט פון קאָפּ ביז די פיס. אַ שמייכל ליגט צוגעקלעפּט צו זיינע ליפּן.

דער עסזאַל איז אַ געראַמער מיט אַ סך פענצטער. אַרום די טישן, באַדעקט מיט טייערע ווייס־בלאַנקנדיקע טישטעכער און באַפּוצטע מיט לאַנג־האַלדזיקע פלאַקאָנען מיט בלומען, האָבן זיך אַרומגעדרייט קעלנער, אין שוואַרצע אָנצוגן, מיט ווייסע ברוסט־אויסשניטן. זיי לייגן אויס זיל־בערוואַרג, סערוועטקעס, גלעזער.

זיי זענען אַלע אַלטע מענטשן, גרויע אָדער מיט שטיקער נאַקע־טע שאַרבנס, מיט אָפּגעטעמפּטע, נאָכגעלאָזטע פּנימער, וואָס זאָגן עדות אויף אַ לעבן פאַרבראַכט ביי קעלנעריי. זייערע אויגן האָבן אַ קוק פון אַלטע, מיד־געוואָרענע הינט. דער עלטסטער קעלנער שטעלט אַלעמאָל אַריין דעם קאָפּ אין קיך, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ דין טירל פון עסצימער — זען ווי עס האַלט דאָרטן...

די קיך איז טונקל, פאַרפאַרעט. די קעכערס און באַהעלפערס יאָגן זיך אַרום די קעסלען און טעפּ: ביי אַ לאַנגן טיש שטעלט מען צוזאַמען די פאַרטיקע צובייסנס, קאָמפּאָטן, סאַלאַטס. עס איז שפּעט און עס הערשט דאָרטן אַן איילעניש און אַ יאָגעניש.

די פיין־מאַנירטע דאַמען באַגריסן זיך מיט העפלעכע אויסגע־שרייען, מיט אויסגעשטודירטע שמייכלען. די סענסאַציע איז אין דער לופטן.

— האָסט שוין געהערט?

— ווייסט שוין, טייערינקע?

— אָ, מאַי דיר, איך האָב מיט איר ערשט נעכטן גערעדט.

— איך האָב שיעור נישט געחלשט! ס׳איז פּשוט שרעקלעך. ס׳איז אַן אַבסאָלוטער סקאַנדאַל.

אָבער די פראַגע אויף יעדנס ליפּן און אין יעדנס אויגן איז די זעלביקע, וואָס די טעלעפאַניסטקע האָט געפרעגט:

— נו, און דער קוירנעל?

איין דאַמעלע האָט געמיינט, אַז דער קוירנעל איז געווען דער זינגערינס מאַן.

— כאַ־כאַ — צעלאַכט זיך אַ דזשענטלמאַן.

אַ קרייזל רינגלט אַרום די מיסעס באַרנעט. פנימער פרומע, שטרענג־געוואָרענע, האָבן זיך צוגעבויגן און הערן זיך איין מיט דער גרעסטער כוונה צום זינדיק־ראָמאַנטישן שטיקל געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אונטער זייערע נעזער, בשעת זיי האָבן זיך אַזוי נישט אינטערעסאַנט געלאַנגווייליקט.

לויט מיסעס באַרנעט האָט עס אויסגעזען אַזוי:

ווען די זינגערין איז אַהער אָנגעקומען פון אונגאַרן, האָט זי גע־האַט אַ נאָמען. זי האָט געזונגען אין עטלעכע אייראָפּעישע הויפּטשטעט און געקומען מיט אַ היפּשער רעפּוטאַציע...

דאָ האָט זי געהאַט אַ פּאָר ריסייטלס, געזונגען מיט קלענערע אָפּע־רע־קאָמפּאַניעס, אָבער דערנאָך איז זי אַרויסגעפאַלן — און נישט גע־קאָנט מער געפינען קיין פּלאַץ פאַר זיך... נו, און דער קוירנעל? דער קוירנעל האָט געהאַט באַקאַנטשאַפטן אין אַרטיסטישע קרייזן. זיין ווייב, איז דאַכט זיך, געווען אַן אַקטריסע. איצט האָט ער געלעבט אַ טאָג, זיך געלאָזט ווילגיין. האָט ער איר געהאַלטן אין איין צוזאָגן אַ שטעלע. צי ער האָט זי אָפּגענאַרט מיט צוזאָגן, צי ער האָט טאַקע נישט געקאָנט גאָר־נישט אויפטאָן? ווער ווייסט!...

די טעלעפאָניסטקע האָט איר געזאָגט, דערציילט מיסעס באַר־נעט, אַז זי האָט געהאַלטן אין איין רופן סאָסייעטיס און אָרגאַניזאַציעס... „פור טינג". דער קוירנעל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן אירע בילס, האָט מען איר געהייסן אַרויסציען זיך. נעכטן ביינאַכט האָט זי אַ דינסט־מיידל געפונען אַ טויטע אויף איר בעט... „פור טינג"...

*

אין האָטעל האָט געוווינט און געהאַט זיין אָפיס דאָקטאָר ראָ־בערטסאָן. ער איז געווען אַ טעאָזאָף און אַ „גייסטיקער רופא". דאַמען האָבן זיך מיט אים מיינסטנס געעצהט, אָפּגעזעסן מיט אים שעהן־לאַנג. ער האָט אויך אָפּגעהאַלטן מיטינגען דאָ אין האָטעל, וואָס האָבן געצויגן אַ גרויסן עולם באַזוכער. זיין אויסזען איז געווען זייער אימפּאָנירנדיק: אַ הויכער, שטאַרקער מאַן, אַ קאָפּ שיינע, געדיכטע, גרוי־זילבערנע האָר; אַרויסשטאַרצנדיקע, מוסרנדיקע אויגן, אַ קרעפטיק פּנים.

ער האָט נישט נאָר געקאָנט שיין רעדן, נאָר אויך זייער שיין שווייגן, ווען ער האָט עס געהאַלטן פאַר נויטיק. ער האָט דעמאָלט אויס־געשפּילט מיטן פּנים אַלערליי געפילן. די אויסגעשפּרייטע הענט און זיי־נע פיין־געשניצטע פולע ליפּן האָבן שטאַרק געהאָלפן.

ער איז איצט אָנגעקומען, מיט די ענערגישע טריט זיינע, מיט אַ טאַבליצע אין האַנט, זיך אָפּגעשטעלט נעבן מעקאַרטורן:

— אַ טרויעריקע און אויסערגעוויינלעך־שאָקירנדיקע פּאַסירונג — האָט ער געזאָגט. זיין געזונט, רויטלעך פּנים פאַרשאַרפט, קאָנצענטרירט. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— איך וועל זען, אַז די אָרעמע שוועסטער זאָל האָבן אַלץ, אַלץ, וואָס מיר קאָנען טאָן פאַר איר אויף דער וועלט. אַלץ...

ער האָט געבעטן מעקאַרטורן, ער זאָל הייסן אַרויסשטעלן די טאַבליצע מיט דעם אָנזאָג פון היינטיקן מיטינג פיר אַזייגער... דאָס איז אַ ספּעציעלער מיטינג, גערופן פאַרן אָנדענק פון דער אָרעמער שוועסטער... כדי צו קריגן מיטלען פאַר איר לויה... ער איז געוואויר געוואָרן פון מענעדזשער, אַז דער „טשעפּל" רופט און רופט... וויל וויסן וואָס עס וועט זיין מכוח הוצאות... זאָל די טעלעפאָניסטקע אָפּרופן דעם באָס, מיסטער בעילין, פאַר אַ זייגער פיר און אים דערמאָנען צו קומען צום מיטינג... מיסטער בעילין האָט צוגעזאָגט צו קומען... מען דאַרף אים נאָר דערמאָנען...

מעקאַרטור האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שמייכל פאַר זיין באַלעבאָס, צרות — אַ צוגאָב צו די 300 דאָלער...

דאָקטאָר ראָבערטסאָן איז אַוועק מיט גרויס ווירדע, וואָס האָט אַראָפּגעגלאָנצט פון זיין שטאָלצן גאַנג און זיינע שיינע, גרויע האָר.

מעקאַרטור, נאָכקוקנדיק אים, מיט דער טאַבליצע אין האַנט, האָט ווידער נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן. מעקאַרטור האָט גרויס דרך־ארץ פאַר גייסטלעכע, אָבער איז דען דאָקטאָר ראָבערטסאָן אַ גייסטלעכער? אפשר איז ער גאָר אַ שווינדלער, וואָס נאַרט אויס געלט ביי רייכע ליידיס? און ווער ווייסט? מעקאַרטור האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ ספּעקולירנדיק־שפּאָטיש בליקעלע פון זיינע פאַרקוועטשטע אויגן...

*

עס איז שוין כמעט קיינער נישט געווען אין עסצימער, די קעלנערס האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַרשלאָפענע, ווען ס'איז אַריינגעקומען עסן מיטאָג

די באַרימטע רוסישע סאָפּראַנאָ, מאַדאַם לאַדונעץ. זי איז געקומען פון שטאָט, אין טייערן סויבעלנעם פוטער, מיט צוויי יונגעלייט ביי די זייטן: ביל קינגמאַן, פון קאָנצערט־ביוראָ און איר אַקאָמפּאַניסט, דער יונגער מוזיקער, וולאַדימיר מאַנקין. וולאַדימיר מאנקין און מאַדאַם לאַדונעץ האָבן געוווינט דאָ אין האָטעל. די צוויי יונגעלייט האָבן מאַדאַם לאַדונעץ אָפּגעגעבן דעם כבוד, וואָס עס קומט אַזאַ באַרימטער קינסטלערין. זיי האָבן איר געהאָלפן ביים אויסקלייבן וואָס צו עסן און צוגערעדט צו עסן, אַזוי ווי מאַדאַם לאַדונעץ וואָלט געוועזן אַ שעמעוודיקע און זיך געלאָזט פאַרטיילן מיט עפּעס גוטס.

מאַדאַם לאַדונעץ איז געווען אַ דיקע, באַלייבטע פרוי, מיט אַ געפּאַלדעוועטן האַלדז און אַ קליין קין־ביינדל, וואָס האָט זיך ברוגז אַרויסגעשטופּט פון איר פוכקע, שוין גוט געראונצלט פּנים. אירע קליינע קיילעכדיקע אויגן האָבן פאַרנעפּלט געגליט — איינגעקשנטע, אין זיך צוריקגעקערטע, נישט צופרידענע...

נאָכדעם ווי מאַדאַם לאַדונעץ האָט אַ ביסל געזעטיקט איר הונגער, האָט זי דערציילט ביל קינגמאַנען פונעם קאָנצערט־ביוראָ וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון דער זינגערין, פון וועלכן זי האָט געהערט אין שטאָט. דער בלאָנדער יונגערמאַן האָט זי אויסגעהערט מיט ערנסטער סימפּאַטיע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט צי זי איז געווען אַ גוטע זינגערין. מאַדאַם לאַדונעץ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן: און אַז אַ גוטע? ווער פאַרשטייט זיך? מען שאַצט דען אָפּ אמתע קונסט? ווער פאַרלאַנגט עס? ווען זי נעמט זיך צו דזשעז — דאָ האָט מאַדאַם לאַדונעץ געגעבן אַן אימיטאַציע פון אַ דזשעז־לידל — וואָלט זי געווען אַ סוקסעס... אָט נעמט... איר ווייסט וועמען איך מיין... דערנאָך האָט זי צוגעגעבן: זי איז מסתמא נישט געווען קיין ערשטקלאַסיקע זינגערין... זי האָט גערעדט הויך און זשעסטיקולירט מיט די הענט.

דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר, וולאַדימיר מאַנקין, איז געזעסן פאַרטראַכט. זיינע אומרויקע, געקוועלטע אויגן האָבן זיך געפּייכט פאַרצערטע. „דער אידעאַליסט" — האָט אים מאַדאַם לאַדונעץ גערופן. דער טויט פון דער זינגערין האָט אים שטאַרק גערירט. ער אַליין האָט איצט איבערגעלעבט אַ קריזיס־צייט.

איר טויט האָט אים אַ זעץ געטאָן ווי מיט אַ וואָרענונג: היט זיך!

מאַדאַם לאַדונעץ האָט דערפילט זיין שטימונג, מיט וואַרעמקייט געפרעגט: — דו פילסט אַזוי שלעכט, וולאַדימיר?

מאַנקין האָט זי אָנגעקוקט, נישט געענטפערט.

מאַדאַם לאַדונעץ האָט געזאָגט אַ דערצאָרנטע: — דאָס איז אַ בייז און האַרט לאַנד, אַן אומפאַרשעמט לאַנד. איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אין אונדזער דאָרף אין די בערג.

*

אין דעם פוסטנדיקן מיטינג־זאַל זיצן איינגעגיורעטע אין די ווייכע שטולן, דאַמען און הערן — דרימלען. פון דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט קומט אַ דין־געצויגענע, שטילע מוזיק, ווי פאַר אַ קראַנקן. אין עטלעכע גרופּקעס גייט אָן אַ געשעפּטשעטע קאָנווערסאַציע. עטלעכע דאַמען שטריקן, צווישן זיי איז די שטאַרקע פאַרערערין פון דאָקטאָר ראָבערטסאָן, די מאַדאַם זאַמפּיץ, די פרוי פון אַ געשטאָרבענעם באַן־דירעקטאָר: אַ געפּאַקט ווייבל, מיט אַן ענערגיש־פאַרביסן מויל. זי מאַכט איצט אַ גרויסן וואָלענעם טיש־צודעק, כאָטש זי ווייסט נישט וואָס זי וועט מיט דעם טאָן... זי טוט איר אַרבעט שנעל און געניט, אָבער מעכאַניש, דערציילט בשעת־מעשה איר שכנטע אַ לאַנגע פאַרפּלאָנטערטע פאַמיליען־געשיכטע. אַלעמאָל בלייבט זי שטיין מיט די שפּיזלעך אין דער לופטן ביי אַ וויכטיקן פּונקט פון דער געשיכטע, קוקט אָן די שכנטע פאָרשנדיק צי יענע האָט עס געכאַפּט...

דער מאָדערנער עלעקטרישער זייגער, אַ קוואַדראַטיק ברעטל, צעטיילט אויף צוועלף פאַסיקלעך: שעהן (מיט קבצנישע מינוטן עסקט ער זיך נישט) רירט זיך נישט פון אָרט. די צייט איז אַזוי קריכנדיק, אָפּגעשוואַכט... ס׳איז נישט די צעברויזטע צייט פון שטאָט, וואָס טרייבט מענטשן אונטער ווי מיט בייטשן; ס׳איז נישט די צייט פון די אַרבעטער פון די וועב־מאַשינען, וואָס יאָגן זיך פון מאַשין צו מאַשין; ס׳איז נישט די צייט פון די אַרבעטער ביים „קאָנווייער", וואָס זעצן זיך אַרויס פון די כוחות נאָכצויאָגן דער מאשין, וואָס לויפט גיך, גיך, נישט מיד ווערנדיק... און נישט די צייט פון נישט אויסגעשלאָפענע, נישט דערקאָרמעטע קינדער, וואָס מאַמעס טאָרען און וועקן אין חושכדיקע פרימאָרגנס, ווען סירענעס פון פאַבריקן שרייען און פייפן...

די צייט איז דאָ אַ פּוסקע פּריצעטע אין זיידענע טופליעס, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרטראַכטע, פאַרגעסן וואָס זי האָט געוואָלט טאָן, אַי, וואָס אַזוינס האָט זי געוואָלט טאָן?...

*

אַרום פיר אַזייגער האָט אַ באַדינער אַרויפגעבראַכט אַ האַרפע אויף דער בינע. נאָך אים איז אַרויפגעקומען אַ בלאָנדע, דינע פרוי, זיך באַשיידן צוגעזעצט נעבן דער האַרפע, געפונען די פּאַסיקע פּאָזיציע און געדולדיק געוואַרט. דער עולם האָט זיך צורעכט געמאַכט, געדרייט די קעפּ.

אַביסל שפּעטער האָט דאָקטאָר ראָבערטסאָן אַרויפגעשפּרייזט אויף דער בינע. אַרומגעקוקט זיך אויפן עולם, זיך געשושקעט מיט דער פרוי ביי דער האַרפע און פאַרשוווּנדן הינטער אַ פאָרהאַנג. פון דאָרטן האָט ער זיך צוגעקוקט ווי מען קומט זיך צונויף. ווען עס איז שוין געווען אַ נישקשהדיקער עולם האָט ער ווידער זיך באַוויזן אויף דער בינע, אַ קוק געטאָן אויף די פאַרזאַמלטע, ווי אַ קאַפּעלמייסטער פאַרן אָנהייבן פון אַ קאָנצערט. ער האָט אפילו אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ קאַפּעלמייסטער, און געזאָגט:

— מיינע פריינד, ווי געוויינלעך, וועלן מיר אָנהייבן מיט מוזיק. דאָס וועט אונדז העלפן אַריינקומען אין דער געהויבענער שטימונג פון גייסטיקער אויפנאַמספעיקייט... לאָמיר זיך איינהערן, טייערע פריינד, צו די געטלעכע האַרמאָניעס פון מוזיק... זאָלן אונדזערע נשמות זוכן זייער האַרמאָניע, טראָגן זיך צו זייערע נאַטירלעכע, זעלישע וווינונגען...

ער האָט אַ בויג געטאָן זיין שיינעם קאָפּ צו דער פרוי ביי דער האַרפע, וואָס האָט שוין געהאַלטן די פינגער אויסגעשפּרייט איבער די סטרונעס. עס האָבן זיך צעטרילערט טענער פון דער האַרפע: מילדע, לאַשטשנדיקע...

נאָך דער מוזיק האָט דאָקטאָר ראָבערטסאָן געזאָגט:

— און איצט, מיינע פריינד, לאָמיר, ווי מיר טוען עס געוויינלעך, זיצן אַ פּאָר מינוט אין שטילשווייגעניש. לאָמיר האָבן פּערפעקטע שטילקייט... היינט טרויערן מיר נאָך אַ שוועסטער, וואָס איז געווען מיט אונדז און איצט ווייט, ווייט פון אונדז... אונדזערע הערצער זענען פול מיט טרויער... און נישט ווייל דער טויט שרעקט אונדז... ניין, מיר האָבן נישט קיין מורא פאַרן טויט. דער טויט איז לעבן אין אַ פיי־

נערער, איידעלערער פאָרם... נאָר צוליב די טרויעריקע אומשטענדן...

ער האָט פלוצעם אָפּגעהאַקט: — לאָמיר שווייגן.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און אַראָפּגעלאָזן נידעריק זיין שיינעם קאָפּ זילבער־גרויע האָר.

זיינע צוהערער האָבן אים נאָכגעטאָן.

די בלאָנדע, שלאַנקע פרוי ביי דער האַרפע האָט אויך אַראָפּגעלאָזט איר קעפל אויף די סטרונעס. אַלע פּנימער האָבן אויסגעזען טיף־פאַרדאגהט, פאַרטראַכט, צעשראָקן.

וואָס האָט זיך איבערגעטראַכט אין די אַלע איינגעבויגענע קעפּ, אין דער פלוצעמדיקער שטילקייט?

אַ גרויסע טרייסט, אַז מען דאַרף פאַרן טויט נישט מורא האָבן איז עס אוודאי נישט... טרויעריק... טרויעריק... אַי, ווילט זיך נישט פאַרלאָזן אַזוי פיל ווילטאָג...

די שטילקייט האָט איבערגעריסן דאָקטאָר ראָבערטסאָן מיט אַן אויסגעשריי, וואָס האָט אוודאי געמוזט שאָקירן די אַלע, פון דער שטיל־קייט אויפגעוואַכטע מענטשן... ער האָט אָנגעהויבן זיין לאַנגע קלינגענדיקע דרשה מיט דעם באַקאַנטן ציטאַט: פון וואַנען קומען מיר און וווהין גייען מיר? ער האָט געבראַכט אין משך פון זיין דרשה אַ סך ציטאַטן פון פי־לאָזאָפן און גרויסע מענטשן, וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן לעבן און טויט... ער האָט זיך בפרט אָפּגעשטעלט לאַנג אויף דער הינדואישער פילאָזאָפיע און דער גלייכגילטיקייט צו יסורים, וואָס זי לערנט... זיינע רייד זענען געווען אָנגעפיקעוועט מיט: נשמה, גייסט, טיפעניש, גלייכגילטיקייט, גליק...

ער האָט נאָר צום סוף מיט אַ פּאָר קורצע ווערטער דערמאָנט וועגן דער טרויעריקער געשעעניש... זאָל יעדער צוקומען און אָפּגעבן זיין ביי־שטייער. ער איז זיכער, אַז קיינער וועט זיך נישט אָפּזאָגן...

אינמיטן דער דרשה איז אַריינגעקומען דער אייגנטימער פון האָטעל, מיסטער בעילין. ער האָט אונטערגעהונקען און זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטעקן.

ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער יענקי, מיט אַ פאַרגליווערט, געפּאַלדעוועט פּנים און אַ מויל אין דער פאָרם פון אַ פּאַדקאָווע. ער איז אַריינגעקומען מיטן מענעדזשער. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך דער

מוזיקער וולאַדימיר מאַנקין, וואָס האָט זיך אומגעדולדיק געדרייט אויף זיין פּלאַץ, מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און אַרויסגעגאַנגען פון זאַל.

*

וולאַדימיר מאַנקין איז אַרומגעלאָפן אַן אויפגעשטורעמטער איבער זיין צימער. אין זיין מוח זענען אַרומגעשפּרונגען דעם דאָקטאָרס ווילקלינגענדיקע פאַרפוצטע ווערטער (פוי, ווי ביליקער פאַרפום). ער האָט געחוזקט: זע, פאַר וועמען ער האָט עס אַרויסגעפירט אַלע גרויסע מענטשן פון דער גאָרער וועלט! פאַר די צעפּוילטע, אַלטע דאַמעלעך און הערן, פאַר די אַלע רייכע טויגעניכטסן, וואָס ווייסן נישט, ווי צו פטרן די צייט צווישן איין מאָלצייט און אַן אַנדערן... כדי אַרויסצוקריגן אַ נדבה פון זיי... ער האָט זיך געראַנגלט מיט ווייטיק און יאוש... קונסט, שיינקייט, דאָס הויכע קעניגרייך פון מוזיק, זענען געווען באַשפּיגן, פאַרשמוצט... ניין, ער וועט נישט דערלאָזן די צעפּוילטקייט דאָ זאָל אים אַרומכאַפּן... ער וועט קעמפן, קעמפן... ער האָט זיך געפילט שטאַרק, אומבאַזיגבאַר מיט דעם גלויבן פון יוגנט...

די זינגערין האָט פאַרפולט זיינע געדאַנקען... ער האָט זיך מיט איר עטלעכע מאָל געטראָפן. עס איז ביי אים פאַרבליבן אין זכרון דער פלאַקער פון אירע אויגן ווען זי האָט גערעדט. ס'איז געווען אַזוי ווי אירע ווערטער וואָלטן אַ שלאַג געטאָן פון אונטערערדישע קוואַלן. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס בילדל, וואָס זי האָט אים געוויזן: אַ דאַר, קליין אונגאַריש מיידל, מיט אַראָפּפאַלנדיקע צעפּ, מיט גרויסע צעשיינטע אויגן, פול מיט פרייד און נייגער פאַרן לעבן. זי האָט אים דערציילט פון רחבותדיקע אונגאַרישע פליינען, ווו ס'זינגט דער ווינט, טאַנצנדיק איבערן סטעפּ... פון די צעוואָרפענע דערפער און וויינגערטנער און שאָף און פאַסטוכעס און וואַנדערנדיקע ציגיינער.... אין איר בלוט איז אַריין די מוזיק פון די דאָרפישע פאַסטוכעס, ציגיינערישע פידעלעך... זינגען איז פאַר איר געווען לעבן... וואָס איז נאָך אַזוי גוט, האָט זי געזאָגט, ווי אַרויסזינגען אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דער ברוסט. ווען זי האָט פאַר אים געזונגען, האָט ער געטראַכט, אַז זי גיט זיך אינגאַנצן, איבט נישט אויס די נויטיקע קאָנטראָל פון קינסטלער...

זי האָט געהאַט אַ שווערן קאַמף. זי איז געווען פון אָרעמען שטאַנד און אין פּריצישן האַלב־פּעאָדאַלן אונגאַרן האָט זי זיך געמוזט שווער ראַנגלען. אָבער צום סוף איז זי אַרויפגעשווומען... ער האָט זי מקנא געווען, ווען זי האָט אים דערציילט פון אירע ערשטע טריומפן — די אומבאַשרייבלעך־זיסע שיכרות, ווען ענטוזיאַסטישע קולות האָבן זי פאַרפלייצט מיט זייער בראַוואָ, בראַוואָ. ער האָט מקנא געווען די נישט־געקינצלטע פּשטות פון אירע געפילן. ביי אים איז אַלץ אַזוי פאַרלייגט געווען מיט אַ צעפלאָנטערטן אינטעלעקטועלן שפּינוועב.

דערנאָך איז געקומען די מלחמה און דערנאָך האָט זיך איבערן פאַרבלוטיקטן און פאַרהונגערטן לאַנד צו איר דערטראָגן דער לאָקנדיקער רוף פון אַמעריקע, דעם וווּנדערלעכן פרייען לאַנד אַמעריקע... אָבער דאָ איז אויף איר גורל אויסגעפאַלן צו דערפילן אין דער גאַנצער גרויזאַמ־קייט די ברוטאַלע אַמעריקע, וואָס פאַרגעטערט דעם דאָלאַר און סוקסעס... דער יונגער מאַנקין, וועמענס קראַפט האָט געהאַלטן אין פולן וואַקסן, און וועלכער האָט געפילט אַז ער נויטיקט זיך נישט אין דער דרויסנדיקער וועלט און איר אָנערקענונג, איז געווען איבערצייגט, אַז די זינגערין האָט אויסגעקליבן דעם טויט, נישט ווייל זי איז נישט געווען קיין סוקסעס, נאָר צוליב דעם דערנידעריקטן, פאַרלעצטן שטאָלץ, ווייל זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס נישט זיין קיין סוקסעס דאָ...

ער האָט געטראַכט פון איר טויט... טויט? ער איז געבליבן דאָ שטיין ווי פאַר אַ מויער... ער האָט נישט פאַרשטאַנען. דער טויט האָט פאַר אים נישט עקזיסטירט; ער איז דערגאַנגען צו אים מיטן שכל און געצויגן מיט די אָקסלען — אומבאַגרייפלעך... ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן טרויער און צאַרטן, ליבנדיקן מיטלייד — זי האָט געמוזט זייער ליידן... ער האָט זיך געזעצט צו דער פּיאַנע און געשפּילט.

*

זעקס אַזייגער. די גרויסע קאַנדעליאַברעס שפּיגלען זיך אין די באַגילדטע ווענט. אַ פייערלעכע שטילקייט. די עלעוויטער־גלעקלעך האַלטן אין איין קלינגען. אין גרויסן עסזאַל ווערן געמאַכט די לעצטע צוגריי־טונגען צום „דינער”. אין זייערע צימערן פּוצן זיך די דאַמען און הערן.

מיט פּיקענס, די קליינע טעלעפאָניסטקע, כאָטש זי האָט זיך ערשט נישט לאַנג באַפאַרבט די ליפּעלעך און אָנגעפּודערט אויף דאָס ניי דאָס פּנים, זעט אויס מיד. זי האָט אויסגעצויגן די פיסלעך און איינגעניורעט דעם קאָפּ — ווי אַ מיד קעצל. זי האָט אַראָפּגענומען אויף אַ מינוט דאָס מעטאַלענע בענדל מיט די טרובקעס, וואָס ליגט איר שווער אויפן קאָפּ און זיך אומגעקוקט. די נאַכט־טעלעפאָניסטקע, וואָס דאַרף פאַרנעמען איר אָרט, קומט תמיד שפּעט...

מעקאַרטור, דער אַלטער בוכהאַלטער, האָט איבערגעלאָזט זיין שטייג און זיין הויך־שוסטעריש בענקל און זויגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט גרויס הנאה, אַ סיגאַרעטל. ביי דער אַרבעט טאָר ער נישט רויכערן, האָט ער זיך געפונען אַ גוטן פּלאַץ ווו אויסצושטרעקן די פיס און רויכערן אומגעשטערט. לעבן „טאָילעט" איז דאָ אַ קעמערל, אַ דריי־עקיק פינצטער ווינקל, פאַרלייגט מיט קענדלעך, שמאַטעס, אַלטע ביכער. דאָרטן האָט מעקאַרטור אַריינגעשטופּט אַן אַלטן צעבראָכענעם שטול און כאַפּט זיך פון צייט צו צייט אַריין אָפּרוען. די פּיס העכער פון קאָפּ זיצט ער איצט און רויכערט אַ סיגאַרעטל און דער איירישער טיר־היטער, מיטן רויטן פּנים, שטייט אין טיר און רעדט מיט אים.

דער טיר־היטער האָט גרויס דרך־ארץ און ליבשאַפט צו זיין לאַנדסמאַן. אַז ער רעדט צו אים שיינט אויף זיין פּראָסט, גוטמוטיק פּנים. ער איז אַ רעדעוודיקער און דאָ האָט ער אַ דזשאָב, ווו מען דאַרף שטיין אַ גאַנצן טאָג ווי אַ סלופּ. ער וואַרט שוין מיט אומגעדולד, ער זאָל זיך קאָנען אומקערן אַהיים. אַז ער וועט אַהיימקומען, וועט ער זיך שלאָגן מיט די קינדער, גוטמוטיק אַרומרייסן מיטן ווייב...

— אַי — זאָגט ער — מיסטער מעקאַרטור, וואָס מאַכט איר, געהאַט אַ שווערן טאָג, אַיאָ? געהאַט צרות מיט דער... איך אַליין, אַז איך האָב היינט דערזען דעם טויטן־וואָגן, איז מיר איינגעפאַלן דאָס האַרץ...

— דערנאָך האָט ער צוגעגעבן פילאָזאָפיש: — וועל... שטאַרבן מוזן מיר אַלע... אָבער מיט די אייגענע הענט... אַ זינד...

מעקאַרטור האָט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג: — העלאָו, דזשאָן — מער רעדט ער נישט, נאָר שאָקלט מיטן קאָפּ, הייבט אויף אַן אויגנדעקל פון די פאַרקוועטשטע אויגן און מרוטשעט עפּעס...

דזשאָן רעדט אוּן רעדט: מיסטער מעקאַרטור, מיסטער מעקאַרטור... ער האָט זיך איבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדערער טעמע, די באַרימטע „קיד־נעפּינג־קייס".

וואָס דענקט איר, מיסטער מעקאַרטור? איז ער שולדיק? עס איז קיין שום צווייפל נישט. איך זאָג, ער פאַרדינט כשר דעם טויט. אָי, וועט ער זיך בראָטן, דער „בעסטאַרד", ווי אַ „סטעיק", אויפן עלעקטרישן שטול...

זיי האָבן געשפּילט שאָך

די עטלעכע לעצטע טעג אין שאָפּ פֿאַר דער וואַקאַציע, זענען פֿאַר קליינען ממש אַן אָפּקומעניש. יעדער טאָג אַ יאָר. שווער צו דער־ציען די וואָך. אמת, די היצן זענען קוים איבערצוטראָגן, אָבער די היצן ציען זיך שוין אַזוי לאַנג, אַז עס איז קיין נייעס נישט... אַפּנים די בענקשאַפֿט און די אומגעדולד צו זיין אין קאָונטרי מיט עמאַן, מאַכן יעדע רגע אַזוי מיאוס און אומדערטרעגלעך שווער.

עטלעכע מאָל אין טאָג נעמט קליין אַרויס עמאַס בריוו און לייענט אים אויפסנייע, כאָטש ער וואָלט אים שוין באַדאַרפֿט קענען אויף אויסנווייניק פֿון אַזויפֿיל מאָל לייענען.

„מייןביידל איז אויבן אויפֿן סאַמע שפּיץ באַרג. איך זיץ דאָ גאַנצע טעג אַליין. מיין ביידל איז פֿול מיט בלומען. איך האָב זיי צע־שפּרייט אויפֿן בעט. כ׳האָב מורא אויסצולעשן דאָס ליכט און בלייבן אַליין אין דער פֿינצטער. פֿאַרוואָס ביסטו איצט נישט מיט מיר? איך וואָלט דיך באַוואָרפֿן מיט בלומען און דיר געזונגען לידער. ווען וועסטו קומען? איך וועל דאָ משוגע ווערן פֿון איינזאַמקייט. ס׳גיסט און גיסט שוין דעם צווייטן טאָג אַ רעגן. ווי גאָט וואָלט ווידער געשיקט אַ מבול אויף דער וועלט פֿאַר אונדזערע זינד... פֿאַרליב דיך דאָרט דערווייל נישט אין אַן אַנדער מיידל״...

ווען קליין קומט צום סוף פֿון בריוו ווערט אים פֿריקרע. ער דערפֿילט ווי די שטיקעניש און די שווערקייט אויפֿן האַרץ וואָלטן געוואָרן גרעסער. דער לייכטזיניקער און ראָמאַנטישער טאָן פֿון בריוו גיט אים אַ שאַרפֿן קריץ איבער די נערוון. „ביכערישע פֿלאַפּלעריי, ווערטער״ — פֿאַרקרימט ער זיך און זיינע אויגן צעפֿלאַמען זיך שאַרף — ברוגז...

קליין האָט זיך פֿאַרליבט אין עמאַן מיט דער ערנסטער ליבע פֿון אַ ליידנשאַפֿטלעכן יונגן בחור. זיין ערשטע שטאַרקע ליבע. עמא

איז געווען אַסך עלטער פון אים. זי האָט שוין געהאַט אַמאָל אַ מאַן, מיט וועלכן זי איז זיך צעגאַנגען. קליינס ליבע האָט פון אים נישט פאַרשטעלט אירע חסרונות. איר ראָמאַנטישקייט האָט ער נישט גענומען ערנסט, געהאַלטן עס נאָר פאַר לייכטזין, געוווּסט אַז זי איז זייער אַ פּראַקטישע.

עמאַן איז צוערשט זייער געפעלן וואָס אַזאַ אינטעליגענטער, געלערנטער בחור ווי קליין (ער האָט שטודירט ביינאַכט, געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר) האָט זיך אין איר פאַרליבט. מיט דער צייט איז איר אָבער די ערנסטקייט פון קליינס ליבע געוואָרן שווער. זי האָט זיך געלאָזט ליבן — ביז צו אַ גרענעץ. קליין איז געווען צו שטאַרק פאַרליבט, צו יונג און אומדערפאַרן צו זען עס. אַסך האָט ער נישט געוואָלט זען און האָט געליטן.

נאָך דעם בריוו, דעם ערשטן, וואָס עמא האָט קליינען געשריבן באַלד ווי זי איז אָנגעקומען אין קאַונטרי, האָט זי געשריבן נאָר קאַרט־לעך און צעלאָזט זיך איבער דער שיינקייט פון דער נאַטור, אין ביכער־דיקע סענטימענטאַלע מליצות. קליין האָט געזוכט אַ וואָרט וואָס זאָל רעדן צו זיינע אָנגעליטענע שטורמדיקע געפילן. זי האָט דאָך אים אַ סך מאָל געזאָגט, אַז זי ליבט אים, געווינט איינמאָל פאַר אים אַז איר לעבן איז פּוסט.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט קליין געשריבן עמאַן אַ בריוועלע, אָנ־זאָגנדיק איר, אַז ער קומט, און ווי אומגעדולדיק ער וואַרט זי צו זען.

„דו וועסט מיך אָפּוואַרטן, יאָ״? — האָט ער געשריבן צום סוף, ווי נישט זיכער.

אָט איז ער אין דעם קעמפּ, וואָס ליגט צעשפּרייט איבער בערג־לעך, נישט ווייט פון האָדסאָן־טייך. קליין קוקט זיך אַרום מיט פרייד, די ברוסט צעשפּרייט זיך פון די זאַפטיקע ריחות פוןביימער און בלומען. דער טראָט ווערט קרעפטיקער. אָט איז אַ גרויס ווייס הויז צווישן ביימער און אַסך געלע לייוונטענעביידלעך. ווי מאָדנע געוויקסן קלעטערן זיי איבער די בערגלעך צווישן די צעצווייגטע ביימער.

ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז, אַראָפּגעוואָרפן זיינע וואַליזעס און פון זיך געווישט דעם שווייס, איז צו אים צוגעקומען אַ בידעריקער, באַלייבטער ייד מיט אַ פעט פּנים און נידעריקן שטערן,

מיט צעשויבערטע שוואַרצע האָר, מיט אַ ציגאַר צווישן די געל־פאַר־פלעקטע ליפּן.

— האַו דו יו דו, מיסטער קליין!

קליין האָט זיך פאַרוואונדערט: פון וואַנעט ווייסט ער ווער ער איז?

— מיס עמאַ האָט פאַר אייך רעזערווירט אַ צימער — האָט דער ייִד מיטן ציגאַר מודיע געווען.

קליין האָט דערפילט אַ פּריקרן טעם אין מויל און זיך אָפּ־געהאַלטן פון פרעגן ווו עמאַ איז, כאָטש די פראַגע האָט זיך געשטופּט אויף דער צונג.

דער מאַן מיטן ציגאַר האָט אַליין אונטערגעטראָגן די אינ־פאָרמאַציע, ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט דעם בחורס געדאַנקען.

— מיס עמאַ איז אַוועק מיט חברה אויף אַ „העי־ראַיד”. זיי וועלן אוודאי אינגיכן זיין צוריק. איר ווילט אפשר דערווייל גיין זיך אויסבאָדן? דער טייך איז נישט ווייט.

קליין האָט אַ ברום געטאָן אַז ער וועט זיך אַ ביסל אַרומקוקן אין דער געגנט. ער האָט וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן פון דעם מענטש, וועמענס צודרינגלעכער נייגעריקער קוק איז אים געווען שטאַרק פּריקרע.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די ביימער צו די ביידלעך. ער איז געווען צעטומלט. ער האָט זיך אַלץ אַנדערש אויסגעמאָלן. אַ גרויסע אומרויִקייט האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט געפּרוווט רויִק טראַכטן, זוכן תירוצים. זי האָט געוווּסט אַז ער קומט... האָט זי נישט געקאָנט אָפּלייגן דעם „ראַיד” אויף אַן אַנדערש מאָל? ער האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט די גאַנצע צייט געענטפערט מיט קאַרטלעך אויף זיינע לאַנגע בריוו...

פאַר איינעם פון די ביידלעך האָט ער דערזען עמאַס גרינעם סוועטער. מיט אַ ציטער איז ער אַריין אין ליידיקן ביידל. ס׳זענען דאָרט געווען צעהאַנגען עמאַס קליידער. ס׳האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. ווי אַ גרויסע כוואַליע וואָס לויפט פּלוצעם אָן פון רויִקן ים, אַזוי האָט זיך אַ הייב געטאָן אין אים אַ כוואַליע פון ליבשאַפט, באַ־גערן און בענקשאַפט — אַז ער האָט זיך דערפילט שוואַך. ער האָט

זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בעטל מיטן קאָפּ אין די הענט. ער איז אַזוי אָפּגעזעסן אין עמאסביידל ביז דער גלאָק פֿון גרויסן הויז האָט אָנגעהויבן צו קלינגען, רופֿן צום סאַפּער.

דער גרויסער עסצימער האָט געבלענדט די אויגן מיט קאָלירטע לעמפּלעך. די טישן זענען געווען באַצירט מיט בלומען. דער גרויסער עולם האָט זיך געזעצט צו די טישן מיט אַ סך טומל און ליאַרעם.

קליין האָט פֿאַר זיך געפֿונען אַ ווינקל ביי אַ טישל מיט עטלעכע מענטשן. אָן אָפּגעפּרעמדטער האָט ער געקוקט אויף די זאָרגלאָזע זון־אָפּגעברענטע, יום־טובדיקע פּנימער. עס האָט זיך אים געוואָלט לאַכן פֿון דער יום־טובדיקייט, וואָס האָט זיך געפֿילט דאָ אַרום אים. ס'האָט ביי אים אויסגעזען מעשה חוזק.

ער האָט מעכאַניש אַלעמאָל אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ ווען אַ נייער מענטש איז אַריינגעקומען — אפֿשר עמא?

ווען דער מאָלצייט איז שוין געווען אין גאַנג איז אַריין מיט אַ געפּילדער אַ חברה בחורים מיט מיידלעך. קליין האָט דערזען עמאן. אַ פֿריידיקייט האָט זיך אים אַ גאָס געטאָן אין בלוט. ער האָט אָבער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נידעריק און האָט פֿאַרגנבעטערהייט געקוקט צו זען צי עמא זוכט אים.

די אַריינגעקומענע חברה האָט אַרויסגעלאָזט אַ געוואַלד: לאָמיר פֿאַרכאַפּן טישן! עס וועט באַלד נישט זיין וואָס צו עסן! — מיט אַ געשריי האָט מען זיך געלאָזט צו די טישן. עמא צווישן זיי. האָט זי פֿאַרגעסן אַז איך קום היינט? — האָט קליין אַ טראַכט געטאָן. דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים פֿאַרקלעמט.

פֿון זיין ווינקל האָט ער זיך גענומען זי באַטראַכטן. ער האָט באַמערקט נעבן איר אַ יונגן מאַן אין אַ רויטן סוועטער, מיט אַ דינער נאָז און אַ שטערן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין הויך צוליב די שיטער־געוואָרענע האָר. קליין האָט געזען ווי ער האָט אַרומגעכאַפּט עמאן ווען מען איז געלאָפֿן פֿאַרכאַפּן ערטער ביי די טישן. איצט זענען זיי געזעסן איינער נעבן אַנדערן און עמא האָט כסדר געלאַכט.

קליין האָט געהאַט אַן איראָנישן אָדער אין זיך, וואָס האָט איצטער זיך אָפּגערופֿן. ער וועט באַלד האָבן אַ נישקשהדיקן פּליך, מיין

קאָנקורענט אין ליבע — האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין אים, ווי געוואָלט פאַרשטיין מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן.

באַלד האָט זיך אָבער עמאַ דערמאָנט אָדער דערפילט קליינס אויגן אויף זיך. זי איז אויפגעשפרונגען און איז צוגעלאָפן צו אים.

— קליין, ווען ביסטו געקומען? האָסט מיך נישט געזען?

קליין האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, געענטפערט כלומרשט פאַר־וווּנדערט:

— אָ, ביסט שוין צוריקגעקומען פון „ראַיד״? איך האָב נישט באַמערקט, איך בין שוין דאָ דעם גאַנצן נאָכמיטאָג.

אין האַלדז איז אים געשטאַנען אַ ביין און אים געשטיקט. ס׳איז אים שווער געווען צו רעדן. די נאָענטקייט עמאַס האָט אים אַ זעץ געטאָן אין ברוסט. ער האָט איבערגעווישט ס׳פּנים. עמאַ האָט צו אים געזאָגט צערטלעך:

— ס׳איז דיר הייס? פילסט גוט? קום צו אונדזער טיש. איך וועל דיך פאָרשטעלן פאַר מיינע פריינד...

נאָך דאָס האָט אים געפעלט. קליין האָט איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן. זי ווייסט פון גאָרנישט. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויס־ברענגען דאָס שאַרפע וואָרט וואָס ס׳האָט זיך געוואָלט זאָגן.

— זעץ זיך דאָ — האָט ער געזאָגט שטיל.

— אָבער איך קאָן נישט, ווי וועט דאָס אויסזען. קום, ס׳איז לוסטיק ביי אונדזער טיש. וועסט פריילעכער ווערן. זעסט אויס נישט מיט אַלעמען. ס׳עפּעס געשען? זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער די האָר.

קליין איז אויפגעשפרונגען און געזאָגט שאַרף: גוט, קום!

אויף קליינען איז באַלד געקומען די פאַרצווייפלטע נערוועזע לוסטיקייט, וואָס איז אויף אים תמיד געקומען נאָך אַ שטאַרקער צע־רודערונג. עפּעס איז עס געווען אַן אומנאַטירלעכע, איבערגעטריבענע לוסטיקייט. די אַרומיקע, פאַר וועלכע עמאַ האָט אים ערשט פאָרגע־שטעלט, האָבן אים באַטראַכט נייגעריק.

עמאַ האָט אויף קליינען געקוקט פאַרשנדיק. זי האָט גוט גע־קענט די נערוועזע, ווילדע, לוסטיקע אויסברוכן זיינע.

— אַ לוסטיקער חברה־מאַן, אייער פריינד — האָט זיך אָנגע־רופן דער רויט־סוועטערדיקער שכן עמאַס, מיט דעם הויכן שטערן

וואָס דער פליך האָט ווי אָפּגעגאָלט.

קליין האָט זיך שאַרף גענומען איינקוקן אין אים, אַרויספאָדערנדיק, מיט שפּאָט.

— קומט, לאָמיר אַרויס פון דאַנען אויף דער פרישער לופט — האָט עמא אַ שלעפּ געטאָן קליינען.

— קום, קליין — האָט עמא זיך איינגעקלאַמערט אין קליינען — ס'איז שטיקנדיק דאָ.

ווען קליין איז מיט עמאן אַרויס אין דרויסן, האָט ער געזען, אַז דער רויט־סוועטערדיקער שכן אירער איז נאָך אַלץ נעבן איר זייט.

— פילסט זיך נישט גוט? — האָט עמא געשעפּטשעט צו קליינען — וואָס איז מיט דיר? — האָט זי געזאָגט ברוגז.

— איך בין מיד — האָט קליין געענטפערט.

— ס'איז די שטיקעניש. די פרישע לופט וועט דיך אָפּפרישן. וואַרט, וועסטו באַלד הערן ווי מיר זינגען דאָ. מיר האָבן אַן אמתן כאָר. — גרובאַווסקי — האָט זי געזאָגט צו איר רויט־סוועטערדיקן שכן, וואָס איז געשטאַנען ווי צוגעוואַקסן צו איר זייט — הייבט עפּעס אָן אַ רוסיש ליד.

— איר זינגט? — האָט קליין איבערגעפרעגט מיט אַ חוזק־שמייכעלע.

— איך וועל בעסער שפּילן שאַך — האָט יענער געענטפערט נישט אָנקוקנדיק קליינען. פּלוצעם, ווי ס'וואָלט אים עפּעס איינגעפאַלן אַ געדאַנק, האָט ער אַ פרעג געטאָן קליינען:

— איר שפּילט שאַך?

קליין האָט אויף דעם מענטש אָנגעשטעלט שאַרף־פאַרשנדיקע אויגן.

— עמא, זאָל איך מיט אים שפּילן אַ שאַך? — האָט ער מיט אַ שמייכל געפרעגט.

— אויב דו ווילסט — האָט עמא געענטפערט ברוגז.

— גוט, שפּילן מיר.

קליין האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער שפּילט מיט אַ שטאַרקן שפּילער. ער האָט דערפילט אַ כעס. וואָס גייט עס אים אַזוי אין לעבן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. געוויינלעך, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן

אויף אַ שטאַרקערן שפּילער פון זיך, האָט עס אים אינטריגירט. ס'האָט אים נישט געאַרט צי ער געווינט צי ער פאַרשפּילט. עס האָט אים איצט געווונדערט פשוט אויף דעם געוואַלדיקן כעס וואָס ער פילט אין זיך, וואָס ער שפּילט שוואַכער פון יענעם און יענער קוקט אויף אים מיט חוזק און חוצפּהדיק ברומט ער אונטער:

— שאַך מוז מען קענען שפּילן...

קליין ענטפערט שאַרף, קאָנצענטרירט זיך, מוטשעט זיך, קנייטשט דעם שטערן, טראַכט לאַנג איבער יעדן צוג.

דער קעגנער זיינער האָט אַלץ שאַרפער געקיבעצט און געזאָגט צו עמאַן וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט:

— אייער פריינד איז אַ גאַנץ גוטע קאַליקע.

אין קליינען פלאַמט דער כעס, אָבער ער צוימט זיך. ער וויל זיך האַלטן רויק. זאָל עמא שטיין און וואַרטן...

אָבער אַלץ האָט אַ גרענעץ; זיין קעגנער ווערט אַלץ חוצפּה־דיקער — נו, אַ צוג — זאָגט ער, וואָס וועט העלפן דאָס טראַכטן, קאַליקע?

קליין איז אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן:

— אידיאָט!

מ'האָט זיך גענומען שלאָגן. מענטשן האָבן זיי צעטיילט און עמא האָט קליינען אַוועקגעשלעפּט.

עמא האָט זיך מיט קליינען שטאַרק צעקריגט. קליין האָט גע־פאָדערט פון עמאַן זי זאָל מיט אים אַוועקפאָרן פון דאַנעט, ער קאָן דאָ נישט בלייבן ווייל דער פּלאַץ איז אים דערווידער. עמא האָט געזאָגט, אַז ער קאָן איר נישט דיקטירן וואָס צו טאָן און ער פירט זיך אויף ווי אַ ווילדער.

די עטלעכע טעג וואָס עמא און קליין זענען געווען צוזאַמען האָט מען זיך געקריגט, איבערגעבעטן און ווידער איז געקומען אַ צו־זאַמענשטויס, ביז קליין האָט נאָך אַ מיאוסן צוזאַמענשטויס אויסגע־שריגן:

— ביסט אַ פאַלשע, איך פאָר אַוועק.

אויף דער עלטער

דער אַלטער דזשייקאָב שטענצל, דער קרעדיט־מענעדזשער פון דער גרויסער מעבל־פירמע עדלהיימער און שטיינבערג, האָט אָפּגערוימט זיין שרייבטיש פון אַלערליי פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעזאַמלט אין משך פון דער וואָך. אַ סיסטעמאַטישער און אָרדענונג־ליבנדיקער מענטש, אַ מענטש וואָס האָט פיינט אַרומצוגיין ליידיק און נעמען געלט אומזיסט, האָט ער ממש געליטן יסורים, וואָס איצט, צוליב שטאַרק געפאַלענע געשעפטן, איז פאַר אים כמעט גאָרנישט געבליבן צו טאָן און זיך געזאָרגט וואָס ס'וועט זיין, אַז דער קריזיס וועט אָנהאַלטן...

געטראַכט און געטראַכט און גאָרנישט אויסגעטראַכט, האָט ער געוואָרט איצט אַן אומגעדולדיקער, מ'זאָל אים צוטרעגן זיין קאָנווערטל מיט די שכירות און ער זאָל קאָנען גיין אַהיים. און אָט האָט פון די וויטקייטן פון גרויסן זאַל, וואָס איז געווען צעטיילט מיט ווענטלעך און אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי שטיקער אומנוציקע מעבל, זיך באַוויזן האימי, דער אָפיס־באָי, געיאָגט מיט אַזאַ גיכקייט, אַז ס'האָט זיך אויסגעדוכט, ער גייט נישט מיט די פיס נאָר פאָרט אויף עפּעס אַן אומגעזעענער מאַשינקע. אַ דאַרער, אַן אויסגעוואַקסענער איבער די יאָרן, מיט אַ שפּראָץ אויף אַ וואָנסעלע, האָט ער מיט זיין גרויסן, גאָרנישט יינגלישן ערנסט און באַפעלעריש־זיכערן קול — גאָרנישט לויט זיין עלטער — ביי יעדן אַרויסגערופן אַ שמייכל... ער האָט זיך פאַרבייגעטראָגן נעבן שטענצלס שרייב־טיש אַן אַ וואָרט און אַ וואָרף געטאָן אַ קאָנווערטל אויפן טיש. שטענצל האָט תיכף באַמערקט אַז דאָס קאָנווערטל איז עפּעס גרעסער, ווי געוויינלעך. און אַז אַ חוץ אַ טשעק געפינט זיך דאָרט נאָך עפּעס... יאָ, אַ בריוועלע, געדיכט באַשריבן, גייט אַזש אַריבער אויף דער צווייטער זייט. שטענצל האָט עס אונטערגעטראָגן צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן.

אַז מען זאָגט אָפּ אַן אַלטן אָנגעשטעלטן, וואָס דינט אָפּ עטלעכע און דרייסיק יאָר, פילט מען זיך אַ ביסל שולדיק, איז מען העפלעך, מען זשאַלעוועט נישט קיין קאָמפּלימענטן און אָנערקענונג, מען איז זיס ווי האָניק. אונטער דער זיסקייט איז פאַרבאָרגן דער שטאָך. שטענצלס נאָקעטער שאַרבן איז נאָס געוואָרן פון שווייס. זיינע הענט האָבן גע־ציטערט. פאַרטיק געוואָרן מיטן בריוול, האָט ער געקוקט דערויף, ווי ער וואָלט נאָך אויף עפּעס געוואַרט. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ פאַרוווּנדערונג: אַזוי ?... פּלוצעם האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין טישל. עס האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ, ער איז שיעור נישט אומגעפאַלן. (אַזאַ זאַך האָט מיט אים שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפן. דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ס׳קומט פון הויכן בלוטדרוק). דער קאָפּ־שווינדל איז אַריי־בער נאָך אַ ווייל, אָבער אין די פיס איז געבליבן אַ שוואַכקייט און אין קאָפּ האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט אים אַרומגעכאַפּט מיט אַ צוואַנג. שטענצל האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דאָס בריוול, מיט האָפענונג זענען אים אַנטקעגנגעשפּרונגען די טרייסטנדיקע וווילקלינגענ־דיקע ווערטער : אַז ס׳איז אַ צייטווייליקע זאַך, צוליב דעם געשעפטלעכן קריזיס... און אַז מ׳האָפט גאָר אינגיכן אים ווידער קאָנען אָנזאָגן ער זאָל צוריקקומען... און אַז ס׳איז אַ גרויסער האַרץ־ווייטיק וואָס מען איז געצוווּנגען אַן אַלטן אָנגעשטעלטן אָוועקצושיקן אפילו אויף אַ קורצער צייט... אָבער צוליב די שלעכטע געשעפטן...

ווען דער קאָפּ האָט אים אויפגעהערט צו שווינדלען, האָט שטענצל פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען פּוסטע רייד, אַז דאָס מיינט גאָר־נישט, אַז מען האָט אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק אַריינצורופן אים אין אָפיס, דורכרעדן זיך, דערקלערן די לאַגע... אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט עטלעכע און דרייסיק יאָר אויף אַ פּלאַץ, זאָגט מען אָפּ מיט אַ צעטל ווי אַ ליאַדע שיק־ייִנגל, — גיי דיר דיין וועג און פּטור אַן עסק... פון געוואַלדיקן כּעס איז זיך שטענצלען אַ הייץ צעלאָפן איבערן גאַנצן לייב. זיינע אויגן האָבן געברענט. ער האָט זיך ראַפּטום אַ ריס געטאָן, געלאָפן צום צימער מיט דער אויפשריפט „פּריוועט״, נישט פאַרגעסן אָנצוקלאַפּן, עטלעכע מאָל אַלץ שטאַרקער, געפּרוווט די טיר, פאַרשלאָסן...

די בוקקיפּעריןֹ, מיס שערמאַן, אַ פּעטלעך, קליינגעוואַקסן מיידל, אַ לעבעדיקס און באַרעדעוודיקס, וואָס האָט ליב געהאַט צו שיינען מיט גרויסע און קאָלירטע שטיקער צירונג — אַ יידישע טאָכ־טער פון בראָנזוויל — האָט אַ רוף געטאָן: — מיסטער שטענצל — מיסטער שטענצל — ס׳קיינער נישטאָ פון די באָסעס. און ווען דער אַלטער שטענצל האָט זיך צו איר אויסגעדרייט, האָט זי אַ באַדויערנדיקע, אַ מיטפילנדיקע געטרייסט:

ס׳טוט איר שטאַרק באַנק, וואָס שטענצל מוז זיי פאַרלאָזן. זי האָפט, אַז ס׳איז נאָר אויף אַ קורצער צייט. זי ווייסט פון די ביכער אַז מען דערלייגט געלט. ביזנעס איז שלעכט. מירן אַלע דאַרפן גיין אינגיכן...

אַזוי האָט מיס שערמאַן געפּרוווט טרייסטן שטענצלען, אָבער די פּעולה פון די ווערטער איז געווען אַ פאַרקערטע. שטענצל איז גע־ווען פריטשמעליעט. ס׳איז אים געוואָרן קלאָר אַז דאָס מיידל האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז מען קלייבט זיך אים אָפּזאָגן. זי האָט עס גע־שריבן דאָס בריוול, ביזנעס איז שלעכט... די באָסעס דערלייגן געלט... קיין זאַך וועט נישט העלפן... ס׳אַן עבירה דאָס שטורעמען..: דאָס מויל האָט זיך ביי אים פאַרקרימט ווי צום וויינען...

אויף דער טומלדיקער גאַס צווישן די מענגעס מענטשן, וואָס האָבן זיך איצט אין קלאָרן שבתדיקן נאָך מיטאָג געשאָטן פון די הויכע ביזנעס־געביידעס, ווי באַפרייטע קינדער געטומלט און גערעשט, האָט שטענצל דערפילט אַ נערוועזקייט, אַ חשק אַרויסצוקומען וואָס גיכער אויף דער פריי. דאָס געדרענג האָט אים איינגעקלאַמערט, נישט געלאָזט אַרויס, ער האָט געמוזט קעמפן, רייסן זיך... שטענצלס מוח האָבן געשטאָכן אַלערליי געדאַנקען. איין געדאַנק האָט זיך צודרינגלעכער פון אַלע מיט אים גערייצט: און דו ביסט געווען אַזוי זיכער אַז דיך וועט מען נישט אָפּזאָגן... ווען ער האָט געזען די פאַרדאגהטע פּנימער, די שושקערייען און מורא צווישן די אָנגעשטעלטע, סיי אין אָפיס, סיי אין שאַפּ הינטן, האָט אים די זיכערקייט, אַז אים, דעם עלטסטן אָנגעשטעלטן, איינעם וואָס האָט כמעט געעפנט דאָס געשעפט, וועט מען נישט אָפּזאָגן, גע־מאַכט פילן שטאָלץ... ער האָט באַמערקט: מען קוקט אַרויף צו אים, מ׳ווייסט זיין סטאַזש, מען חנפעט זיך צו אים אפילו, מ׳רעכנט, אפשר האָט ער אַ שטיקל דעה; מען הערט זיך צו צו אים, ווען מען האָט זיך

פריער צו אים באַצויגן ווי צו אַן אַלטן עובר בטל... שטענצל, פילנדיק זיין נייע חשיבות האָט זיך אָפּגעשטעלט רעדן, דערציילט פון זיינע גרויסע אויפטועכצן, דעם גרויסן סוקסעס וואָס ער האָט געהאַט ווען ער איז נאָך געווען אַ דרויסנדיקער סיילסמאַן, די גרויסע געשעפטן וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט... ווי ס'האָט געהאַלטן דערביי ער זאָל ווערן אַ פּאַרטנער אין די ביזנעס... און אַט ווי ס'האָט זיך אויסגעלאָזן... נו, ווי האָט ער געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק... און דערצו איז ער געווען דער הויפּט פון „קרעדיט־אָפּטייל... מען וועט זיך נישט קאָנען באַגיין אָן אים, האָט ער גערעכנט... אַז מ'וועט אים אַרויסוואַרפן און איבער־לאָזן דעם יונגן צוציק, דאָס האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל... טיפּש וואָס ער איז... ער האָט פאַרגעסן אַז „דער יונגער צוציק" איז אַ קרוב פון איינעם פון די באָסעס... זיי האָבן אים שוין פון לאַנג אַריינגעשטעלט ער זאָל זיך אויסלערנען די ביזנעס... (אָך, די מאָוימדיקע שווערקייט אין קאָפּ, ווי מ'וואָלט דעם קאָפּ אַרומגענומען מיט רייפן).

שטענצל, אַן ערלעכער פּשוטער מענטש, אָן גרויסע אַמביציעס, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאָר גרויסער פּאָסקודסטווע, האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט; זיין געדאַנק האָט עס נישט געקאָנט משיג זיין. ער איז געווען אַ נאָכגריבלער בטבע, ליב געהאַט פּילפּול און חקרענען, האָט ער זיך איצט געפּרוּווט קלאָר מאַכן, ווי די זאַך איז זיך פאַרגאַנגען, ווער פון די באָסעס האָט עס אים אָפּגעטאָן. עפּעס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס שטיקל אַרבעט איז שטיינבערגס, דער בעל־צדקה, דער פילאַנטראָפּ, מיט דעם בערדל אונטערגעהאַקט, ווי ביי אַ ראַבאַי... ער איז פּרעזידענט אין עפּעס אַ יתומים־הויז, און טאָמער גע־פינט זיך ביי דער געלעגנהייט פון עפּעס אַ יובילייַ זיינס אַ בילד אין די „פּייפּערס", געפינט מען שוין די צייטונג אונטערגעוואָרפן אומעטום, אַלע זאָלן זען וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש זייער באָס איז. עפּעס האָט ער זיך לעצטנס געזוכט נאָפּאַשטשעס — און אַז ער, שטענצל האָט געשוויגן ווי אַ לעמעלע (ער איז קיינמאָל פון די גרויסע קעגנ־שטעלערס נישט געווען, בפרט אין אַזאַ צייט), האָט ער, מר. שטיינבערג געשפּיזלט מיט די בייזע אַרויסגעקוואָלענע אויגן. און עדלהיימער? קאָמישער מענטש! וואָס האָט ער געוואָלט, אַז עדלהיימער זאָל זיך אָננעמען זיין קריוודע? ער האָט אין זינען זיינע ווייבערישע געשעפטן...

שטענצל האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרטראָגן עדלהיימערן, דעם צווייטן פאַרטנער, דעם פראַנט מיטן פעטן, תמיד גלאַט־אויסגעראַזירטן פנים, וועמענס סקאַנדאַלן מיט ווייבער זענען געווען דער אייביקער שמועס אין גאַנצן געשעפט... ס׳איז אים תמיד געווען דערווידער זיין שמייכל, דאָס שמייכעלע פון אַ בעל־תאווהניק, וואָס שעמט זיך אַ ביסל און וויל דיך אָפּקויפן. אַ שמייכעלע פון גאָלע גוטסקייט און פאַרשטעג־דעניש און ליבשאַפט צו מענטשן... שטענצל האָט אים איצט אין גע־דאַנק געזידלט און גערופן מיט אַלע מיאוסע נעמען! געטראַכט פאַר־וואָס ס׳איז נישטאָ קיין געזעץ קעגן אַזעלכע חברהלייט, אַזוינע אויס־וואָרפן.

און ווידער צעברענט זיך אין אים דער כעס — ניין, ער וועט נישט דערלאָזן, נישט אַזוי גרינג וועלן זיי פון אים פטור ווערן, מ׳האָט מיט אים תמיד פאַרשטופט אַלע לעכער, תמיד געווען גוטע ברידער, און גראַד אים איצט אַ בריקע געטאָן, ווי אַן אַלטן הונט, וואָס קאָן שוין נישט בייסן... ער וועט אַרבעטן מעשים... ער וועט אויפרודערן אַ וועלט... ניין, ער וועט עס נישט דערלאָזן... ער וועט, ער וועט, ער וועט...

דזשייקאָב שטענצלס אויגן זענען פייכט געוואָרן, מיט זיין גאַנץ וועזן האָט ער געפילט, ס׳אַראַ מיאוסע וועלט דאָס איז. מען האָט אים געקריוודעט, שרעקלעך בעוולט. מיאוס, פע, ווי מיאוס... אַי, אַ מיאוסע וועלט, באַהאַנדלט אַזוי מיאוס, פע, מיאוס...

*

פאַרבייגייענדיק אַ קליינעם פאַרק מיט עטלעכע בענק, האָט שטענצל דערפילט אַ גוואַלדיקע מידקייט, אַ ברעכעניש אין אַלע ביינער. כאָטש ער איז גאָרנישט געווען אויפגעלייגט דערצו, האָט ער זיך געמוזט אויף אַ ווײַלע צוזעצן אָפּרוען. ער האָט קוים געפונען אַ שטיקל אָרט, ווייל די בענק זענען געווען געדיכט באַזעצט מיט ווייבער, וואָס האָבן געהיט זייער יונגוואַרג וואָס האָט זיך דאָ אַרומגעשלעפּט.

שטענצל איז געזעסן אַ שטיקל צייט פריטשמעליעט, נישט גע־זען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. און אָט האָט דער זכרון אים אונטער־געטראָגן ווי אַ גוטע מתנה, די דערמאָנונג, ווי ער איז קראַנק געוואָרן,

ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַקומען אַן אַטאַקע פון הויכן בלוט־דרוק, וואָס איז שוין פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן מיט אים אויף שטענ־דיק. ס׳איז געווען אין אַ פרימאָרגן, ווען ער איז ווי יעדן טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט. ער איז נאָך נישט ווייט אַוועק פון הויז, ווען דער קאָפּ האָט זיך אים פּלוצעם פאַרדרייט, אַזוי פּלוצעם, אָן אַ שום וואָ־רעניש. ער האָט אין אָנהייב נישט געוווּסט וואָס ס׳איז געשען. די גאַנצע גאַס האָט זיך ווי אַ הייב געטאָן אונטער זיינע פיס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: אפשר איז דאָס אַן ערדציטערניש. דאָס, האָט ער זיך באַלד געטראַכט, איז אַ פּוסטע איינרעדעניש. דער אמת איז, ער קאָן זיך נישט האַלטן אויף די פיס. אַ גליק, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַן אייזערנעם צוים, וואָס האָט אַרומגעצוימט אַ שיינע, פּריוואַטע הייזקע פון אַ דאָקטער, ווי אַ שילדל פאַר דער טיר האָט מודיע געווען. ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך און געקאָנט שטיין אויף די פיס, האָט ער זיך גענומען שלעפּן אַהיים, נישט וואַגנדיק אַוועקצוגיין ווייט פון אַ וואַנט, אין וועלכער ער זאָל זיך קאָנען אָנכאַפּן.

בטבע איז שטענצל נישט געווען קיין מענטש וואָס האָט זיך אָפּגעהיט און צוגעקוקט צו זיין געזונט. אָבער, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט דאָקטוירים, מעדיצינען און דיעטעס, איז אויף אים געקומען אַ געוואַלדיקע שרעק. ער האָט גענומען זאָרגן און נאָכ־טראַכטן, און פון שרעק און זאָרג איז ער געוואָרן נאָך מער קראַנק ווי ער איז געווען. ווי אַ קראַנקער האָט ער גענומען פאַרלאַנגען אַ ביסל מער וואַרעמקייט, אַ ביסל מער מיטגעפיל, אָבער באַקומען האָט ער גראָד עפּעס אַנדערש. ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָס ווייב וואָלט אים גאָרנישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט גענומען און קראַנק געוואָרן. זי זאָגט אַז זי איז גאָר די קראַנקע און דאָקטוירים הייסן איר פאָרן אין קאָונטרי. זינט די קינדער האָבן חתונה געהאַט און אַוועק פאַר זיך איז אין איר פשוט אַ משוגעת אַריין, זי האָט זיך ממש אָנגעזעצט אויף אים כאָטש נעם די קינדער און צווינג זיי אויפצוגעבן זייערע היימען, און זיך אומקערן צו דער מאַמען. און טאָמער קומט אַ קינד איבער־נעכטיקן, דאַרף מען אויפהאַלטן דעם גרויסן אַפּאַרטעמענט און צאָלן דעם גרויסן רענט? זי האָט זיך בכלל תמיד געפירט ווי אַ גרויסע גבירטע. צוגעוווינט געווען אַזוי פון דער היים. ווען ער האָט געטענהט,

אַז ער איז נאָר אַן אַנגעשטעלטער (און פּאַרוואָס האָט ער נישט געַ־האָט קיין שכל צו גיין אין ביזנעס?) און מען ווערט עלטער און נישט יונגער און מען דאַרף באַהאַלטן אַ סענט אויף אַ „רעגנדיקן" טאָג, האָט זי זיך ערשט אָנגעצונדן. ער איז אַ שלימזל, אַ לא יצלח. די קינדער ווילן זי זאָל זיך פירן ווי אַמאָל (אָבער העלפן? — דאָס נישט) און די מאַמע איז ביי זיי דאָס אייבערשטע פון שטייסל. וועגן דעם האָט ער לעצטנס טאַקע אַ סך איבערגעטראַכט, געזעסן אין דעם איר האַנט, דאָס רעדט זי די קינדער אָן קעגן אים.

דזשייקאָב שטענצל האָט אַ טראַכט געטאָן מיט הנאה, כמעט אויסגעשריגן אויפן קול:

— איצט וועט זי וויסן, די מיוחסטע!...

אָבער אויף לאַנג האָט דער געדאַנק אַפּנים נישט געטרייסט. נאָך אַ ווייל טראַכטן האָט ער באַשלאָסן אין דער היים גאָרנישט נישט צו זאָגן, נישט דעם ווייב נישט די קינדער, ביז ער וועט זיך מאַנטיק דורכרעדן מיט די באָסעס. אפשר וועט זיך אַלץ אויסלאָזן מיט אַן אומזיסטער האַרץ־פּעכעניש. און ער גלויבט באמת נישט, אַז זיי זאָלן האָבן דאָס האַרץ אים טאַקע אינגאַנצן אָפּצוזאָגן. דאָס איז נאָר געווען אַזאַ סטראַשונעק. שלעכטע צייטן. ביזנעס איז נישט גוט. מ'מאַכט נישט וואָס אַמאָל. מיר קאָנען נישט דערלייגן. אַ ביסל זענען זיי גע־רעכט, כאָטש ער האָט פּאַר זיי געגנוג געלט געמאַכט אין די גוטע צייטן. ער וועט אַפּנים מוזן נעמען אַ „שניט". אַי, ווען ער האָט טאַקע שכל און גייט אין ביזנעס — דעמאָלט איז געווען די צייט פון גרויסן „בום". מ'האָט זיך ביי אים געבעטן. רעזניק איז צו אים אַ סך מאָל געקומען, געוואָלט גיין אין פּאַרטנערשיפּ, האָט ער נישט געוואָלט. ס'איז גוט געווען אַזוי אויך. וואָס דאַרף ער זיך דרייען אַ קאָפּ? ער וועט זיי דאָס דערמאָנען, ווייזן, ווי געטריי ער איז זיי געווען, פאַר־רעכנט פאַרן בעסטן סיילסמען. ער וועט רעדן צו זיי פּנים אל פּנים, אַפּעלירן צו זייער געוויסן, נאָך אַלעמען איז דאָך דאָ עפּעס אַזאַ זאַך ווי יושר, ווי אָרנטלעכקייט. אַ לעבן דאַרף ער דאָך מאַכן. וואָס קאָן טאָן אַ מאַן אין זיינע יאָרן און אַ קראַנקער דערצו? ניין, דאָס דאַרף מען נישט זאָגן, ער וועט נישט לעבן פון בעטלברויט ביי די קינדער, בעסער אויסגיין...

2.

דזשייקאָב שטענצל האָט געוווינט אין דער געגנט פון פּראָס־פּעקט־פּאַרק אין איינעם פון די סאָלידע אַפּאַרטמענט־הייזער, ווו עס ווױנען סאָלידע, איינגעפונדעוועטע בירגער, ווו אַלץ פון דרויסן און אינעווייניק איז ציכטיק און רעספּעקטאַבל. ווען ער איז אַ צעטומל־טער אַריין צו זיך אין אַפּאַרטמענט, האָט ער געהאָפט, אַז קיינער איז נישטאָ אין הויז און ער וועט צייט האָבן אַנידערצולייגן זיך, באַרויקן די געדאַנקען. אומזיסט אָפּנים. דאָס ווייב זיינס, אָנגעטאָן אין הויז־כאַלאַט, איז געלעגן אָן אויסגעצויגענע אין אַ ווייכן שטול, די פיס אויף אַ קישעלע, און זיך צוגעהערט צו אַ ראַדיאָ־זינגערין, וואָס האָט מיט אַ הייזעריק קול געליאַרעמט עפּעס מיט אַ געוואַלדיקער ליידנ־שאַפט... שטענצל, וועמען דאָס גרעגערן פון ראַדיאָ האָט תמיד געררייצט די נערוון, האָט איצט געפילט, ווי מען וואָלט זיך מיט אים אומישנע גערייצט. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, באַהאַלטן עס אין זיך, געפּרוּווט נישט אַרויסווייזן מיט דער קלענסטער העוויה אַז עפּעס איז געשען. נאָכן אַרומוואַשן זיך און עפּעס איבערכאַפּן, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין שטול און געפּרוּווט לייענען אַ צייטונג.

דאָס ווייב זיינס איז געווען אַ דיקלעכע, אַ באַברילטע. זי האָט זיך אָפּנים מתעסק געווען מיט זיך ווי אַ מיידל, ווייל כאָטש דאָס קיילעכדיקע פּנים איז געווען צעהאַקט מיט טיפע פאַלדן און די אויגן איינגערעמט אין אַ סיעטקע פון קנייטשן, זענען אירע האָר געווען קונציק אויסגעלייגט אין לאָקעלעך. עס האָט געאָטעמט פון איר גאַנצער געשטאַלט מיט איינגעגעסענער, כראָניש־געוואָרענער בייז־קייט. אירע אויגן האָבן געהאַט אַ נערוועזן פלאַטער. זי האָט באַלד באַ־מערקט, אַז עפּעס באַהאַלט ער פון איר, דער מאַן, אַז עפּעס איז געשען. זי איז צוגעשטאַנען אַזוי לאַנג און נישט אָפּגעלאָזט, ביז דזשייקאָב שטענצל האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט די נייעס:

— ער האָט פאַרלוירן דעם דזשאָב.

שטענצל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אפשר האָט ער גע־יאָרט אויף אַ טרייסט־וואָרט, עפּעס וואָס זאָל גרינגער מאַכן די שווע־ריקייט וואָס האָט איינגעקלאַמערט דאָס האַרץ ווי מיט אַ פויסט, אָבער

דערזען האָט ער ווי אַ צעזשאַרעטע, בלייערנע גרויקייט האָט פאַר־צויגן זיין ווייבס פּנים און פון די אונטערגעפּירטע אויגן האָט געפלאַ־קערט ווילדקייט און רציחה.

שטענצל האָט זיך דערשראָקן, זיך גענומען פאַרטיידיקן, דער־קלערן דעם ווייב די לאַגע, ווי מען האָט שוין אַ לאַנגע צייט גערעדט, אַז מען וועט אָפּלאָזן מענטשן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט גע־טראַכט, אַז מען וועט אים אָפּזאָגן... ווי ער האָט זיך דערפילט קראַנק, ווען ער האָט באַקומען די נייעס; ווי אומפאַרהאָפט דאָס איז געקומען. אָבער ס'איז נישט קיין פאַרפאַלענע זאַך. ער וועט זיך מאַנטיק דורכ־רעדן מיט די באַסעס, ער וועט מוזן נעמען אַ שניט און מיט דעם וועט זיך עס אויסלאָזן...

אומזיסטע רייד, אַרויסגעוואָרפענע רייד. מעגלעך, אַז די פרוי האָט זיי אפילו נישט געהערט. זי האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן, גע־נומען שרייען. איר געשריי איז איבערגעגאַנגען אַלע שטאַפּלען פון פאָרוואורף, קלאָגעניש און זידלעריי ביז אַ בייז־שנאהדיק ווילדעווען. שטענצלס אַלטער, נאַקעטער קאָפּ האָט זיך געבויגן נידעריקער און נידעריקער. אין די שלייפן האָט געעגבערט און געבויערט, ווי מען וואָלט זיי געשטאָכן מיט לאַנגע שפּילקעס.

דער תּמצית פון דעם אומענדלעכן שטראָם ווערטער איז געווען אַזאַ:

— איר גאַנץ לעבן איז געווען אַ גרויסער קרבן, יסורים און פּיין — אנשטאָט פרייד, געניסן און הנאה האָבן... די שענסטע און בעסטע יאָרן, ווען דאָס לעבן איז אַזוי זיס, ווען מען קאָן טרינקען פולע בעכערס גליק און פאַרגעניגן, זענען ביי איר געווען שוואַרץ און וויסט. אַז ער איז קיין מאַן נישט, שטענצל. וואָס פאַר אַ מאַן איז ער? אַ שלימזל, אַ נעבעכל, אַ מענטש אָן אַ רוקנביין, אָן אַמביצ־יע, אָן לייב און לעבן. תּמיד געווען צופרידן, ווען ער האָט פאַר־דינט אויף קאַשע מיט וואַסער. אַבי לאָזט אים צורו, אַבי טשעפּעט אים נישט. כל זמן זי האָט געהאַט די כּוחות, האָט זי געליטן און געשוויגן, אָבער איצט איז זי קראַנק און צעבראָכן, זי קאָן זיך מער נישט מקריב זיין. אַ ביסל רו קומט אפילו אַ הונט אויך. דאָס אַלץ וואָס זי וויל: אַ ביסל רו. דאָס אַלץ, אַ ביסל רו...

און אַזוי נאָך אַ מאָל פון אָנהייב אָן. מיט וואַריאַציעס, באַפּוצונגען און באַצירונגען (זי איז געווען באַהאַווגט אין אינטעליגענטישע פראַזן, נישט געזידלט גראָב). געענדיקט האָט זי דראַמאַטיש. איצט איז געקומען דער סוף. נאָ־מאַר. דער סוף איז געקומען. זי וויל פון גאָרנישט וויסן. זיין בעטלערישער דזשאָב, זי וויל מער נישט הערן דערפון. זי וועט גיין אין אַ שפּיטאָל, אין אַ סאַנאַטאָריום, ווּ זי וועט קאָנען אָפּרוען אירע קראַנקע נערוון.

דזשייקאָב שטענצל האָט זיך געשראָקן: ער קריגט אַ האַרץ־אַטאַק. דאָס קלעמעניש אַרום האַרץ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, זיין מויל איז געווען אָנגעפּילט מיט אַ ביטערער מיאוסער פליסיקייט. ס'האָט אים געאיבלט. מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן האָט ער זיך געבעטן ביים ווייב:

— פליז, דאַרפסט נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט. ס'איז אַ צייטווייליקע זאַך. איך וועל צוריקקריגן דעם דזשאָב. מען וועט מאַנטיק זיך דורכרעדן מיט די באָסעס, פליז, פליז.

3.

דזשייקאָב שטענצל איז אַוועק מאַנטיק גאַנץ פרי זיך דורכרעדן מיט די באָסעס. דער פּריוואַטער אָפיס פון די באָסעס איז געווען ליכטיק און געראַם; אַ שיינער דיוואַן איז געלעגן צווישן די צוויי שרייבטישן, וואָס זענען זיך געשטאַנען אַנטקעגנאַיבער. עדל־היימער, אַנגעטאָן ווי געווײַנלעך אין אַ טייערן, ניי־געפּרעסטן אַנצוג, אַ גלאַט־אויסראַזירטער, אַן אָפּגעפרישטער נאָך צוויי טעג אָפּרו פון די געשעפטן, איז ערשט אַפּנים אַריינגעקומען, געשטאַנען ביים פענצטער און געדרייכערט אַ סיגאַרעטל. ער האָט געשמייכלט מיט זיין שולדיקן, גוטינקן שמייכל ווי איינער רעדט: טייערער פריינד, וואָס קאָן מען טאָן? — שטיינבערג מיט זיין ראַבאַיש בערדל האָט זיך שוין געבאָברעט אין די פּאַפּירן. ער האָט אַ גלאַנץ געטאָן אויף שטענצלען מיט רוגזה און זיך נאָך מער פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. שטענצל איז אַרויס מיט זיין גאַנצער איינגעשטודירטער פאַרציע טענות. אין אָנהייב שאַרף, מיט באַקציינער, אָבער צום סוף תחנונימדיק געבעטן

זיך: ער איז אַן אַלטער מאַן, אַ קראַנקער, וואָס וועט ער טאָן? וווּ וועט ער איצט קריגן אַ דזשאָב? אַזוי געטריי געאַרבעט, אַריינגע־בראַכט אַזויפיל ביזנעס. ווי אַזוי האָט מען דאָס אַ האַרץ אין אַזאַ צייט אַוועקצושיקן אַ מענטש וואָס האָט געאַרבעט אַזוי געטריי...

עדלהיימער האָט געשטאַמלט: טייערער פריינד, שלעכטע צייטן. ס׳טוט מיר וויי... אַזוי גיך ווי די ביזנעס וועלן זיך פאַרבעסערן... ער מעג זיי גלויבן...

זיין פנים איז געוואָרן נאָכגעלאָזן אומעטיק. ווי ביי אַ מענטש, וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַלע יסורים פון דער וועלט און קאָן מיטפילן מיט יענעם. שטיינבערג האָט שוין דאָס אָפּנים מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, צוגעלאָפן צו שטענצלען אַ צעפלאָמטער מיט אַ רויטגעוואָרענעם קאַרק:

— טוען מיר ביזנעס? איך פרעג אייך!

ער האָט איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל די קשיה זיינע מיט גרויס כעס: טוען מיר ביזנעס? טוען מיר ביזנעס? — עס האָט געקלונגען מער ווי אַ באַשולדיקונג ווי אַן אָנפראַגע. ווי ער וואָלט געוואָלט שטענצל זאָל אים פאַרענטפערן, פאַרוואָס דאָס קומט אים, שטיינבערגן, ער זאָל זיך געפינען אין אַזאַ קלעם. אים דעם בעל־צדקה, דעם אָרנטלעכן מענטש, דעם בכבודיקן מענטש, פאַרוואָס קומט דאָס אים? און ווי צו ווייזן ווי פיין און ערלעך ער איז, האָט ער געזאָגט צו שטענצלען שוין אָן כעס, ווי אַ מענטש וואָס האָט דעם גאַנצן יושר אויף זיין זייט:

— נו, זעצט זיך אויף מיין בענקל; איר זענט דער באָס. וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מיין פּלאַץ, אדרבא, וואָס איז אייער עצה?

ער האָט שטענצלען ממש געשטופּט ער זאָל זיך זעצן אויף זיין שטול. ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי ער חוזקט צי ער מיינט עס ערנסט. אָבער שטענצל האָט סיי ווי סיי זיך געפילט, ווי מען וואָלט פון אים ביטער געחוזקט. ער איז געשטאַנען אַ צעמישטער, מיט אַן אָפּגענומענער צונג, ביז עדלהיימער האָט מיט גוטע רייד אים אַרויסגעשטופּט פון אָפּיס.

אויף דער גאַס האָבן זיך אויף שטענצלס שווער געמיט צו־ערשט אָפּגערופן די פיס. — מיר האָבן נישט קיין כוח צו טראָגן

דיך — האָבן זיי געזאָגט. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. דעם צווייטן טאָג האָט ער זיך נישט געקאָנט אויפהייבן. מען האָט צו אים געמוזט רופן אַ דאָקטער.

דער דאָקטער איז געווען אַ דיקלעך, פּעמפּעקעוואַט מענטשל, מיט אַן ענערגיש פּנים און לעבעדיקע אויגן. ער האָט ליב מסביר צו זיין אַן ענין, אָפּשפּעטן, אַריינוואַרפן אַ חכמהלע. ער איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל געווען דאָ ביי שטענצלען און אים באַטראַכט ווי אַן אייגענעם, ווי אַ מענטש וואָס מען מעג זאָגן, אַז ער איז אַ נאַר, ער ווייסט נישט ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

נאָכן פאַרשרייבן אַ מעדיצין, וואָס ער האָט אָפּגעפּטרט אָן חשק, האָט ער זיך נענטער צוגערוקט דאָס בענקל צום חולה און אים אָנגעקוקט שאַרף און מיט חוזק, ווי איינער רעדט: נו, וואָס זאָל מען מיט אייך טאָן?

ער האָט מסביר געווען אים און דער משפחה, וואָס איז גע־שטאַנען אַרום אים מיט ערנסטע און פאַרדבקהטע פּנימער, ווי ס׳פירט זיך ביי אַזאַ געלעגנהייט:

אַז מען פאָלגט אים נישט; אַז מען מיינט: אויסגעטרונקען דאָס ביסל מעדיצין און פאַרטיק. האָט ער נישט געוואָרנט? נישט אויפרעגן זיך, געלאַסן לעבן. דער בלוטדרוק איז הויך, די אָדערן פאַרהאַרטעוועט, קאָנען נישט ספּראַווען זיך, מ׳דאַרף זיך אָפּהיטן, מ׳קאָן זיך אָנאַרבעטן אַ שיינע חתונה.

— מען וויל וויסן וואָס מען זאָל טאָן? ער וועט איבערחזרן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. קודם כל: רו. כאָטש עטלעכע וואָכן ליגן אין בעט. דער אָרגאַניזם דאַרף זיך אויסרוען, קומען צו זיך, מען דאַרף עסן צו ביסלעך און אין דער צייט. לעבן אַ רעגולירט, אָפּגעהיט לעבן. די מינדעסטע אויפרעגונג איז סם, סם־המות, אַז די זאַך איז אַזוי פּשוט... אַזוי פּשוט...

געבליבן אַליין, איז שטענצל געפאַלן ווי פאַרחלשט אויפן קישן, פון זיין פּנים איז אויסגערונען דאָס לעבן. פון טויט־געלן פּנים האָבן נאָר די אויגן געברענט פאַרווונדערטע, טיף־פאַרטראַכטע.

אויפגעשטאַנען פון בעט, האָט שטענצל גענומען אַרומלויפן זוכן אַ דזשאָב. כאָטש ער איז נאָך נישט געקומען אינגאַנצן צו זיך, האָט ער זיך נישט געשאַנעוועט. ער האָט געקלאַפּט אין אַלע טירן אָבער ס'איז געווען אַן עבודה לבטלה. אַ טויט־מידער פון אַרומגיין איבער די גאַסן האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין פּאַרק, אָפּגעווישט צוערשט די באַנק, ער זאָל נישט פאַרשמירן זיינע ריין־אויסגעפּוצטע און צוגעפּרעסטע מלבושים. ער האָט זיך פאַרשטעלט מיט אַ צייטונג פאַר טשיקאַווע בליקן. האָט זיך עמעצער צו אים צו־געזעצט, געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס — האָט ער זיך תיכף אויפגע־הויבן און אַוועק אַ באַליידיקטער.

ער האָט זיך שטאַרק געביטן, שטענצל. זיין קאָפּ איז איינגע־שרומפּן. אין די שלייפן האָבן זיך געעפנט טיפע גריבער. די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן מיטן צעטומלטן אין זיך פאַרטיפטן קוק, זענען אַריין טיפער אין ביינערדיקן געשטעל. ער איז געווען ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. די היים איז אים איצט געווען דערווידער. דאָס ווייב האָט צו אים גערעדט מיט ביטול, אירע אויגן האָבן געפלאַמט מיט שנאהדיקער רציחה...

און די קינדער?

זייער אויפפירעכץ איז איצט אויך אַן אַנדערע ווי פריער, ווען ער האָט געהאַט אַ דזשאָב און נישט באַדאַרפט זייער לאָסקע. די טאָכטער, די לערערין, וואָס האָט זיך איבערגעצויגן צו אים, מען זאָל נישט דאַרפן צאָלן רענט פאַר צוויי אַפּאַרטמענטס, האָט אים באַהאַנדלט איידל, מיט דרך־ארץ, אָבער נישט זעלטן האָבן פון אירע רייד אַרויסגעשלאָגן אומגעדולד און אומצופרידנקייט. און זי האָט אים געמוסרט, ווי אַ שלעכט יינגל, וואָס איז אַראָפּ פון דרך־הישר, געהאַלטן פאַר אים צעצויגענע דרשות, פאַרטיידיקט די מאַמע און געשילדערט אירע ליידן (אירע ליידן זענען זיין שולד...)

איר מאַן איז אויך געווען אַ לערער. ווען ער האָט זיך צו־זאַמענגעטראָפן מיט שטענצלען, האָט ער זיך געשאַרט צו זיין חדר־מיוחד, ווי איינער, וואָס אַנטלויפט פון אַנשטרענגונג. שטענצלען האָט זייער וויי געטאָן וואָס ער מיידט אים אויס און אַנטלויפט פון אים...

(אגב, די סיבה פון יענעמס אויפפירעכץ איז געווען: אַנטוישונג און פאַר־

לאַנג צו זיין אַליין. ער האָט געוואָלט ווערן אַ שרייבער. ער האָט געהאָפט צו ווערן אַ גדול. אָבער ס'איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. אויפן ערשטן ביכל זיינעם האָט ער נאָך עד היום נישט געקאָנט געפינען קיין פאַרלעגער. און דאָס ווייב, האָט זיך אַרויסגעשטעלט באַלד נאָך דער חתונה, פאַרשטייט נישט זיינע אַמביציעס און האַלט אַז ער איז אַ פוילער און אַ פאַנטאַזיאָר).

פון לאַיער, זיין איינאיינציקן זון, וואָס איז געווען פריער זיין גאַנצער אַנשפּאַר, האָט שטענצל איצט אויך באַקומען אַ ביטערן פּיל אַראָפּצושלינגען. דער לאַיער איז געווען אַ ברייטער, פעטער יונג, מיט אַ געזונט־שרייענדיק קול און אַ פּנים, וואָס האָט געשיינט מיט בלומרשטיקער גוטסקייט. ער און דער פאָטער זענען תמיד געווען גאַנצע גוטע ברידער, חברים ממש. אין אָנהייב איז ער טאַקע געקומען צולויפן יעדן טאָג מיט זיין מאַשין, געמאַכט דעם אָנשטעל: זע פון וואָס מען מאַכט אַ וועזן, מען וועט זיך באַגיין אָן דעם טאַטנס דזשאָב, זאָל זיך דער טאַטע אָפּרוען אַ ביסל. אָבער אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער טאַטע וועט שוין נישט קאָנען מער אַרבעטן און ער האָט זיך באַדאַרפט אונטערנעמען צו העלפן אויסהאַלטן דאָס הויז, איז געקומען אָן אומבייט אויף אים. ער האָט זיך גענומען בייזערן, שרייען. דער בויאַן וואָס האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער גוטברודערישקייט און גוטסקייט, איז אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט זיין אייגענע פאַמיליע — האָט ער געוואַלדעוועט. ס'האָט אויסגעזען אַז ער וואַרפט אַראָפּ מיט פאַר־געניגן די מאַסקע, האָט הנאה פון צו זיין גראָב און ברוטאַל.

שטענצל האָט איצטער געהאַט אַ סך צייט צו טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך וועגן זיין לעבן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן דורכגעגראָבן אַהער און אַהין; אַהין און צוריק. אָבער וואָס? ווען ער האָט אַ ביי לעבן, וואָלט ער עס אַנדערש געלעבט? מיט איין זאַך קאָן ער זיך, שטענצל טרייסטן, ער איז תמיד געווען אַן ערלעכער מענטש און גע־רעכנט אַז אַנדערע זענען אויך אַזוי. איצט זעט ער, ערלעכקייט איז גאָרנישט ווערט. ס'איז אַ וועלט, וווּ מען שאַצט נישט קיין ערלעכקייט, קיין אָרנטלעכקייט. פון דזשאָב וואַרפט מען אים אַרויס נאָך אַזויפיל יאָרן שווערער גוטער אַרבעט. פאַר זיין ווייב און קינדער איז ער איצט אויך אַן איבעריקער. מען טוט זיך אָן כּוח אים צו טאָלערירן. ווען ער

איז נישט קיין חולה וואָלט מען אים אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן פון הויז.

שטענצל האָט דערפילט אַ געוואַלדיקע איינזאַמקייט. דער סאַמע יסוד פון לעבן איז אונטערגעגראָבן. ווי אַ ראַק וואָלט זיך אַריינגע־כאַפּט אין זיינע אינגעווייד און זיי געפרעסן אכזריותדיק, אָן אויפהער. ער האָט פאַרצערט זיינע כוחות, אין פאַרביטערטן גריזשען זיך. ער איז געווען ווי אַ פרעמדער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין זיין אייגענער היים. ער איז אַוועק פון דאָרט אין דער פרי און געקומען אַהיים ביי־נאַכט. איבער דער גאַנצער הויט זיינער איז געלאָפן אַ קילקייט, אַ ציטער, ווען ער איז אַריין אין הויז. זיינע אויגן האָבן זיך שאַרף אָנ־געשפּיצט. ער איז חושד געווען אַז מען פירט קעגן אים פּאָליטיקעס, קאָנספּיראַציעס. איידער ער האָט די טיר געעפנט האָט ער זיך אונ־טערגעשטעלט צוהערן, אפשר וועט ער עפּעס כאַפּן וואָס מ׳רעדט וועגן אים. פון דער מינדסטער זאַך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ כעס און דערנאָך צו קיינעם נישט גערעדט. דאָס ווייב האָט איצט פאַרלאַנגט, ער זאָל זיך אַליין נעמען עסן און איבערוואַשן נאָך זיך דאָס געשיר. ער האָט סיי ווי סיי נישט וואָס צו טאָן, און זי איז אַ קראַנקע, זי דאַרף רו. זי איז ערשט געווען ביי אַ דאָקטער און דער דאָקטער האָט זי גע־שיקט צו אַן אַנדערן דאָקטער און פאַר יענעם האָט זי אויסדערציילט איר גאַנץ ביטער לעבן, און יענער האָט איר געהייסן זיך אָפּגעבן מיט זיך, נישט פאַרשטיקן אירע פאַרלאַנגען, איר אייגן לעבן. די פרוי איז נישט מיד געווארן איבערצודערציילן דעם דאָקטערס רייד פאַר יעדן איינעם נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל מיט נייע פּרטים. דאָס האָט איר געגעבן נייעם אויטאָריטעט און גרויס וואָזשנעקייט.

שטענצל האָט אויסגעפונען אַז ער האָט דאָס ווייב זיינס פריער נישט געקענט. גאָר אַן אַנדערער מענטש. ער האָט באַלד נאָך דער חתונה נישט געקאָנט פאַרטראָגן איר גרויסהאַלטערישקייט, איר צאַצקען און פּיעשטשען און איבערנעמען זיך. אָבער אַז דאָס איז אַזאַ שלעכטס האָט ער גאָרנישט חושד געווען. אַזאַ שנאה, אַזאַ שונא געוואָרן. ער האָט מורא פאַר איר ווי פאַר אַ גזלן. זי האָט זיך פאַרנומען אים אומצו־ברענגען. פון דער העלער הויט גיט זי אַ שפּרונג אַרויס מיט אַ זאָגעלע, מיט אַ בייז קוקעלע: — ביסט תמיד געווען אַן אידיאָט, אַ גאָרנישט. פון דער העלער הויט הייבט זי אָן געוואַלדעווען וועגן איר צעבראָכן

לעבן, וועגן איר פינצטערער מערכה, ווי זי האָט איר גאַנץ לעבן זיך מקריב געווען. וואָס טראַכט ער, זי קאָן לעבן פון וואָס די קינדער גיבן איר? זי איז נישט געוווינט דערצו, זי וועט עס נישט איבערטראָגן, זי פילט אַז זי גייט אויס, זי וועט האָבן אַ נערוון־צוזאַמענברוך...

שטענצל האָט דאָס פאַרגליכן מיט דעם הויז פון זיינע עלטערן. אין זיינע געדאַנקען איז ער שטענדיק איצט דאָרט געווען, סיי אין חלום און סיי אויף דער וואָר. זיין פאָטער האָט געהאַט אַ דרייגודס־סטאָרקע אין אַ קליין שטעטל אין דזשווירזי. ער איז געווען אַן אַריבער־געקומענער פון דייטשלאַנד. מען האָט קוים געמאַכט אַ לעבן. אָבער ס'איז געווען אַ גן־עדן (אַזוי טראַכט שטענצל). ס'האָט געהערשט אין הויז פרידן, ליבשאַפט, צוגעבונדנקייט. די מוטער האָט אַלץ געטאָן כדי צו געפעלן דעם פאָטער, קיין זאַך נישט געטאָן אָן אים. ווי אָרעם מען איז געווען האָט מען אים געשיקט אין הייסקול, געוואָלט שיקן אין קאָלעדזש, אָבער ער האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין! ער וויל אַרבעטן, בפרט די מוטער האָט געוואָלט אַז ער זאָל שטודירן, ווערן אַ פּראָפעסיאָנאַל. זי האָט גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר געלערנטקייט, פאַר מענטשן, וואָס טוען עפּעס אויף. זי אַליין האָט ליב געהאַט ביז אין דער טיפער עלטער צו לייענען אַ סך. ביז די לעצטע יאָרן האָבן די קינדער איר אונטערגעטראָגן גרויס ליבשאַפט און דרך־ארץ. ער זעט קלאָר, ווי זי זיצט מיט די גרויסע ברילן, מיט די זילבערנע האָר.

*

שטענצל איז געווען ווי אַ פּאַסאַזשיר אויף אַ גרויסער לוקסוס־שיף, וואָס אַ שטורעם האָט אַרויפגעשליידערט אויף אַ פעלדז און צע־שמעטערט. דער פּאַסאַזשיר איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן איינער אַליין ערגעץ אויף אַן איינזאַמען אינדזל, ווו ער לאָזט זיך אַוועק אין ווילדע־ניש, דזשונגל, לעבנס־סכנה. ווו דער געדאַנק גיט זיך אַ דריי — שרעק, אומגליק, יאוש. פון איין זייט די קראַנקייט צעוואַקסט זיך, ס'ווערט ערגער און ערגער. ער זעט ממש דעם טויט פאַר די אויגן. ער פּרוווט זיך איינרעדן, שטענצל, אַז ער האָט פאַרן טויט נישט קיין מורא, אָבער ער האָט יאָ זייער מורא פאַרן טויט. פון דער אַנדערער זייט דער פאַרוואָס? כסדר פאַרוואָס? די קריוודע וואָס ברענט און ברענט. אַ

מענטש, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט געטריי דאָס גאַנצע לעבן, וואָלט מען נישט באַדאַרפט אַרויסוואַרפן ווי אַ ליאַדע שיק־יינגל. זיי וואָלטן גע־קאָנט באַשטיין, שטיינבערג און עדלהיימער, כאָטש ביזנעס איז שלעכט. און דאָס ווייב, און די קינדער, — אַ גאַנץ לעבן האָט ער געאַרבעט נאָר פאַר זייערטוועגן, האָט ער געוווּסט עפּעס אַנדערש ווי די היים, וואָס איז געווען זיין גאַנץ לעבן?

ער ווייסט, שטענצל, ער טרייבט זיך אין קבר מיט די חקירות און חשבונות און נאָכטראַכטענישן. דאָס בלוט שלאָגט אים אין די שלייפן. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים און פאַר די אויגן דערזעט ער אַ מחנה אַרומטאַנצנדיקע פליגעלעך. אַמאָל באַפאַלט אים, ווען ער גייט אין גאַס, אַ געוואַלדיקע שרעק. ער נעמט לויפן ווי עמעצער וואָלט אים געטריבן. נאָך דעם מאַכט ער ביי זיך אָפּ, אַז ס'איז פאַרפאַלן, ער קאָן די וועלט נישט איבערמאַכן און ער טרייבט זיך אַליין אין קבר אַריין. ער וויל זיך נישט אונטערגעבן די טראַכטונגען, אָבער עס זעט אויס, אַז ער איז מער נישט באַלעבאָס איבער זיך אַליין. די געדאַנקען זענען שטאַרקער פון אים. זיי ווערן אַלץ פאַרעקשנטער, זיי האָבן זיך זייער וועג און ווילן. זיי צעזשומען זיך אין זיין מוח, אַז ער שפּרינגט אויף ווי אַ געפייניקטער (דער דאָקטער האָט געזאָגט רו, רו, ס'נישט גוט פיל צו זאָרגן, ס'אַ פּשוטע זאַך). ס'דרייט זיך אַ קאַראַהאָד און ער קאָן אים נישט אָפּשטעלן.

שטענצל האָט פּלוצעם דאָס געפיל אַז עמעצער וויל ער זאָל נישט אָפּשטעלן דעם קאַראַהאָד, רייצט אונטער, קוקט זיך צו מיט הנאה צו זיינע מאַטערנישן און יסורים; וויל אים נישט לאָזן פאַרגעסן, כאָטש אויף אַ רגע קומען צו זיך; און טאָמער וויל שטענצל פאַרגעסן, שטייט יענער כסדר ביי דער זייט און דערמאָנט. און אַז ער שלאָפט וועקט ער אים אויף אין מיטן פון טיפן שלאָף ווי איינער רעדט: ווילסט דיר געשמאַק שלאָפן? ס'גייט דיר אַזוי גוט? — און דער ווילדער קאַ־ראַהאָד הייבט זיך ווידער אָן. דאָס ווילדע געיעג פון געדאַנקען, נישט געדאַנקען נאָר שטעכיקע, צעזשאַרעטע נאָדלען איבערן מוח, איבערן גאַנצן לייב, ביז לייב און נשמה ברענען אין פייער און שרעק.

*

שטענצל קאָן נישט און האָט מורא צו שלאָפן. ער גייט אַרום

איבער די צימערן ביינאַכט. ער גייט אַרום אַהין און אַהער, אַהין און צוריק. ער שטעלט זיך אָפּ ביי די פענצטער ווי אַן אַרעסטאַנט ביי די קראַטעס פון דער תּפיסה, קוקט אַרויס צו דער פריי און גייט ווייטער אַהין און צוריק. ער האָט נישט געלאָזט קיינעם שלאָפן. אין הויז איז געוואָרן אַ גערודער. מען האָט גערופן דעם דאָקטער.

דער דאָקטער האָט באַטראַכט שטענצלען מיט חוזק, ווי אַ מאָדנע, טשיקאַווע באַשעפעניש, חוזקדיק געמוסרט: — ער איז נישט קיין יינגל, שטענצל, מען דאַרף נישט דאגהנען, מען דאַרף נעמען די זאַכן געלאַסן, נישט טראַכטן צופיל, לעבן רויק, נישט אויפרעגן זיך. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס ווי אַ קליגערער, עלטערער מענטש פון די נאַרישקייטן וואָס אַ יינגל באַגייט. — אַז אַ מענטש וויל זיך אַליין דערגיין די יאָרן. האָט איר שוין אין גאַנצן קיין שכל נישט. זיך אַליין מקצר זיין די יאָרן? — דער דערשלאָגענער שטענצל האָט זיך גערויטלט און געשטאַמלט עפּעס ווי אַ לעפּישער תלמיד, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט. נאָך אַ ביסל נאָכטראַכטן, האָט דער דאָקטאָר דער־טראַכט זיך: שטענצל זאָל נעמען וואַרעמע בעדער פאַרן שלאָפן גיין. דאָס וועט אים העלפן שלאָפן, און אַ מעדיצין מוז ער נעמען — אויף צו באַרויקן די נערוון. שטענצל האָט ווי אַ געהאָרכזאַמער תלמיד גע־פאָלגט, אָבער נישט די בעדער און נישט די מעדיצין האָבן געהאָלפן. ער האָט אַרומגעשפּרייזט איבער די צימערן, ער האָט קיינעם נישט געלאָזט שלאָפן. דער סוף איז געווען אַז מען האָט פאַר אים אַריינגע־שטעלט אַ בעטל אין אַ קליין פינצטער קעמערל נעבן באָדצימער וואָס איז געווען אַ מין סקלאַד פאַר אַלערליי זאַכן, — זאָל ער זיך דאָרט, שטענצל, אַרומגיין גאַנצע נעכט, אָבער זאָל ער נישט וואָגן אַריינצו־שטעלן אַ פוס אין די אַנדערע צימערן און עמעצן אויפוועקן.

איין נאַכט האָט די טאָכטער דערהערט אַ שטאַרקן גערודער אין טאַטנס קעמערל. אַריינקומענדיק האָט זי דערזען שטענצלען אַן אַריבערגעבויגענעם איבערן בעט, אין אומהיימלעכן ליכט פון רויטן לעמפּל, וואָס האָט געוואָרפן אַ בלוטיקע שיין אויף זיין נאַקעטן שאַרבן. ער האָט געזוכט עפּעס אונטער דעם פאַרהויבענעם מאַטראַץ אין די ספּרוזשינעס און שפּאַרעס פון בעט. ווען זי האָט אַ פאַרחידושטע אים

געפרעגט וואָס ער טוט, האָט ער אַ ברום געטאָן, אַז ער זוכט וואַנצן, זיי בייסן אים, לאָזן אים נישט שלאָפן. די לערערין האָט פון פחד אַזש נישט געקאָנט רעדן אַ צייט. אירע גרויסע איבערגעקוואָלענע אויגן זענען נאָך מער איבערגעקוואָלן אין איר פלאַטשיקן פּנים.

— אָבער, פּאַפּאַ, וואָס פעלט דיר איין? דאָ זענען אַבסאָלוט נישטאָ קיין וואַנצן, דו רעדסט דיר איין, פּאַפּאַ, פּליז, גיי שלאָפן. די מאַמע וועט זיך אויפוועקן, וועט זי מאַכן אַ געוואַלד.

שטענצל איז געוואָרן אין כעס. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. דער טאַטע איז שוין אַ פולקאָמער אידיאָט? וואָס? ער ווייסט שוין נישט וואָס ער רעדט?

איין נאַכט האָט מען פון זיין שטיבל דערהערט געשרייען. ווען די שטוב־מענטשן זענען דאָרט אַריינגעלאָפן, האָט שטענצל געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער, געשריגן און געוואָרפן זיך; מען האָט קוים פון אים אַרויסבאַקומען וואָס עס איז געשען. שטענצלען האָט זיך אויס־געדוכט, אַז עמעצער איז אַריין אין זיין צימער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקל און קוקט אויף אים.

*

ס'איז נאָך געווען פריער מאָרגן און די לופט — פריש, כאָטש מיט אַן אָנזאָג אויף אַ גרויסער היץ. די געגנט אויף פּראָספּעקט־פּאַרק איז געווען שטיל מיט אַ זונטיקדיקער שטילקייט. כאָפּטעס יונגע באַיעס און מיידלעך האָבן זיך געזאַמלט מיט פּעקלעך, אָנגעטאָן אין ספּאָרט־קליידער, גרייט אַרויסצופאָרן פון שטאָט; מאַשינען האָבן זיך גע־טראָגן מיט אימפּעט, מיט שטילער, אָנגעלאָדענער גבורה.

פאַרן הויז פון די שטענצלס איז געשטאַנען אַ גבירישע בלאַנ־קענדיקע מאַשין. דאָס איז דער לאָיער געקומען אַרויסנעמען די משפּחה אין קאָני־אײלאַנד. שוין אַ שטיקל צייט האָט מען אין דער מאַשין גע־טראָגן פּעקלעך. מען האָט לאַנג איינגעטענהט מיטן פּאַ אַז ער זאָל אויך מיטפאָרן. דזשייקאָב שטענצל האָט נישט געוואָלט פאָרן, בייז גע־מרוטשעט, אָבער מען האָט אים איינגענומען.

די נסיעה איז געווען אַ לאַנגע. אַלע מאָל האָט מען זיך אָפּ־געשטעלט און ס'איז געגאַנגען אַ סדרה טרובען, אָבער סוף כל סוף

האָט אַ שיין געטאָן דער ים. די שטענצלס האָבן געהאַט אַ „לאָקער" אין אַ פּריוואַטן ביטש. נאָכן אויסטאָן זיך איז מען אַרויסגעקומען אין באַדקאָסטיומען. דזשייקאָב שטענצל האָט אויסגעזען דאַר און נעבעכ־דיק אַנטקעגן זיין ווייב, וואָס איר לייב איז געווען פעט, באַדעקט מיט פעטע קישעלעך.

די שטענצלס האָבן זיך אויפגעשטעלט אַ קאָלירטן שירעם. די יונגע מענטשן האָבן איבערגעלאָזט דזשייקאָבן מיט זיין ווייב אונטער דעם שירעם און זענען אַליין אַוועק שפּילן אין טעניס. דזשייקאָב שטענצל איז געזעסן מיטן נאַקעטן שאַרבן אָנגעשפּאַרט אין די ביי־נערדיקע קני. זיין ווייב האָט זיך צעשפּרייט אויפן לייוונטענעם שטול און גענומען אַ זונבאַד. זי האָט זיך אויסגעהיט אַ קוק צו טאָן אויפן מאַן, אָבער נישט קוקנדיק האָט זי אַפּנים געפילט זיין אַנוועזנקייט און דאָס איז איר נישט געווען ניחא. גיי זיך באָדן — האָט זי אים אַלעמאָל געמונטערט, וואָס זיצסטו, וואָס? וואָס גייסטו זיך נישט באָדן?

שטענצל איז אַוועק זיך באָדן. ס'האָט נישט גענומען לאַנג און ער איז געקומען צוריק לויפנדיק, אַ העשנדיקער, אַ ציטערנדיקער. ער איז צוגעפאַלן צום ווייבס קני געציטערט און געוויינט:

— איך האָב מורא, איך האָב מורא, ראַטעווע מיך...

וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? די קינדער זענען שוין אויך דאָ...

מען האָט פון אים אַרויסגעקראָגן, אַז אונטערן וואַסער האָט ער דערזען דעם זעלבן מענטש וואָס איז אַריין אין זיין צימער ביינאַכט. ער האָט אים רק געוואָלט אַראָפּשלעפּן אין וואַסער אַריין. טיף, גאַנץ טיף...

שטענצל האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער, מורא געהאַט אויפצוהייבן דעם קאָפּ פאַר שרעק.

פעיס אַהײמקומען

דער געדיכטער קנוילּיקער שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך גע־גאָסן אַלע ווײַלע פון מויל פון דער הויכבאַן־סטאַציע, האָט אַראָפּ־געבראַכט פעין אין דער בראָנזווילער געגנט. מענטשן זענען געלאָפן פון אַלע זײַטן אין גרויס געאײַל — אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט. פעי איז געגאַנגען נישט געאײַלט, געשאַרט זיך לעבן די מויערן. די שטילע, טונקעלע גאַסן, די נידעריקע שורות הײַזקעס מיט די ליכטיקע פענצטער, דורך וועלכע מען האָט געקאָנט זען ווי ווײַבער פּאָרען זיך בײַ די קיכן, די רעדלעך ווײַבער אויסגעזעצט אויף בענק פאַר די הײַזער, די ביימער אין דער לענג פון דער גאַס — דאָס אַלץ האָט אַזוי שטאַרק אַרויסגע־רופן דעם אַמאָל, אַז בײַ פעין האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

עטלעכע גאַסן ווײַטער געפינט זיך די דירה פון אירע עלטערן: אַן אַלטמאָדישע, הילצערנע הײַזקע מיט צוויי אַרומגעצוימטע ביימער פון פאָרנט, וווּ פעי איז געבוירן געוואָרן, זיך דערצויגן און אויסגעוואַקסן אין אַלדאָס גוטס ווי אַ בת יחידה. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָט זי פאַרלאָזן אירע עלטערנס הויז, אַוועק מיט דעם איטאַליענישן שול־חבר, אין וועמען זי האָט זיך פאַרליבט. נישט איינמאָל איז פעי אַהער צו־ריקגעקומען מיט די געדאַנקען. נישט איינמאָל האָט זיך געשטעלט פאַר אירע אויגן דאָס אבלדיקע הויז מיט די סצענעס, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט צווישן אירע ווענט: די מאַמע, וואָס איז אַרומגעלאָפן ווי אַ צעמישטע, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין קאָפּ און זיך פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערדיקן געוויין; דער פאָטער, דער שווייגער, וואָס האָט זיך געשלייכט אין שטוב אַ פאַרחושכטער, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און גערעדט עפּעס צו זיך אַליין... טאַטי האָט אין איר לאַנג אַרײַנגערעדט: „פעי, מיר האָבן זיך ליב, מיר זענען יונג, מיר האָבן אונדזערע אייגענע לעבנס. איך האָב געזונטע הענט, איך קאָן אַרבעטן.“ און פעי — אַ קינד נאָך, מיט קינדיש דרימלענדיקע אויגן, פאַרלאָזט דאָס הויז אַ צעוויי־טיקטע, אָבער מיט עזות מיט ציטערדיקער דערוואַרטונג, מיט חלומות...

איצט איז זי געגאַנגען צו טאַטע־מאַמע בעטן הילף. דער קריזיס האָט זיך אונטערגערוקט. טאַני האָט פאַרלוירן זיין דזשאָב ווי טויזנטער אַנדערע. קיין אַנדערן קאָן מען נישט געפינען...

אַ סך חדשים שוין אָן אַרבעט. אַ שטיקל ברויט איז שוין אַ טייערע זאַך, רעגט איז מען שולדיק פאַר עטלעכע חדשים. און די געשרייען פון אַ קליין קינד, וואָס איז אויסגעצערט און קרענקט כסדר, טרייבן פון זינען. טאַני האָט זיך שטאַרק געביטן אין די עטלעכע חדשים. זיין געלעכטער וואָס איז אַמאָל געקומען אַ שפּאָטיש־האָפערדיקער און צעלויכטן זיינע רויק־חוצפהדיקע אויגן, איז איצט ווילד, צערייצט. יעדן פאַרטאָג גייט ער זוכן אַרבעט, קומט צוריק און וואַרפט איר, פּעין, אין פנים אַריין: „נאַטינג"! (גאָרנישט), גלייך ווי זי וואָלט עס שולדיק געווען. ער איז אַ צערייצטער, שעלט און שרייט, אָדער זיצט לאַנגע שעהן מיטן קאָפּ אין די הענט אַ פאַרשטאַרטער. אַ שרעק נעמט זי דורך פאַר די געדאַנקען, וואָס ער טראַכט...

פון געפינען אַרבעט איז אָפּגערעדט. די שטאָט איז פול מיט „דזשאָב־זוכערס". אומעטום שטייען אויסגעצויגענע שורות. מ'שטייט אָפּ אַ האַלבן טאָג. עטלעכע געציילטע גליקלעכע ווערן אָנגענומען און ווערן פאַרשלונגען אין דעם סודותדיקן אינעווייניק — צו אַרבעטן... און דאָס רעשט שאַרט זיך אַוועק...

פּעי אַליין איז אויך עטלעכע מאָל געגאַנגען זוכן אַרבעט, געשטעלט זיך אין שורה, געשטאַנען שעהן לאַנג...

— שטעל זיך בעסער אין „ברעד־ליין" — האָט טאַני געברומט אַ בייזער.

די לעבנס פון די צוויי אַמעריקאַנער קינדער, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט, זענען פאַרשוועכט און פאַרשעמט געוואָרן. זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע אין די אויגן נישט געקענט קוקן...

פּעי, איצט אויפן וועג צו אירע עלטערן, אויף דער גוט באַקאַנטער בראַנזווילער גאַס, האָט זיך מיט וואונדער אַרומגעקוקט: דער זעלביקער ייד מיטן שאַליק אַרום האַלדז ביי דעם וועגעלע מיט די זויערע פּיקלס און רויטע טאָמייטאָס; די זעלבע צעגאָסענע מיסטעס שאָעל, וועמענס קאָפּ שווימט אַלעמאָל אָפּער פון הינטער די הורבעס צייטונגען; מיידלעך לויפן אין גרויס איילעניש... אַמאָל איז זי אויך

אַזוי געלאָפן אַהיים אַ מידע, אָבער אָן דאגות. דאָרט, אין דער היים, האָט אַרויסגעקוקט אַ מאַמע ביי די פענצטער. נישט געקאָנט זיך דער־וואַרטן. איצט שאַרט זיך פּעי לעבן די מויערן, זי האָט מורא, טאָמער וועט זי עמעצער דערקענען... זי אַנטלויפט פון מענטשן, ווי אַ זינדיקע. וויפל באַליידיקונגען און דערנידערונגען זי איז שוין אויסגעשטאַנען פון מענטשן... אָט די נאַרישע מויד פון הילפס־אַמט: גיי צו די עלטערן! פאַרוואָס גייסטו נישט צו די עלטערן זיי זאָלן דיר העלפן?...

פּעי איז אַרויסגעקומען אויף אַ רוישיקער גאַס פול מיט גע־שעפטן און מאַניענדיקע רויטע און גרינע ליכט־שילדן. צי אויס גע־וווינהייט, צי אפשר כדי צו באַרויקן די אינעווייניקסטע צערייצטקייט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַריינקוקן אין די פענצטער פון די קליידער־געשעפטן. די אַלע פּלעצער זענען איר געווען אַזוי גוט באַקאַנט פון פריערדיקע צייטן. אין מוח האָבן זיך געשטופּט אָן אויפהער בילדער: — די שול־יאָרן, ווען זי האָט זיך מיט כאַפּטעס יונגען און מיידלעך שעהן־לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער די געדיכט־באַזעצטע בראָנזווילער גאַסן. די בראָנזווילער גאַסן, תמיד פול מיט געשרייען פון קינדער און מענער און ווייבער אויסגעזעצט ביי די טירן און באַבערדלטע אַלטע יידן ביי די פענצטער, מיט ספרים אין די הענט ווי אין בילדער פון אַלטע צייטן... זכרונות האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף פּעין: די נעכט ווען מען איז אָן אויסגעפּוצטע געפאָרן אויף בראָדוועי אין די געפּאַקטע סאָבוועיס צווישן אויסגעפּוצטן, פריילעך־ליאַרעמדיקן יונגוואַרג; דער קליינער קעלער־קלוב, ווו מען האָט געטאַנצט; די נעכט אין די פּאַרקן, ווען טאָני האָט אין איר געוועקט די ערשטע ליבע־שכרות און עקסטאַז. איר איצטיק לעבן שטעלט זיך נאָך בולטער פאַר די אויגן. אַ שפּיגל האָט זיך מיט איר אַ רייץ געטאָן: גיב נאָר אַ קוק אויף זיך, פּעי! די אויגן — אָן גלאַנץ, די באַקן אויסגעצויגן... ווו איז די אַמאָליקע פּעי?

פּעי איילט זיך נישט אָנצוקומען אַהיים. זי האָט מורא פאַר דער באַגעגעניש מיט טאַטע־מאַמע. אויף אירע בריוו האָט מען נישט געענטפערט, פון באַקאַנטע האָט זי געהערט, אַז ס'איז אומזיסט. ס'קומט אָן שווער צו גיין צו אייגענע טאַטע־מאַמע בעטן הילף, שווערער ווי צו פרעמדע. פּעי טראַכט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: וואָס איז דאָס שרעק־לעכע פאַרברעכן וואָס מען קאָן איר נישט מוחל זיין?

זי איז אַן אַמעריקאַנער מיידל, אויפגעוואַקסן דאָ אויף דער אַמעריקאַנער גאַס, אין דער אַמעריקאַנער שול. זי קאָן נישט פאַרשטיין דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ איין פאָלק פון אַנדערן. זי האָט אַ סך נאָכגעטראַכט, שטאַרק געקעמפט מיט זיך, ווען זי האָט אויסגעפונען, אַז אירע געפילן צום איטאַליענישן בחור ווערן אַלץ שטורעמדיקער. זי האָט געפילט, אַז זי טוט עפּעס ריזיקאַלישעס, געשראָקן זיך און געוואָלט איבעררייסן... אָבער זי האָט זיך אומגעקוקט צו שפּעט... זי האָט שוין נישט געקענט אָפּזאָגן, דאָס האָט זיך שוין נישט געלאָזט אַרויסרייסן פון האַרצן... זי האָט געוווּסט אַז דאָס וועט טאַטע־מאַמע שרעקלעך וויי טאָן, זי האָט געליטן דערפון, אָבער עס איז נישט געווען קיין אַנדערער וועג. זי האָט געהאָפט, אַז סוף כל סוף וועלן זיי איר מוחל זיין... זי קאָן נישט פאַרשטיין די ווילדע עקשנות פון אייגענע טאַטע־מאַמע, וואָס לאָזן זי אויסגיין און ווילן נישט פאַרגעבן אייגן בלוט... ס'איז פאַר איר עפּעס משונה־אומבאַגרייפלעך. פּעי קאָן עס נישט פאַרשטיין...

אויפן וועג האָט זי פּלוצעם אָפּגעשטעלט דער אַסיסטענט־אַפּטייקער, פרינץ, וואָס האָט זיך געהוידעט אויף זיינע לאַנגע פּיס שטייענדיק אויף די טרעפּלעך פון ראָג אַפּטייק, זי באַגריסט ווי דער אמתער דאָן זשואַן:

— זע נאָר, זע... האָו יו דו? אַ גאַסט אין שטעטל! פּעי אין פּערסאָן! לאָמיר זיך איבעררייבן די אויגן...

דער אַסיסטענט־אַפּטייקער האָט אַרומגעטאַנצט אַרום פּעין, געפאָכעט אַרום איר מיט זיינע לאַנגע, קנעכלדיקע, צעשפּרייטע פינגער, מיט שמייכעלעך און זשעסטן, מיט די ביסטרע אויסגעגלאָצטע אויגעלעך געבישטערט, געוואָלט אויסגעפינען די נייעס...

פּעיס חתונה מיטן איטאַליענער איז לאַנג געווען אַ טעמע אין דער געגנט. מיט דער הנאה פון אַ רכילותניק, האָט ער איצט געוואָלט זיין דער ערשטער צו צעפּויקן די נייעס פון פּעיס אַהיימקומען.

פּעי האָט זיך געשעמט פאַר איר פאַראַרעמטן הילוך, די צעקרימטע שיך. דער ענטוזיאַסטישער ברוך הבא פון דעם נישט אָנגענעם קאָמישן מענטשן, האָט זי צעטומלט. ער האָט איר דערמאָנט אָן דעם מיידל, וואָס זי איז אַמאָל געווען — די שטאָלצע, צעפּיעשטשעטע בת־יחידה, וואָס האָט אָנגענומען קאָמפּלימענטן און מענערישע פאַרערונג,

ווי אַ זאַך וואָס קומט איר... היינט האָט זי נישט די אַמאָליקע זיכערקייט אפילו קעגן דעם קאָמישן פרינץ. זי זעט ווי ער קוקט אויף אירע קליי־דער, שאַצט און מעסט; ווי ער איז פרעכער געוואָרן... אפשר מיינט ער, אַז איצט מעג ער...

זי האָט געוואָלט פון אים פּטור ווערן, אָבער ער האָט איר פאַרצאַמט דעם וועג. זיינע פאַרכלינעטע בליקן האָבן צו איר געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן געווען די אינטימסטע פריינד. ער וויל מיט איר אַן אפּוינטמענט. ער וועט איר געבן אַ „גוד טיים". פעי האָט אים, אַ צע־רייצטע, אָפּגעשפּריצט מיט אַ שאַרף זידלוואָרט און אים איבערגעלאָזט. אַהיימלויפנדיק האָט זיך איר געוואָלט וויינען, זי האָט געפילט אַז איצט איז זי הפקר, יעדער מעג זי באַליידיקן, דערנידעריקן...

פעי האָט געטראָפן די מוטער אַליין אין דער היים. דער פאָ־טער האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט פון געשעפט. פעי האָט זי געע־קושט, געגלעט איבערן פּנים און מיטאַמאָל זיך צעוויינט ספּאַזמאַטיש, יאָמערדיק. די מוטער האָט געווישט די קנייטשן און פאַלדן וואָס האָבן געפייכט פון טרערן. איר מויל האָט געאַרבעט, ווי ביי אַ פיש וואָס מען ציט אַרויס אויף דער יבשה. דערנאָך האָט זיך איר מויל פאַרשנורעוועט, געוואָרן ברוגז־פאַרגליווערט.

— נו, זעץ זיך, וואָס מאַכסטו?

— פאַרוואָס האָסטו נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו, מאַמע?

— וואָס האָב איך דיר געזאָלט ענטפערן?

זי האָט דערציילט, אַז דער פאָטער וויל פון קיין זאַך נישט הערן. ער איז קראַנק פאַר צרות, שטאַרק קראַנק... וועסט אים נישט דערקענען... וועסט אים אָנקוקן, וועסטו זען, וואָס דו האָסט אונדז אָפּגעטאָן...

פעין האָט די נייעס וועגן טאַטנס קראַנק זיין דורכגענומען מיט שרעק. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי געטראַכט: דאָס וויל זי מיר ווײ טאָן... איך בין דאָס שולדיק.

אין די גלאַנציק פאַרראַמטע שטיבער איז געשטאַנען אַ שטומע, פאַרגליווערטע רויקייט ווי אין דירות וווּ מען וווינט ווייניק. אָט איז איר בעטל אַזוי ציכטיק איבערגעצויגן. מאָדנע ווי ווייט פאַררוקט אין צייט דאָס אַלץ זעט אויס. נישט צוויי יאָר, נאָר אַ סך, אַן אַ שיעור יאָרן... און ווי פרעמד זיי זיצן, מאַמע און טאַכטער... די כוואַליע פון וואַרעמען

ציטער איז אַריבער, און עס ווערט אַן אָפּפרעמדונג, אַ קעלט... די מאַמע איז אַן אַנדערע, אַ פרעמדע... איר פּנים איז אַנדערש. די קנייטשן, בייזע, צוזאַמענגעצויגענע און מרה־שחורהדיקע... ווי פאַרעלטערט זי זעט אויס! אָט האָט זי ווידער אָנגעהויבן וויינען... פּעי האָט געפילט אַ רחמנות אויף איר. אָבער שווערע געדאַנקען האָבן געשריגן קעגן איר: נישט זי פרעגט אויפן קינד און נישט צי איך האָב פון וואָס צו לעבן... כ'האָב געשריבן און געשריבן. גאָרנישט, וואָס אַרט זי...

פּעיס פאָטער האָט זיך באַוויזן אין טיר: אַ נידעריקער ייד מיט אַ גרויע בערדל.

דערזעען די טאָכטער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן... די הענט האָבן ביי אים גענומען ציטערן... ער איז אַנטלאָפן, אַן אַ וואָרט, אין אַ צווייטן צימער און פאַרקלאַפּט די טיר.

פּעי האָט זיך צעוויינט אויפן קול:

— איך קום נישט בעטן פאַר מיר... ס'קינד האָט נישט קיין מילך.. נעמט הרגעט מיך... אייגענע טאַטע־מאַמע...

דער פאָטער אינעווייניק האָט געשוויגן. די מאַמע איז אַריין צו אים, מ'האָט געהערט בייזע קולות...

*

פּעי איז אַרומגעגאַנגען שעהן לאַנג איבער די גאַסן מיט צע־מישטע געדאַנקען. זי איז פאַרקראָכן אַליין ווייטער... זי איז אַרומגעגאַנגען נישט וויסנדיק וווהין זי גייט... זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם פּיין, וואָס ס'האָט דערדריקט איר האַרץ צום דערשטיקט ווערן...

אין די קלאָרע מאָמענטן, ווען דער פּיין האָט זיך פאַרטאָיעט, ווי אַ פּיאַווקע, וואָס זויגט זיך אָן מיט בלוט, האָט זי געפילט אַ שנאה צום לעבן, וואָס איז אַזוי שלעכט און אומרחמנותדיק — אַ בייזע שנאה, וואָס האָט זיך איינגעזאַפּט אין בלוט ווי סם...

דער טאָג פון שטראָף

.1

אַנטאָן איז געקומען אין אַמעריקע אין אַ שיף פול מיט עמי־גראַנטן — אַ דאָרפישער שגץ, אָנגעטאָן אין פויערישע מלבושים, מיט אַ דיק קופערטל באַשלאָגן מיט אייזערנע רייפן, וואָס ער האָט לייכט אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע געזונטע פלייצעס. ער איז געקומען פון אַ דאָרף אין קליין־פוילן. אַ פאַרוואָרפן דאָרף, ווייט פון שטאָט, אַ קליינער ישוב אינמיטן פון פלאַכע, ענדלאָזע פעלדער... פויערים לעבן דאָרט אין נידעריקע, מיט שטרוי באַדעקטע כאַטעס, אַ סך מאָל מיט זייערע קי און חזירים. די אָרעמערע קומט אויס שווער דורכצושטופן דעם לאַנגן ווינטער מיט די לעצטע געפרוירענע קאַרטאָפליעס. מיט אומגע־דולד וואַרט מען אויפן ערשטן וואַרעמען בליאַסק פון דער זון, זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, אַרויסצוקריגן אַ שטיקל ברויט פון דער ערד. די גאַנצע משפחה, קינדער און ווייבער, אַרבעטן פון זון־אויפגאַנג ביז באַכט. אָן אָרעם, פשוט לעבן, אָבער אַ לעבן פון דורות ערד־מענטשן, וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין בלוט און ביין.

אַנטאָן איז אויסגעוואַקסן אין אַ קליינער, פויערישער באַלעבאַ־טישקייט, אויסגעוואַקסן אַ געזונטער, דאָרפישער שגץ מיט ברייטע פלייצעס, אַ גוטער אַרבעטער, וועמען די שטוב האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן...

איין נאַכט האָט אַ פייער אויסגעבראָכן אין דאָרף. אַ לעבעדיקער ווינט האָט אונטערגעבלאָזן, די פייערדיקע צונגען האָבן זשעדנע גע־קנאַקט, געגעסן מיט גרויס הנאה די טרוקענע, מיט שטרוי באַדעקטע שטיבער. איידער די פאַרשלאָפענע פויערים האָבן זיך גענומען עפּעס טאָן, איז אַ האַלב דאָרף אַוועק מיטן רויך. די שטוב, ווו אַנטאָן איז אויסגעוואַקסן, האָט אָפּגעברענט ביז צום גרונט. אַנטאָן האָט באַקומען פון אַ ווייטן קרוב אין אַמעריקע אַ שיפסקאַרטע און באַגלייט פון ווייי־נענדיקע טאַטע־מאַמע, האָט ער זיך געלאָזט אין ווייטן לאַנד.

דער דאָרפישער שגץ אַנטאָן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדערער וועלט — דער ריזיק גרויסער שטאָט, אויף וועלכער ער האָט געקוקט מיט גרויס געוואָרענע אויגן, פול מיט וווּנדער און שטוינען. די גרויסע שטאָט האָט צעטומלט זיינע חושים — ווי טויזנטער באַנען וואָלטן געפאָרן איבער זיין קאָפּ. ער איז געווען ווי אַ קינד, וואָס מ׳דאַרף פירן פאַר דער האַנט. ער האָט זיך נישט געוואָגט אָפּצווייטערן אויף אַ גרעסערן מהלך פון הויז, וווּהין דער קרוב האָט אים אַראָפּגעבראַכט. דערנאָך איז ער אַוועק אין אַן אייזן־פאַבריק אַרבעטן. די פאַבריק איז געווען ריזיק־גרויס, מען האָט דאָרט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען. די מאַ־שינען האָבן ווילד געליאַרעמט און אַרום די מאַשינען זענען אַרומגעלאָפן פאַרהאָוועטע, שוויצנדיקע מענטשן. עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן גע־ברענט אַ גאַנצן טאָג. אַנטאָן האָט געאַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג, און ווען ער איז אַהיימגעקומען און זיך געוואָרפן אַ מידער אויפן בעט, האָט נישט אויפגעהערט דאָס מאָוימדיקע ברומען און זשוזשען און דראָענדיקע סי־טשען און פייפן... און די געדיכטעניש פון מענטשן אויף די גאַסן... און דער משוגענער, ווילדער גערודער אָן אָפּשטעל טאָג און נאַכט... אַנטאָנען איז געווען שלעכט צום אויסגיין... אין היימישן דאָרף איז אַלץ געווען אַזוי אַנדערש... ער האָט באַקלאָגט דעם טאָג, וואָס ער איז אַוועק פון דער היים...

די קרובים און לאַנדסלייט האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן די היים פון קאָפּ, — האָבן זיי אים געמוסרט. אַמעריקע איז אַן אַנדער לאַנד... ער וועט זיך אויסגרינען, איינבירגערן... אין אַנהייב פילט זיך אַ יעדער שלעכט... זאָל ער זיך נישט קלאָגן... ער האָט אַ גוטן דזשאָב... זאָל ער שפּאָרן געלט. אַז ס׳וועט ווערן „סלעק״, אָדער אַ קריזיס, וועט ער ערשט זען, וואָס שלעכט הייסט...

אָבער אַנטאָן איז נישט געווען געטרייסט. אַנשטאָט צוצוגעוווינען זיך, איז אים שווערער געוואָרן. אַזאַ שווערער אומעט, אַזאַ ווילדע פרעמד־קייט דאָ. אין די שלאָפלאָזע נעכט איז אים אַן אימה באַפאַלן... אַ שווע־רער קאָשמאַר איז אויף אים געלעגן און געדריקט די ברוסט... אין אַ פרייער מינוט האָט ער נישט געוואָלט אַרויס אין גאַס, זיך געוואָרפן ווי אַ קראַנקער אויף זיין בעטל, זיינע ליפּן האָבן זיך ווייטיקדיק געקאַר־

טשעט, זיין פאַרטומלטער בליק האָט זיך אָפּגעווענדט פון דעם פאַררוי־
כערטן שטאָטישן הימל... אין די חלומות איז ער ווידער געווען אינדער־
היים, אין די היימישע פעלדער, צווישן נאָענטע באַקאַנטע מענטשן...

אין אַ צייט אַרום האָט די מאַשין, ביי וועלכער ער האָט געאַר־
בעט, אַ ריזיקע מאַשין, וואָס האָט געשניטן אייזערנע שטאַנגען, ווי זיי
וואָלטן געווען פון טייג, אים צעקוועטשט צוויי פינגער. מען האָט אים
געמוזט אָוועקנעמען אין שפיטאָל, ווו מ'האָט אים די פינגער אַראָפּגע־
נומען. אַנטאָן האָט געטראַכט, דאָס איז דער סוף. ער האָט זיך געפילט
ווי אַ געיאָגטע חיה, וואָס הערט דאָס בילן פון יאַגד־הינט קומען אַלץ
נענטער. אַ ווילדער ווייטיק און פאַרצווייפלונג האָבן אים באַוועלטיקט.
דאָס בלוט האָט געגליווערט אין זיינע אָדערן. דער שפיטאָל־דאָקטאָר האָט
אַזש אויף אים רחמנות באַקומען, געטרייסט: ס'איז גאָרנישט, אַ קליי־
ניקייט. ס'עט זיך פאַרהיילן און ער וועט קאָנען צוריקגיין צו דער אַר־
בעט... די מענטשן אין פאַבריק — ווען ער איז צוריקגעקומען — האָבן
אים געטרייסט: ער איז מזלדיק, ער דאַרף זיין צופרידן, וואָס ער איז
אָפּגעקומען מיט צוויי פינגער... אַנטאָן האָט איצט געהיט די מאַשין, ווי
מ'היט אַ שלעכטן הונט, וואָס האָט זיך שוין איין מאָל אָפּגעריסן פון
קייט און צעביסן, געאַרבעט מיט שרעק אין האַרצן...

.2

שבת נאַכט. לאַנדסלייט האָבן געפּראַוועט אַ שטיקל שמחה. מען
האָט זיך אויסגעטאָן פון אַמעריקע, געווען ווי ביי זיך אינדערהיים. די
היימישע קולות און די היימישע שפּראַך האָבן דערוואָרעמט דאָס האַרץ.
ווייבער האָבן צוגעטראָגן צום טיש פולע פּאָלומעסקעס מיט פעטע, פאַ־
רעדיקע מאכלים. משקה איז אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל. איין באַ־
וואָנסעטער לאַנדסמאַן האָט געבראַכט מיט זיך אַ ציי־האַרמאָניקע און
זי אויף אַ מינוט נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט. בשעת ער האָט געגעסן,
האָט זי ביי אים אויך נישט געשוויגן. מען האָט דאָ אַנטאָנען באַקאַנט
מיט אַ מיידל, וואָס איז אויך ערשט נישט לאַנג געווען אין לאַנד — אַ
דיקלעכע, מיט פולע רויטע באַקן און לוסטיקע פייערלעך אין די אויגן.
אַנטאָן האָט מיט איר זיך צערעדט וועגן דער היים, וועגן דאָרף, וועגן

זאַכן, וואָס ער האָט געקענט און וואָס זענען אים געווען אַזוי נאָענט. אויף זיין געלעגער האָט אַנטאָן געטראַכט מיט פרייד פון דער באַגע־געניש. דאָס מיידל איז אים אַריין אין האַרצן אַריין. אין געדאַנק איז ער איבערגעגאַנגען אַלע מיידלעך אין זיין היימישן דאָרף און נישט גע־פונען קיין גלייכן צו איר.

ער האָט זיך גענומען סטראַיען, געקויפט אַ טייערן, רויטן שניפּס, אַ האַרטן הוט. דאָס רויטע פּנים האָט געגלאַנצט, זיינע גרויסע אויגן האָבן זיך צעלויכטן. דער פּולער, געזונטער קאַרק איז אויפגעשוואָלן. ער איז געווען פול מיט פרייד און אומרו. ער איז געלאָפן מיט גרויס אומגעדולד זיך טרעפן מיט איר. פאַרשוווּנדן דער אומעט, די פאַרלוירנקייט. דאָס בלוט האָט געשטורעמט ווי אַ טייך, באַפרייט פון אייז־קריעס. פון מיידלס צד איז נישט געווען קיין מניעה. די קליינע פּרויקע האָט געוואָרקעט ווי אַ טויב און געווען נאָכגיביק און געלאַשטשעט זיך ווי אַ קעלבל. נאָך אַ פּאָר חדשים אַרומגיין, האָט מען געפּראַוועט חתונה. די קרובים און לאַנדסלייט האָבן אַלץ באַזאָרגט. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהאָפּקעט און געשיכורט. אַ פידעלע, אַ פּייקל און אַ באַס זענען זיך צעגאַנגען אין היי־מישע מעלאָדיעס און טענץ, אויפגעשטורעמט די בלוטן ביי די פאַרזאַמלטע און אַוועקגעפירט פון דעם פרעמדן לאַנד, אַוועק אין דער היים...

אַנטאָן האָט געפונען אַ נאָענט, וואַרעם ווינקל אין דער פרעמדער וועלט. זיין ווילדיק בלוט האָט געפונען רו. ער איז איינגעפלאָכטן גע־וואָרן אין שטורעמדיקן געלאָף, מיט וועלכן די גרויסשטאָט טרייבט אירע מענטשן. די מאַשין האָט ווי אַ הונגעריקע חיה געזויגן מאַרך און בלוט, אָבער דערפאַר האָט ער געקראָגן שבת די „פּעי" און דאָס ווייב איז גע־ווען גוט, נאָך בעסער ווי ער האָט געטראַכט. איר גוטסקייט און ווייבע־רישע שטיפערישקייט האָבן אַ סך געטאָן אויפצוהייטערן זיין שווער גע־מיט... און דאָס לעבן גייט זיין וועג — און ס'איז געקומען אַ קינד, אַ מיידעלע, אין גאַנצן געראָטן אין אַנטאָנען, וואָס האָט אים משוגע־גליק־לעך געמאַכט... אַנטאָן האָט נישט שלום געמאַכט מיט דער שטאָט. ער האָט פאַרטרויט זיין הייסגעליבט ווייב באַלד נאָך דער חתונה זיינע טרוי־מען פון אַ פאַרם, חלומות פון אַן אייגן שטיקל לאַנד; — פערד, קי, אייגן ברויט... דאָס איז אַ לעבן; אַן אייגן שטיקל ערד, אַ באַלעבאָס פאַר זיך, נישט דאָס צוגענאָגלט זיין צו דער מאַשין און נישט זיכער זיין אַפילו

מיטן לעבן... זי, ווי אַ גראָטן ווייב, כאָטש זי האָט ליב געהאַט דאָס טומלדיקע שטאָטישע לעבן, האָט מיט אים מסכים געווען, געשפּאָרט געלט.

3.

זיבן יאָר האָט אַנטאָן אָפּגעאַרבעט אין דער זעלבער פאַבריק, תּמיד געהאַט אַ סך אַרבעט. פּלוצעם אַ קריזיס. ס׳איז נישטאָ קיין אַרבעט. איינעם אַ שבת האָט אַנטאָן אין קאָנווערטל מיט זיינע שכירות דערזען אַ געל צעטעלע. מ׳וועט אים מער נישט דאַרפן. זיינע שווער אויסגעהאָרעוועטע הענט, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס צעטעלע, האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט עס שנעל באַהאַלטן, מיט צעטומלטע אויגן האָט ער זיך אומגעקוקט, צי עמעצער זעט. ער האָט דערזען אַ סך אַזוינע פּאַפּירלעך אין די הענט פון אַרבעטער. אַנטאָן האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ צו קומען אַהיים מיט דער שלעכטער בשורה. אַ פּאָר טעג האָט ער זיך געשטיקט דערמיט. ער האָט געהאָפט, אַז באַלד וועט ער קריגן אַן אַנדערע אַרבעט. ער האָט גאָרנישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז ס׳קאָן אַנדערש זיין.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט האָט מען אויפגעגעסן. די שטוב איז געבליבן נאַקעט, אויסגעהוילט פון אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרקויפן אָדער פאַרזעצן. אַנטאָנען איז געווען שווער צו באַגרייפן פאַרוואָס מען דאַרף זיין אַרבעט נישט מער. ער האָט געהערט, אַז דאָס איז נישט קיין נייעס דאָ אין דעם לאַנד. ער האָט געהערט דערציילן פון פריערדיקע שווערע צייטן, אָבער דאָס מאָל איז נאָך געווען ביטערער ווי פריער, האָבן מענטשן געזאָגט. און ער האָט עס געזען מיט די אייגענע אויגן, ווו ער איז געקומען זוכן עפּעס צו פאַרדינען, האָט ער געפונען מענטשן ווי די פליגן. פראַצעסיעס גאַנצע אומעטום, איבער דער לענג און ברייט פון שטאָט. אַלע ווילן אַרבעט, אַלע ווילן ברויט און מען פאַרטאָגלעוועט טעג מיט אומזיסטיקע זוכענישן. און אין דער היים וואַרטן ווייב און קינד, קוקן מיט דערשראָקענע אויגן, זעען מיט וואָס ער איז אַהיימגעקומען. און דער לענדלאָרד אַרבעט מעשים, ער וועט אַרויסוואַרפן אין גאַס. דירה־געלט, זאָגט ער, קומט צוערשט. אַנישט, נעם איך און וואַרף דיר אַרויס די זאַכן אויף דער גאַס, דו לויזיקער פּאָליאַק. אומזיסט ווילסטו ביי מיר

ווינען? אַנטאָן איז האַלב משוגע פון צער און נאַכטראַכטענישן, ער רוט נישט. אַלץ איז ער גרייט צו טאָן, אַבי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. דאָס הויז איז ליידיק, דאָס ווייב קרענקט אונטער און צום קינד דאַרף מען אַלעמאָל אַ דאָקטאָר. און דער ווינטער שטאַרקט זיך. צום סוף ווערט ער אַ סיילסמאַן. מען שיקט אים אַרום מיט אַלערליי שטוב־זאַכן. דער צעוואַקסענער פויער גייט אַרום פון טיר צו טיר מיט אַן אָנגעשוואָלן רענצל פול מיט זייף, ציינבערשטלעך, אויל פאַר מעבל. זיין שטומער, פאַרצערטער בליק בעט זיך: קויפט עפּעס, ער האָט אַ ווייב און קינד, וואָס זענען הונגעריק.

4.

איז נאָך אַלץ ווייניק, לייגט זיך ס'ווייב אַוועק אַ קראַנקע. אַ לאַנגע צייט איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פאַרקילטע מיט אַ שטאַרקן הוסט. קיין געלט אויף אַ דאָקטאָר איז נישט געווען. איין פאַרנאַכט, ווען אַנטאָן איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען די שטוב אַ ליידיקע. ס'איז גע־קומען אַן אַמבולאַנס — האָבן דערציילט די שכנות — און צוגענומען ס'ווייב אין שפּיטאָל. און אַז דער דאָקטאָר האָט געזאָגט ס'איז ניומאָניע. וואָס דאָס איז, האָט אַנטאָן נישט געוווּסט, אָבער פון זייערע פּנימער איז אים באַפאַלן אַ שרעק.

ער איז תיכף אַוועקגעלאָפן אין שפּיטאָל, אָבער מען האָט אים נישט צוגעלאָזן צום קראַנקן ווייב. ס'זענען דאָ באַשטימטע שעהן. אַ פּאָר מאָל אין וואָך צו באַזוכן קראַנקע, האָט מען אים דערקלערט. אומזיסט געווען זיין בעטן זיך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס ווייב געוואָרן מסוכן. ווען אַנטאָן האָט זי באַקומען צו זען, האָט זי אים נישט דערקענט. זי האָט געברענט פון היץ, געקרעכצט און גערעדט ווילד, און אירע אויגן זענען געווען פאַרגלעזערטע. דעם לעצטן טאָג פון איר לעבן האָט מען אים געלאָזט זיצן לעבן איר, אָבער ביינאַכט האָט מען אים אַרויס־געטריבן, כאָטש ער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים לאָזן בלייבן איבער־דרויסן פאַר דער טיר. ווען ער איז געקומען צו לויפן דעם צווייטן פרי־מאָרגן, האָט ער שוין געטראָפן אין איר בעט אַ פרעמדן מענטש. זי איז ביינאַכט געשטאָרבן.

אַנטאָנען איז אָנגעקומען מיט גרויסע צרות צונױפצוקריגן דאָס ביסל געלט פאַר דער לויה. דער גלח האָט מסכים געווען צו וואַרטן ביז אַנטאָן וועט קאָנען באַצאָלן. אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז דער וואָגן מיטן מת איז שיעור נישט אַוועק אויפן בית עולם אָן אַנטאָנען. נישט דער גלח אַליין, נאָר זיין באַהעלפער, אַ יונג גלחל, האָט אָפּגע־זונגען און אָפּגעזאָגט זיינס... דער פריש אויפגעגראָבענער קבר האָט געוואַרט. מען האָט אַראָפּגעלאָזט די טרומנע. אַנטאָן האָט מיט אַ פון צער פאַרקרומט פנים געהאָלפן פאַרשיטן דעם קבר. דערנאָך האָט מען אַנטאָנען אַוועקגעשלעפּט צו קרובים. מ׳האָט דערלאַנגט עסן און משקה. ווי ס׳פירט זיך נאָך אַ לויה. אַ גוטהאַרציקע, וויטע קרובה האָט זיך אונטערגענומען צו געבן דער געבליבענער יתומה אַ היים און זי אויפ־האָדעווען ווי אַן אייגן קינד. אַנטאָן האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַר איר צאָלן אַזוי גיך ווי ער וועט קריגן אַרבעט.

.5

אַנטאָן איז געוואָרן אַ גאַסן־שלעפּער, אַ „באָם”. אַ מענטש, וואָס האָט נישט אָפּצועסן, נישט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. ער איז געשלאָפן אין פאַרק אויף אַ באַנק, געזוכט אַ ביסל וואַרעמקייט אין די לאַטרינעס פון דער אונטערערדישער באַן. ער איז געוואָרן קויטיק, די אויגן רויט, דאָס פנים איינגעפאַלן, שלאַבערדיק. אַ מיאוסער ריח האָט זיך פון אים געטראָגן. פריערדיקע באַקאַנטע און פריינד האָבן זיך אָפּ־געקערט פון אים, אָדער אים געשפּיזלט מיט חשד, מיט רוגזהדיקע בליקן.

דאָס אומגליק האָט אים געגריזשעט ביז משוגעת. אָן אויפהער האָט געפּיקט דער געדאַנק. ער האָט געוואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס אומגליק איז אויף אים געקומען, פאַרוואָס נאָך אַזויפיל יאָרן שקלאַ־פישער אַרבעט און אָפּגעבן אַזויפיל כוחות דער מאַשין, איז ער אַרויס־געוואָרפן געוואָרן און קיינעם אַרט נישט און ס׳איז נישטאָ קיין וועג ווי זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג. ער האָט אַ סך געטראַכט פון גלח אין דער היים, אין פוילישן דאָרף, וואָס האָט געוווינט אין אַ ווייסן הויף לעבן קלויסטער. דער גלח איז געווען אַ יונגינקער, אַ הויכער, מיט אַ דאַר פנים, אַ פנים פון אַ הייליקן אויף די בילדער מיט גרויסע

פייכטע אויגן. אַ סך מאָל האָט ער זיך אַרויסגעלאָזן איבערן דאָרף, אַרויס אין די פעלדער מיט אַ ספרל אין האַנט, מיט יעדן איינעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט רעדן... פון דעם קוק פון זיינע גרויסע, ליכטיקע אויגן איז שוין גוט געוואָרן אויף דער נשמה... און דאָ יאָגט מען אפילו פון קלויסטער, ווייל ער איז אַ „באָם"... אָך, ווען ער קאָן רעדן מיט זיין היימישן גלח... אַ גרויסע טרייסט וואָלט עס פאַר אים געווען. אָבער דאָ קאָן ער נישט רעדן נישט צו מענטש, נישט צו גאָט. דעם גאָט, וועלכן ער האָט געקענט פון היימישן דאָרף, דעם גאָט, וועמענס אַנוועזנהייט ער האָט געפילט זונטיק ביי דער הייליקער מעסע אין קלויסטער, אין אומעטיקן, ברומענדיקן געזאַנג פון קניענדיקע מענטשן, וואָס האָט גערעדט צו דער נשמה פון דער שטילקייט פון פעלד און וואַלד, דעם גאָט האָט ער נישט געפונען איצט, ווען ער האָט זיך גע־נויטיקט אין אים. ער איז נישט געווען דאָ אין דעם פרעמדן לאַנד.

איינמאָל איז ער אַוועק זונטיק אין קלויסטער אַריין. ער האָט געדאַוונט מיט טיפן צער און הכנעה, געבויגן דעם קאָפּ צו די קאַלטע שטיינער און געקושט די פיס פון דער הייליקער מאַריע. דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט וואַרטן, ביז דער גלח וועט אַרויסקומען... אפשר וועט ער אים אַן עצה געבן, אפשר וועט ער אים העלפן... ער איז גע־שטאַנען און געשטאַנען. דער גלח, אַ פעטלדיקער, אַ רויט־פּנימדיקער, איז געווען אַרומגערינגלט מיט די זונטיק־פּאַרפּוצטע מתפללים און צו זיי געשמייכלט און געדריקט זיי די הענט. ווען אַנטאָן איז צו אים צוגעקומען, האָט ער אים אַ רוגזהדיקער געפרעגט, צי ער וווינט דאָ אין דער געגנט. און ווען אַנטאָן האָט געזאָגט אַז יאָ, האָט ער אים געהייסן קומען זיך פאַרשרייבן ביים קאָמיטעט פון פרויען, וואָס זאָרגט פאַר די נויטבאַדערפטיקע. אַנטאָן איז אַוועק אַ פאַרשעמטער, אַ צע־בראָכענער.

6.

פאַרוואָס באַנעמען זיך אַלע צו אים ווי ער וואָלט געווען אַ פאַרברעכער, אַ גנב, אָדער אַ מערדער? אַלטע באַקאַנטע ווערן אומ־רויק, אַז ער קומט צו זיי צו אַזוי ווי מ'וואָלט מורא געהאַט זיך אָנצו־שטעקן פון אים מיט עפעס אַ קרענק. אפילו צו זיין אייגן קינד האָט

מען אים שוין אַריינגעלאָזט אינגאַנצן אויף עטלעכע מינוט און גע־שטאַנען איבער אים, ווי מ׳וואָלט מורא געהאַט איבערצולאָזן אים אַליין. אַ סך מאָל האָט ער געפונען די טיר פאַרמאַכט און מען האָט נישט גע־עפנט אויף זיין קלאַפּן, כאָטש ער האָט געהערט קולות פון שטוב. אַנטאָן קאָן נישט באַנעמען אַזויפיל שלעכטס. קיינעם אַרט נישט, זאָל ער אויסגיין, זאָל ער פגרן, זאָל ער זיך אויפהענגען. ער האָט נישט איין מאָל געטראַכט פון אויפהענגען זיך. דער געדאַנק האָט געלאָקט און געמאַניעט. ער האָט געזען פאַר די אויגן קיליאַנען, דעם סטאָליער פון פוילישן דאָרף, וואָס האָט זיך אויפגעהאַנגען, ווען דאָס ווייב האָט אים איבערגעלאָזט און איז אַוועק מיט אַן אַנדערן, אָבער אין אַנטאָנען איז די צוגעבונדנקייט צום לעבן געווען צו שטאַרק.

7

אַ באַקאַנטער לאַנדסמאַן האָט אַנטאָנען איינמאָל אָפּגעשטעלט און אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל אַרבעטן, זאָל ער אוועק אויף דעם און דעם אַדרעס אין קאַנאַרסי, דאָרט בויט איבער אַ לאַנדסמאַן אַ הויז, אפשר וועט ער פאַר אים האָבן אַרבעט.

ווען אַנטאָן איז געקומען צו דעם פּלאַץ, איז די אַרבעט שוין געווען כמעט אַן אָפּגעטאָענע, און פון בטולדיקן, ברוגזן קוק פון באַ־לעבאָס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט ביי אים סיי ווי סיי נישט באַקומען קיין אַרבעט. אַנטאָן האָט זיך מישב געווען, אַז ער וועט זיך דאָ אַרומקוקן אין דעם געגנט, אַרומזוכן, אפשר וועט ער דאָ עפּעס געפינען.

קאַנאַרסי ליגט ביים דזשאַמייקער ים־אויסגוס און אַ סך לייַ־דיקער פּלאַץ איז דאָ פאַראַנען: גרויסע זומפּן, באַוואַקסן מיט טראַס־טינעס, וואָס ציען זיך צו די ברעגעס פון ים, און גאַנצע שטרעקעס אָפּגערייניקטע פעלדער, וואָס גיבן אַ גוטע גערעטעניש כלערליי גרינ־צייג. דאָס איז אַן אָרעמע געגנט, ווו ס׳ווינען אַ סך איטאַליענער און אַנדערע פרעמדגעבירטיקע. אַנטאָן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַרבעט, אָבער אומזיסט. ער איז פאַרקראָכן אין די פעלדער. ס׳איז שוין געווען אַסיען און די פעלדער זענען געלעגן נאַקעטע, באַדעקט דאָ און דאָרט

מיטווילדגראָז און איבערבלייבעכצן פון גרינצייג. אַנטאָן האָט אייניקע געקענט, אַנדערע נישט. אַך, ווען ער קאָן דאָ קריגן אַ שטיקל לאַנד, אָדער אַרבעטן דאָ אין די פעלדער. דעם געוועזענעם פויער האָט די בענקשאַפט צו דער ערד אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. ער האָט זיך דער־מאָנט, וויפל מאָל ער האָט איבערגערעדט מיטן ווייב, ווי ער וועט קויפן אַ שטיקל לאַנד, ווערן אַן אייגענער באַלעבאָס, האָבן אַן אייגן שטיקל ברויט, נישט שקלאַפן ביי דער מאַשין. אַלץ וואָלט איצט אַנדערש געווען. ס׳באַפאַלט אים אַ גרויסער צער און אומעט. ער פילט זיין לעבן ווי אַ שווערן מילשטיין, וואָס שלעפּט אים אַראָפּ אין די טיפע־נישן. ער טרינקט זיך אָן ער איז אַליין, אָן אַ נאָענטן מענטשן, אַ נע־ונדניק, ערגער פון אַ בעטלער, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף די וועגן איבער די דערפער. אויף אַזאַ איינעם האָבן מענטשן רחמנות געהאַט, אַריינגענומען אין שטוב, געגעבן אָפּצועסן. ערגעץ האָט אַזאַ בעטלער פאַרט געהאַט אַן אָנהאַלט, אַן אָרט פון וואַנען ער איז געקומען, אפשר אַ ווייב און קינדער, צו וועלכע ער האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ לאַנג אַרומוואַנדערן. און דאָ איז ער אַ פאַרלוירענער, אַ פרעמדער, גאָר־נישט צו דערוואַרעמען ס׳האַרץ. קיין האָפענונג. וועט אים דאָ טאַקע אויס־קומען אויסצוגיין ?...

אַרומשלעפּנדיק זיך איבער די פעלדער האָט ער דערזען אַ קליין הילצערן ביידל. ער איז פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען. דאָס שטיבל איז געווען אָן אַ טיר, ס׳האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט עטלעכע פאַרזשאַ־ווערטע מכשירים און צעריסענע זעק. נישט ווייסנדיק אַליין, וואָס ער גייט טאָן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם שטיבל, אַוועקגעגאַנגען און צוריקגעקומען. ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט ער זיך אַוועק־געזעצט אויפן שוועל און דאָרט אָפּגעזעסן אַ לאַנגע צייט, פאַרכאַפּט פון אַ שרעקלעכן צער.

ווען ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט ער זיך אויסגעבעט אַ געלעגער פון בלעטער און קאָרעניעס. די פינצטערקייט און די נאַכ־טיקע שטילקייט האָבן זיך רחמנותדיק אַראָפּגעלאָזן איבער אים.

דעם צווייטן טאָג איז זיין ערשטער געדאַנק געווען, אַז ער וועט דאָ בלייבן, ביז מען וועט אים פאַרטרייבן. ווו האָט ער צו גיין? ער האָט געפונען אין דער ערד עטלעכע קאַרטאָפליעס, אַ האַלב־צעפוילט

הייפטל קרויט. ער איז אָוועק צווישן די הויכע טראַסטינעס און דאָרט אָפּגעבראָטן די עטלעכע קאַרטאָפּליעס ביים פייער פון טרוקענע קאָר־טשעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום. דאָס קרויט האָט ער אויפ־געגעסן רוי. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט וואַנדערן מיט די זומפּן ביז ער איז געקומען צום ים־ברעג. ער איז צוגעקומען צו אַ ווערפט, ווו מענטשן זענען געשטאַנען מיט ווענטקעס און געכאַפּט פיש. ער האָט זיך מיט איינעם פון די פישכאַפּערס אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס און יענער האָט אים געשענקט צוויי פישלעך. אַנטאַן האָט אין זיינע גע־דערים דערפילט דעם טעם פון געבראָטענע פיש. פאַרנאַכט האָט ער זיך געלאָזט צו זיין ביידל, געטראַכט: זאָל ער נאָר איבערקומען דעם ווינטער, וועט ער דאָ קריגן אַרבעט אין די פעלדער.

ער האָט פאַרדינט אַ פאָר סענט אין שטאָט און איז געגאַנגען ביינאַכט אַהיים אין זיין ביידל. ער האָט דאָס ביידל געלאָטעט, פאַרפונ־דעוועט. וואָכן־לאַנג האָט געדויערט, ביז ער האָט אויסגעמייסטרעוועט אַ טיר. הינט האָבן זיך דאָ אַרומגעשלעפּט אין גאַנצע גראַמאַדעס, אויך כאַפּ־טעס ייִנגלעך, זוכנדיק צו עפּעס צוצולייגן אַ האַנט. אין אָנהייב האָט ער געהאַלטן פאַר בעסער נישט אָוועקצוגיין פון אָרט, בעסער היטן עס. ער האָט סיי ווי סיי הנאה געהאַט גראָבן זיך אין דער ערד, זוכן אַלערליי וואָרצלען, באַטאַפּן זיי און באַשמעקן. אייניקע האָבן געטויגט צום קאָכן. ער האָט אפילו געפּרוווט עפּעס פאַרזייען, אָבער די זון, אַז זי האָט אפילו אַ שיין געטאָן, האָט נישט געהאַט קיין כוח צו מאַכן עפּעס וואַקסן. ער האָט זיך אויסגעמייסטרעוועט אַ ווענטקע, געגאַנגען כאַפּן פיש, געפונען פון צייט צו צייט אַרבעט אין שטאָט. געזוכט אין די בערג אָפּפאַל, וואָס מען האָט געבראַכט אין דער געגנט. זאַכן, וואָס מען האָט געקאָנט נוצן. דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געפונען, איז געווען אַ צעפוילטע קאָלדרע מיט אַרויסקריכנדיקער וואַטע און אַ פאָר נישקשהדיקע בלעכענע כלים.

זיינע געדאַנקען האָבן אויפגעלעבט נאָך די טעג פון שווערקייט און גליווער. ער האָט געטראַכט, אַז זיין גאַנץ אומגליק איז געקומען פון דעם, וואָס ער איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן. דאָס לעבן דאָ איז אַנ־דערש. אַלץ איז אַנדערש. ער איז אַן אַנדערער מענטש פון די שטאָטישע מענטשן. זיי האָבן נישט קיין האַרץ און נישט קיין גאָט.

אַנטאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף די ערד. ס׳איז אים גוט לעבן איר. די שטינקענדיקע רויכן פון אָפּפאַל, וואָס האָבן געראויכערט און געברענט דורך די נעכט, האָבן דערמאָנט אין די ריחות פון ברע־נענדיקע קאַרטאָפּליע־קאַרטשעס, וואָס די פּאַסטעכער האָבן געצונדן אַסיען־צייט אויף די פעלדער אין דער היים. די שטילקייט און די פינצטערקייט (אין שטאָט איז תמיד ליכטיק) האָט געטאָן גוט זיין געמיט. ער איז פול מיט זכרונות פון דאָרט, וואָס ברענגען אים צער און גליק. אין די בלאָ־טיקע מיט רעגן און ווינטן זשומעדיקע נעכט, האָט ער געהערט אַרומ־שפּרייזן גאָטס געשטאַלט.

אויפגעמונטערט און בטחונדיק האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן פון אומקערן זיך אַהיים, אין פוילישן דאָרף, ער האָט דאָרט משפּחה. מענטשן זענען דאָרט אַנדערע, היימישע, נישט אַזוינע שלעכטע און אַזוי זשעדנע אויף געלט ווי דאָ. דאָרט וועט ער געפינען רו און טרייסט פאַר דער צע־טומלטער נשמה... ער וועט פאַרגעסן דאָס שלעכטע לאַנד...

ווען ס׳איז געקומען דער פרילינג, האָט ער זיך מיט גרויס אימ־פּעט גענומען צו די עטלעכע שטיקלעך פעלד, געמאַכט בייטן, פאַרזייט קאַרטאָפליעס, ציבעלעס, קרויט און אַנדערע גרינצייג. דאָ איז אָפּנים געווען אַ פאַרלאָזן שטיקל לאַנד, ווייל קיינער איז נישט געקומען און קיינער פון די פאַרבייגייערס האָט אים נישט געפרעגט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען און וואָס ער טוט.

ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט אין זיין שטיקל פעלד, נישט אָפּגעטראָטן דערפון. געאַרבעט אין די פאַרנאַכטן און פאַרטאָגן. ס׳איז נישט געווען אַזוי אויס נויטווענדיקייט. דאָס אַרבעטן אין פעלד האָט אים אָנגעפילט מיט עפּעס אַ ווילדקייט און עקסטאַז. ער האָט געחלומט פון דעם טאָג, ווען ער וועט אַראָפּברענגען זיין מיידעלע און זאָל זי זען וואָס איר פאָטער קאָן אויפטאָן.

אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו האָבן נחת פון דער מי פון זיין אַרבעט, זענען אַראָפּגעקומען אַ פּאָליסמאַן מיט אַ דיקן איטאַ־ליענער. יענער האָט געשריגן און געפאָכעט ווילד מיט די הענט. אַנטאָן האָט אים נישט פאַרשטאַנען — און דער פּאָליסמאַן האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער וויל אים דאָ מער נישט זען.

8.

די יאָרן זענען געגאַנגען. אַנטאָן איז שוין געבליבן אַ תושב פון דער געגנט. ס'איז אים היימישער געווען דאָרט. די ווילד־ליאַרעמדיקע גרויסשטאָט ניו־יאָרק איז אים תמיד געווען דערווידער, געשראָקן. ער האָט זיך נישט געפילט אַזוי ווילד פרעמד צווישן די נידעריקע אָרעמע הייזלעך, אין דער נאָענטקייט פון פעלד און הימל. ס'איז אים דאָ אויך לייכטער אָנגעקומען צו דערהאַלטן ס'חיות, קריגן אַ שטיקל ברויט און אַ מאָל אַ פּלאַץ צום שלאָפן צווישן די קליינהענדלער פון בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק. אין אַ וואַרעמען טאָג איז ער פאַרקראָכן אין פעלד אָדער צום ים־ברעג אויסוואַשן די פוילנדיקע לאַכעס און זיך וואַרעמען אין דער זון.

דאָס לעבן פון אַרומשלעפּעריי, פון צעשטערנדיקן עלנד און פון איינזאַמקייט האָבן אַנגעפילט מיט ווילדקייט, ביטערקייט און האַס. ווי אַ בלוט־זויגנדיקער וואָרעם האָט דער ווייטיק כסדר געטאַטשעט דאָס האַרץ. דער געדאַנק האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן: פאַרוואָס?

דורכלייענענדיק איינמאָל אין אַ צייטונג וועגן דער פאַרפלייצונג פון מיסיסיפּי־טייך און דער גרויסער צעשטערונג, וואָס זי האָט אָנגעטאָן און וויפל מענטשן עס האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס, האָט פאַר אַנטאָ־נען ווי אַ זעאונג אַ בליץ געטאָן: דאָס איז די שטראָף, גאָטס שטראָף פאַר דער מענטשלעכער שלעכטסקייט. דאָס וועט זיין דער סוף פון דער זינדיקער שטאָט דאָ אויך. דער גלויבן האָט זיך אין אים אַלץ מער פאַר־פעסטיקט, אַז גאָט וועט שטראָפן די זינדיקע שטאָט און ער וועט זיך נאָך דערלעבן אַ נקמה.

9.

ס'איז געווען דער דריטער ווינטער פון שווערן קריזיס. אַ מיאוּ־סער ווינטער מיט גרויסע פרעסט און שנייען, וואָס האָט געבראַכט נייע יסורים דער גרויסער צאָל אַרבעטסלאָזע און היימלאָזע. צו פאַרברענגען די נאַכט אויף דער גאַס איז געווען סכנות נפשות. די היימלאָזע האָבן זיך געשטופּט אין די אונטערערד־באַנען, געטוליעט צו די אַריינגאַנגען פון הייזער, געלאָפן איבער די גאַסן זוכענדיק אַ וויכהאַרציקן פאַר־בייגייער.

איז איינער אַזאַ נאַכט האָט זיך אַנטאָן אויך געשלעפּט איבער

די גאַסן אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. פון קעלער, ווו ער איז ביז איצט געשלאָפן, האָט אים דער באַלעבאָס צוליב אַ געקריגעכץ אַרויסגעוואָרפן. די קעלט איז היינט נישט געווען אַזוי גרויס און די גאַסן זענען געווען ריין פון שניי. אָבער ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, אַ דורכנעמענדיקער, וואָס דרינגט אַריין אין די ביינער. ער איז אַרויסגעשפרונגען אַלע מאָל פון אַן אַנדערן ראָג, צעוואָרפן אַנטאַנס לאַנגע האָר און אים געקראָכן אונטערן צעלעכערטן מאַנטל, אונטערן העמד. אַנטאַן האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז אין גאַנצן נאַקעט. ער האָט זיך געיאָגט איבער די פוסטע גאַסן און געמרוטשעט קללות, אויסגעטענהט זיך מיטן איטאַליענער, וואָס האָט אים אַרויסגעוואָרפן, אַז ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען, געסטראַשעט, אַז גאָט וועט אים באַצאָלן...

אין זיין מוח איז אויפגעשווומען אַ געשעעניש פון זיינע קינדעריאָרן אין דאָרף: ווי אין אַ ווינטערדיקער נאַכט האָט מאַטשעקס ווייב אָנגעמאַכט אַ געוואַלד, אַז איר שלימזל, דער שיכור, האָט זיך נישט אומגעקערט פון שענק און ווי יונגען האָבן זיך אים אַרויסגעלאָזט זוכן און אים טאַקע געפונען ליגן אין ריוו, אין שניי, ווו ער איז אַריינגעפאַלן, און ווי ער האָט זיך נישט געלאָזט אַהיימפירן. דאָס ברענגט אַנטאָנען אויפן געדאַנק זיין טאַטע־מאַמע. לעבן זיי נאָך? אין די ערשטע יאָרן, ווען דאָס ווייב האָט געלעבט, האָט ער אַ מאָל זיך מיט זיי דורכגעשריבן, אפילו אַריינגעלייגט אַ דאָלער, אָבער פון דעמאָלט אַן ווי אין וואַסער אַריין. נישט ער ווייסט, צי זיי לעבן, נישט זיי ווייסן, צי ער לעבט. ער וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי זיי... הערן וואָס טוט זיך אין דאָרף... ער האָט נאָך אַ מאָל געהאָפט, אַז ווען ער וועט קריגן אַרבעט, וועט ער נעמען די טאָכטער צו זיך, אָבער דאָס ווייסט ער, איז אומזיסט. ער איז דאָ אַנומלט בעגאַנגען זי זען, זיך ריין אָפּגעגאָלט און אַרומגעשוירן די האָר און צערעכט געמאַכט די קליידער. אָבער די קרובה האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן און די טאָכטער איז דערנאָך געשטאַנען קעגן אים — אַ פרעמדע. נישט זי האָט גערעדט צו אים, זי האָט אפילו נישט געקוקט אויף אים. און דערנאָך האָט אים די קרובה געמוסרט. דאָס האָט אים שרעקלעך צערודערט. צוליב דעם איז טאַקע אַרויסגעקומען די געקריגעכץ מיטן איטאַליענער, זיין באַלעבאָס. דער איטאַליענער האָט פון אים געחוזקט: אַז ס'איז אַ ליגן אַז ער האָט אַ טאָכטער.

אַנטאָן האָט זיך פֿאַרווּנדערט דערזעענדיק אַן אָפֿן געוועלבל מיט אַ פּאָר קוישן נאָך אינדרויסן. צוגעקלעפּט דאָס פּנים צום פֿאַרלאָפֿענעם פֿענצטער, האָט ער אַריינגעקוקט אינעווייניק. לעבן אַ אָנגעהייצט אייוועלע האָט ער דערזען זיצן אַ ברייטע איטאַליענערקע מיט אַ יונג מיידל. אַנטאָן האָט ממש אויף דער הויט דערפֿילט די וואַרעמקייט פֿון אייוועלע און אויפֿן גומען דעם טעם פֿון שפּייז. אַ שאַרפֿער הונגער האָט אים אַ ביס געטאָן. אפֿשר וועט ער עפּעס דאָרט קריגן. מיט פֿאַרפֿרוירענע הענט האָט ער אויפֿגעמאַכט די טיר און אַריין אין געוועלבל. די איטאַליענערקע האָט זיך אויפֿגעריסן אַ דערשראָקענע: — וואָס דו יו וואָנט? — האָט זי אַ געשריי געטאָן. אַנטאָן האָט געשטאַמלט: — אפֿשר האָסטו אַן אַלטע באַנאַנע. גיב מיר עפּעס... מער ווי אין עסן איז אים געגאַנגען זיצן אַ ווײַלע ביי דעם אָנגעהייצטן אייוועלע. אָבער די איטאַליענערקע, דערזעענדיק דעם פֿאַר־וואָקסענעם פּרעמדן „באָם" און די שרעק אויף איר יונגער טאָכטערס פּנים, האָט אַנטאָנען פֿאַרשפּאַרט דעם וועג מיט איר גאַנצער ברייט און זיך צע־שריגן: — אַרויס, דו „באָם", שוין גיי מיר אַרויס, איך רוף די פּאָליס, איך האָב גאָרנישט פֿאַר דיר, אַרויס פֿון דאַנעט. אַנטאָן האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם געשריי, פֿאַר דעם וואָרט „פּאָליס", און איז אַרויסגעלאָפֿן.

ער איז אַוועק טיפֿער אין שטאָט. ווו דער ווינט האָט אים אַזוי נישט געקלאַפּט אין פּנים. ער איז געווען שטאַרק מיד. ער האָט געפֿונען אַן אַריינגאַנג צו אַ גרויס געשעפֿט, אַ לאַנגן קאָרידאָר, ווי אַ הייל באַשיצט פֿון ווינט. ס'איז דאָ כמעט וואַרעם געווען נאָך דער אָפֿענער גאַס. אַנטאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער טיר, באַשיצט זיך מיט עטלעכע צייטונגען, וואָס ער האָט געפֿונען אין גאַס, איינגעצויגן די פֿיס, זיך איינגעקאָרטשעט צו דערהאַלטן די וואַרעמקייט אין לייב... ער האָט איצט געטראַכט פֿון דער מאַמען זיינער, דערזען זי פֿאַר זיך אין פֿאַרטעך, ווי זי פּאָרעט זיך ביי דער צעברענטער קיך. ער שמעקט דעם ריח פֿון קנאָקנדיקע סאָסנע־צווייגלעך װער ווייסט, צי זי לעבט. ער וואָלט זי נאָך אַ מאָל געוואָלט זען. ער האָט דערנאָך אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז אַ נאַר, וואָס דאַרף ער זיך רייסן מיטן איטאַליענער? בעסער שווייגן. ווילסט נישט גלייבן, אַז כ'האָב אַ טאָכ־טער, איז נישט. איך בין שיכור? אַלרייט. ער דאַרף שווייגן. אַז גאָט וויל אים שטראָפֿן, מסתמא האָט ער פֿאַרדינט. פֿון קעלט און מידקייט האָבן זיך

ביי אים צעטומלט די געדאַנקען. ער איז איינגעדרימלט געוואָרן און דער מוח זיינער האָט געאַרבעט און געשפּינען און געשפּינען — — —

ס'איז געווען פרימאָרגן. איבער די לאָנקעס איז געשטאַנען אַ פייכטער נעפּל, אַ געדיכטער, אַז מ'האָט גאָרנישט געקאָנט זען. די קי, וואָס אַנטאָן האָט געטריבן אויף דער פּאַשע, זענען אַריין אין טייכל, גע־כלעפּטשעט דאָס וואַסער אָדער גלאָט געשטאַנען מיט נאַרישע אויגן און געמעקעט. אַנטאָן האָט זיי אַרויסגעטריבן פון טייכל אויף די לאָנקעס און אַליין אַוועקגעלאָפן בראָדזשען אין וואַסער און כאַפּן פישלעך. די פיש־לעך, אַז זיי האָבן דערפילט דאָס אָנקומען פון טאָג, האָבן זיך געשפּילט, געגליטשט אונטער דער פלאַך אַהין און צוריק. אַנטאָן איז אַריין אין טייכל אויף די שפּיצפינגער, צוערשט האָט ער געפּרוּווט כאַפּן אַ פישל מיט די הוילע הענט, דערנאָך אין זיין ברייטן קאַפּעליוש, דערנאָך שלעפּנ־דיק פּאַמעלעך איין פוס נאָכן אַנדערן, דערפילט אַ פישל אונטער דער פּיאַטע האָט ער עס אַ דריק געטאָן מיטן פוס. דאָס האַרץ האָט ביי אים געפּלאַצט פאַר פרייד.

ווייטער האָט אַנטאָן געחלומט: ער אַרבעט ביי אַ דרעש־מאַשין אויף די פּאַנסקע פעלדער. אַרום אים תבואה־פעלדער, אָפּגעשניטענע. דער ווייץ אַן אויסגעטריקנטער איז שוין געווען גרייט פאַר דער מאַשין. אַ בייסנדיקער שטויב רייסט אין האַלדז, דאָס העמד איז צוגעקלעפּט צום לייב, און די מאַשין רודערט אַן אויפהער, מען קאָן זיך אויף אַ מינוט נישט אָפּשטעלן. מען מוז איר שטופּן אַלץ נייע סנאָפּעס אין אָפּענעם מויל אַריין. נישט ווייט פון אים אַרבעט אַ שיקסע, ער קען זי נישט. אַ פרעמדע אַפּנים. ער וווּנדערט זיך: אַזאַ יונגע, שיינע מויד. ער קען פון איר די אויגן נישט אָפּרייסן און קיין צייט דערויף איז נישטאָ. דער מאַשין מוז מען אַלץ דערלאַנגען. אַ פייפל בלאָזט. מיטאָגצייט. אַנטאָן שפּרינגט אַראָפּ, לויפט זיך אַרומוואַשן. דערנאָך לאָזט ער זיך זוכן די שיקסע. ער זעט ווי זי גייט אַוועק צום וועלדל. ער שלייכט זיך איר נאָך. צווישן דיביימער גייט זי ווייטער און ווייטער. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן, זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזוינע שרעקעדיקע, קינדישע אויגן...

די דרויסנדיקע קעלט האָט זיך אַריינגעשלייכט אין אַנטאָנס שלאָף־באַטרונקענעם קערפּער. דער פּייזאַש פון זיינע חלומות איז אויך געוואָרן

אַ קאַלטער, אַ ווינטערדיקער — — — די מאַמע זיינע איז געווען קראַנק, איז געלעגן אויפֿן פּיעקעליק, געקרעכצט און געשריגן: כ׳פֿריר, אַ קעלט גייט מיר דורך אַלע ביינער... זי האָט געבעטן מען זאָל זי איינדעקן מיטן שאָפּענעם פּעלץ. כאָטש ס׳געווען די מאַמע, האָט זי אויסגעזען, ווען אַנטאָן איז צו איר צוגעקומען, ווי דאָס ווייב, מיט פֿאַרגליווערטע, נישט־זעענ־דיקע אויגן, אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען דעם לעצטן טאָג אין שפּיטאָל. אַנטאָן האָט גענומען דעם פּעלץ און געוואָלט מיט אים איינדעקן די מו־טער, אָבער דער פֿאָטער האָט זיך אויף אים צעשריגן, אַז ס׳קלייבט זיך אויף אַ זאַווערוכע און ער מוז פֿאָרן אין וואַלד האַקן האָלץ. דער עקאָנאָם איז שוין דאָ געווען און אַנטאָן מוז פֿאָרן... בעסער נישט אָנהייבן זיך מיט אים... אַנטאָן האָט געוווסט, אַז פֿאָרן אָן פּעלץ, ווען דער שניי האָט שוין פֿאַרווייסט די פֿענצטער, איז אַ משוגעת, אָבער די מוטער קרעכצט: ווײ איז מיר, יעזוס מאַריאַ, איך פֿריר... דעקט מיך איין מיטן פּעלץ. אַנטאָן האָט זי איינגעדעקט מיטן פּעלץ און אַליין אַוועק אין וואַלד... באַלד איז דער שניי געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט זען, און די קעלט איז געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז ער האָט אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט זיך שוין געוואָלט אומקערן, אָבער אַפּנים פֿאַרבלאָנ־דזשעט, און דער שניי איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען איז אין אים אַריינ־געזונקען. אַריינפֿאַלנדיק, ווער ווייס צום וויפֿלטסטן מאָל, אין אַזאַ גרוב שניי, האָט שוין אַנטאָן נישט געהאַט קיין כּוח זיך אויפֿצוהייבן. ליגט ער און טראַכט: איך גיי אויס. און פּלוצעם דערפֿילט ער אַ הייסן אָטעם, שאַרפֿע ציין פֿון אַ וואָלף האָבן זיך אַריינגעביסן אין זיין פֿוס...

מיט אַלע כּוחות האָט ער זיך אַ ריס געטאָן. מיט וווּנדער האָט ער דערזען, ווו ער געפֿינט זיך. גאָט צו דאַנקען ס׳איז געווען אַ חלום. די פֿיס זענען ביי אים געווען ווי אָפּגענומענע. ער האָט קוים געקאָנט שטיין אויף זיי. ער האָט געפֿילט, ער מוז געפֿינען אַ פּלאַץ זיך אָנצו־וואַרעמען, אָדער ער וועט אומקומען. לויפֿנדיק אַזוי איבער די פּוסטע גאַסן, האָט ער דערזען עטלעכע באַלויכטענע פֿענצטער פֿון אַ נידעריי־קער געביידע און אַן אָפֿן טירל, פֿון וועלכן ס׳האָט געבלאָזן מיט גוטער וואַרעמקייט. ער האָט אַריינגעקוקט. אַ גרויסע קעסלדיקע דינאַמאָ־מאַשין האָט פֿאַרנומען דעם מיטן פֿון אַ גרויסן זאַל. אין דער וואַנט זענען געווען איינגעפֿאַסט זייגער־אינסטרומענטן. קיין מענטש האָט זיך נישט געזען.

ער איז בגנבה אַריין, אומגעקוקט זיך נישט זיכער, מיט פּחד. די וואַ־רעמקייט האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין זיין צעפרוירענעם גוף. אָנ־געלענט אין וואַנט, נאָענט צו דער טיר, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט, גרייט צו אַנטלויפן, ווען עמעצער וועט זיך ווייזן. זיינע אויגן האָבן גע־רוט אויף דער מאַשין. אַ גרויסער לעדערנער רימען האָט זיך באַוועגט ווי אַ שלאַנג אַז מ׳האָט קוים געקאָנט כאַפּן זיין באַוועגונג. ס׳האָט זיך געהערט אַ שטילער, מאָנאָטאָנער ברום, ווי פון אַ קרעפּטיקער, ווילדער חיה. וואָס זיי טראַכטן נישט אויס, די טייוולאָנים, האָט אַנטאָן אַ קלער געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער מאַשין, וואָס האָט ביי אים אָפּגע־שניטן צוויי פינגער, ווי ער האָט פאַר איר געציטערט און געהיט זיך... אַ דערשלאָגענער האָט ער געטראַכט ווההין צו גיין אַז מ׳וועט אים פון דאַנען אַרויסטרייבן. ער פילט נאָך אויף די לידקעס די ציין פון וואָלף. ווען ער רייסט זיך נישט אויף אין צייט, וואָלט ער געווען פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט.

ער האָט אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אין די זייטיקע חדרים, גע־שראָקן זיך אַז עמעצער וועט אַריינקומען. אַ לאַנגע צייט איז קיינער נישט געקומען. ער איז געזעסן אַ דערוואַרעמטער, אַ באַרויקטער. מיטאַמאָל איז אים אויסגעקומען, ער הערט געוויין און קולות, ער זעט אַ קניענדיקע מאַסע מענטשן און פון זיי קומט אַ פרום־גאָטספאַרכטיק געזאַנג ווי ביי דער מעסע פון גרויסן קאַטעדראַל, וווּ ער איז אַמאָל געווען. אַ גרויסע פאַרציטערטקייט איז אויף אים געקומען, אַ פאַרכטיקע פאַרגליווערטקייט. אַזאַ ווילדע האַרצרייסנדיקע פרייד נעמט אים אַרום, זי וואַקסט אין אים, צעגליט אים ווי אייזן אין פייער. דאָס פרום־גאָטספאַרכטיקע געזאַנג וואַקסט, פלייצט, רייסט זיך אין די הימלען. גאָטס גייסט שוועבט איבער די קעפּ פון די מענטשן און דערהייבט די מענטשלעכע הערצער, פילט זיי אָן מיט עקסטאַז. אַנטאָן איז פאַרכאַפּט פון דעם עקסטאַז. דער פאַר־פרוירענער הונגעריקער שלעפּער איז פאַרטראָגן געוואָרן אין אַנדערע וועלטן וואָס רק הייליקע זענען צו זיי אַמאָל זוכה. ער איז אויסגעלייזט פון אַלע ערדישע פּיינען, אַ פאַרחלשטער פון זיסער אַנטציקונג. ער פילט חרטה, וואָס ער אַליין האָט זיך אָפּגעווענדט פון גאָט, נישט געדינט אים ווי ער פאַרדינט. זיס, זיס, פאַרשיכורנדיק־זיס, איז די פרייד פון גאָט, ווערט געווען אַלע יסורים, אַ לעבן פון פּיין און וואָגלעניש. אַנטאָן בעט

זיך ביי גאָט: שטראָף מיך, אויב איך האָב אין דיר אַמאָל פאַרלוירן דעם בטחון... ס'איז שלעכט געווען, אַזוי שלעכט צום אויסגיין. פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרגעסן אַזוי לאַנג און געלאָזט איינעם אַליין?

אַנטאָנס נשמה גליט אין עקסטאַז פון אַנטפּלעקונג. ער פילט אַ פאַרלאַנג אויסצוגיין אין דעם קוואַל פון פרייד, נישט צוריקגיין צו דער פריערדיקער פינצטערניש.

— האָב נישט קיין מורא אַנטאָן, קום צו מיר, הערט ער גאָטס קול, איך האָב קיינעם נישט פאַרלאָזן און די וואָס קומען צו מיר, גיב איך אייביק לעבן...

אין אַנטאָנען ברענט דער פאַרלאַנג פון ברענגען אַ קרבן; פילן מיט יעדן טראָפּן בלוט ווי ער ליידט די גרעסטע יסורים פאַר גאָט. פלוצעם דערפילט ער ווי מ'האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די אָרעמס און אויפגעהויבן אין דער לופטן. דער אָרעמער אַנטאָן האָט געגלייבט אַז מלאכים האָבן אים אויפגעהויבן אין דער לופטן און טראָגן אים צו גאָטס טראָן, אָבער נישט קיין מלאכים זענען דאָס געווען. צוויי אַנגעשטעלטע פון דער עלעקטרישער סטאַנציע, וואָס זענען אַריינגעקומען פון אַ זייטיקן חדר, ווען זיי האָבן דערזען דעם גרויען אַלטן שלעפער זיצן נישט ווייט פון דער די־נאַמאָ־מאַשין, האָבן זיי אַ יאָג געטאָן צו אַנטאָנען און אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס, אַ הייב געטאָן אין דער לופטן און מיט אים זיך געיאָגט — אַן אַנשטרענגונג — צוויי שטאַרקע יונגען געווען — צו דער טיר און אים אַ שליידער געטאָן אין שניי אַרויס.

.10

אַנטאָן איז אַ באַקאַנטע פיגור אין די בראַנזווילער גאַסן. נאָר אַ פרעמדער, וואָס זעט אים צום ערשטן מאָל, וואַרפט אים צו אַ קוק, ווי ער יאָגט זיך אַרום אין זיינע פאַרשמאָלצעוועטע, ווי פון מייז צעגריזשעטע בגדים. זיין ברייטע פויערישע פּלייצע איז נאָך נישט געבויגן, נאָר די באַרשטיקע פּאָטליעס אויף זיין קאָפּ זענען אַש־גרוי. תמיד איז ער אין געאייל; יאָגט אַ צעקאָכטער, אַ ברוגזער, מיט אויגן פאַרגליווערטע, נישט זעענדיקע, צעמאַטערטע פון משוגעת און מרוטשעט צו זיך אַליין... צווישן

מענטשן שוויגט ער אַ פרעמדער, אַן אָפּגעוווייטערטער ווי אַ פּאַרצייטי־קער נביא, אַ מענטש וואָס גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן... אָבער אַמאָל, ווען מ׳רייצט אים אויף, אָדער ס׳קומט אים גלאַט אָן, שרייט ער אויס מיט ווילדן כעס: דער טאָג פון שטראָף איז נישט ווייט. גאָט וועט זיך אָפּרעכע־נען מיט די מענטשן פאַר אַלע זייערע זינד און רשעות...

צווי פריינט

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ װוּנדערלעך־שיינער פֿאַרנאַכט. דעם קאַלעמוטנעם, גרויען הימל האָט פֿאַרביטן אַן אַטלאַסענע, פּלאַטערנדיקע בלויקייט. אין דער שטאָט פֿון שטאָל און שטיין האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צייט, טיף אונטער דער ערד, געקליבן זאַפֿטן און איצט אַרויסגעלאָזן דורך אַלע שפּאַרעס. ווו אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ, איבער אַלע פּאַרקן, האָט אַרויסגעשלאָגן אַ גרינקייט. אַלטע, צעקאָרטשעטע ביימער האָבן געלויכטן, ווי אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים. איבער די שטאָטישע גאַסן האָבן זיך גע־יאָגט מחיהדיקע ווינטלעך, באַלאָדן מיט ריחות פֿון צוויט און בלומען. עס האָט אַרויסגעצויגן די מענטשן פֿון די הייזער. אין די קולות פֿון יונגוואַרג האָט זיך געהערט אַ ווילדקייט און יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך גע־יאָגט אין די גאַסן און פּאַרקן טשאַטעסווייז, אויפֿגעברויזטע, מיט גלאַנ־ציקע אויגן.

צווי חברים, קליין און דאַווידמאַן, יונגע בחורים. וואָס האָבן גע־אַרבעט אין דעם זעלבן וואָל־געשעפֿט — איינער אַ „שיפּינג־קלוירק" און דער צווייטער אין אָפֿיס — און געגאַנגען אין קאַלעדזש ביינאַכט, האָבן זיך באַגעגנט שבת פֿאַרנאַכט פֿאַר דער גרויסער פּאַבליק־לייברערי אויף דער פֿינפֿטער עוועניו. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין מיט דער ברייטער גאַס, נישט איילנדיק זיך, אָפּגעשטעלט זיך ביי יעדן געשעפֿט און באַטראַכט די פֿאַר־שידענע פֿענצטער־אויסשטעלונגען און יעדעס שיינע מיידל, וואָס איז זיי פֿאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי נאָכגעקוקט. דאַווידמאַן, דער עלטערער, אַ בריי־פּלייציקער, מיט אַ פֿרעך־גאַוהדיק פּנים, מיט אַ סך זיכערקייט אין די באַ־וועגונגען, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען אַ סך עלטער ווי ער איז געווען, האָט אָפּט אָנגענומען אַ חוזקדיקן טאָן צו זיין יונגערן חבר, כאָטש ער האָט אים זייער ליב געהאַט. יענער איז געווען דער היפּוך פֿון אים: אַ דאַרער, מיט נערוועזער שטורעמדיקייט און געאיילטקייט אין זיינע רייד און טו־עכצן און אַ קאַפּריזנער, אַ קינדיש־צעלאָזענער. דאַווידמאַן, כאָטש ער האָט גערעדט צו אים אַ סך מאָל ווי אַן עלטערער צו אַ יונגערן און זיך

באַרימט מיט זיין לעבנס־דערפאַרונג, האָט כמעט תמיד נאָכגעגעבן דעם יונגערן חבר.

— וואָס דרייען מיר זיך אַרום אויף די גאַסן ווי „באַמס״? לאָמיר צוגיין צו עמעצן — האָט געזאָגט קליין.

— אָלרייט — האָט געענטפערט דאַווידמאַן מיט אַ שמייכל — אפשר זאָלן מיר צוגיין צו פּעגין?

— אָ, זי איז מיר שוין נמאס מיט איר אייביקן רעדן פון ליטע־ראַטור. אין דער אמתן זוכט זי אַ חתן! — האָט זיך אַ בייזער געטאָן קליין.

— נו, יעדעס מיידל זוכט אַ חתן — זאָגט דאַווידמאַן.

— עט, עס עקלט מיך שוין פון די אינטעליגענטע דיסקוסיעס, וואָס זענען נישט מער ווי אַ פלירט.

— אין הייניטיקע צייטן פוצט זיך די פרוי מיט אידעען, פונקט ווי די אַמאָליקע פרויען מיט קרעלן און בראַסלעטן — זאָגט דאַווידמאַן.

— איך האָב דאָס פיינט — זאָגט קליין.

— אָ, דו ביסט אַן אידעאַליסט... אפשר זאָלן מיר צוגיין צו בעסין?

— עט, זי איז פּוסט און נאַריש.

— נו, און גרעטאַ גאַרבאָ? — האָט געזאָגט דאַווידמאַן מיט חוזק.

— פאַרמאַך דאָס מויל! — האָט זיך געבייזערט קליין.

פאַרמאַטערטע פון לאַנגן אַרומגיין זענען זיי אַריין אין אַ „מוווי״ אויף דער אַכטער עוועניו, וואָס האָט אַנאָנסירט 7 אַלטמאָדישע וואָדעוויל־אַקטן.

— לאָמיר זען די אונטערגייענדיקע קונסט, — האָט געזאָגט דאַווידמאַן.

עס האָט זיי איינגעשלונגען אַ פינצטערע געדיכטעניש. די לופט איז געווען שווער, אַזש עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זיי האָבן זיך גע־פונען איינגעפּרעסט צווישן געדיכטע רייען מענטשן. דאָס טעאַטער האָט געשטורעמט מיט געלעכטער. אויף דער גרעליק־באַלויכטענער בינע האָבן צוויי אַקטיאָרן, פאַרשטעלט ווי נעגערס — די פנימער אויסגעשוואַרצט און רויטע רעדער אַרום מויל — זיך געוואָרפן מיט וויצן און חכמהלעך און זיך אַלע מאָל געקלאַפּט איבער די מאָרדעס, אַז עס האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן טעאַטער.

דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַ דיק־לייביקע אָנגעפאַרבטע פרוי, אין

אַ ברייטן ריזיקן הוט, באַפּוצט מיט גרויסע שטרויס־פּעדערן און אַ ריזיקן שירעם (דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַ פרילינג־קאָסטיום), און אָנגעהויבן זינגען אין סאָפּראַנאָ מיט אַ שוואַכער, קוויטשענדיקער שטימע, אַ ליבע־ליד. עס איז געווען אַ רחמנות אויף איר, ווי זי האָט געפּרוווט אַרויסרייסן פון האַלדז אַ העכערן טאָן און דער האַלדז האָט רעוואָלטירט: נישט פאַר מיינע כוחות! קליין איז אויפגעשפּרונגען פון זיין זיץ און זיך צעלאַכט אויפן קול. עס האָבן זיך דערהערט בייזע קולות אַרום. דאַווידמאַן האָט זיין חבר אַראָפּגעצויגן אין שטול און אים שטילערהייט געמוסרט.

— קום. לאָמיר בעסער אַרויסגיין אין „לאָבי", רויכערן אַ סיגאַרעטל.

די „לאָבי" איז געווען באַצירט מיט שטויביקן, פון מאָל צעפּרעסע־נעם רויטן פּליוש. געלע לעמפּעלעך האָבן געוואָרפן זייער ליכט אויף גלאַנ־ציקע גאָלד־באַראַמטע שפּיגלען.

די חברים האָבן זיך אָנגעקוקט מיט געלעכטער אין די אויגן.

— באַי, אָ באַי! — האָט געזאָגט קליין און נאָכגעזונגען דאָס לידל פון דער פעטער זינגערין מיטן שירעם:

„אַי וואָנט לאָוו,

אַי דרים אָוו לאָוו".

— עס איז ווונדערלעך! עס איז אַ ספּעקטאַקל פאַר די געטער! — האָט זיך געהיצט קליין.

— שטיל! — האָט אים דאַווידמאַן געוואָרנט. — מען וועט דיך אַרויסוואַרפן.

זיי זענען ווידער אַריין אין טעאַטער און זיך ווידער צוגעהערט צו אַ דיאַלאָג, איצט שוין פון צוויי ווייסע קאָמעדיאַנטן, אָנגעטאָן אין מאָדנע קאָמישע מלבושים, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל געוואָרפן שלאָגן אייבער דעם אַנדערן. די וויצן זענען דאָס רוב געווען גראָבע, צווידייטיקע. דער עולם האָט געקייכט.

נאָך אַ ווײַלע האָט דאָס די צוויי חברים דערעסן און זיי זענען אַרויס פון טעאַטער.

זיי זענען ווידער אַוועק אויף דער פינפטער עוועניו, וווּ עס איז געווען שטיל און רחבותדיק און די טונקלקייט האָט געשמעקט מיט פרילינג־ריחות.

— אַזוי פוסט און גראָב — האָט זיך געקלאָגט קליין — פאַרטאַכ־לעוועט אַזוי נאַריש אַן אָוונט.

— דאַרפסט זיך פאַרליבן — האָט געענטפערט דאַווידמאַן — אין דיינע יאָרן, אַז מען איז נישט פאַרליבט, פאַרלירט דאָס לעבן דעם טעם.

— ווי דו ווייסט אַזוי אַלץ! — האָט קליין זיך אָנגעצונדן — און דו?

— איך בין שוין אַריבער די נאַרישקייטן.

— איז ליבע אַ נאַרישקייט?

— ניין, נישט קיין נאַרישקייט; אָבער די וויכטיקייט דערפון איז איבערגעשאַצט. אַ באַדערפעניש, ווי עסן, ווי אָנטועכץ.

—אָ, פאַרמאַך דאָס מויל! ער הייבט שוין אָן!... זע נאַר! — האָט ער אַ שלעפּ געטאָן זיין חבר און אים אָנגעוויזן אויף אַ מיידל, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ זייטיקער גאַס.

— דאָס וועט זיין אינטערעסאַנטער פון דיין פילאָסאָפיע — האָט געזאָגט קליין.

— מסכים! — האָט געענטפערט דאַווידמאַן.

זיי האָבן פאַרגיכערט די טריט און זיך אויסגעגלייכט מיט דעם מיידל.

דאָס מיידל, אַ שלאַנקס, מיט דינע פיס און ברייטע היפטן — אַ פיגור פון אַ טענצערין — אין אַן עלעגאַנטן מאַנטל און טורבאַן, וואָס האָט חנעוודיק אַרומגענומען איר קאָפּ, האָט זיך געלאָזט גיין גיכער. זי האָט מיט אַ שטאָלץ־שווייגעניש אָפּגעענטפערט אויף די אַלע פּרוּוון פון די בחורים זיך באַקענען און פאַרקניפּן אַ שמועס, אָבער לאַנג האָט דאָס נישט אָנגעהאַלטן... אַ וואָרט און צוויי, אַ פאַרשנדיקער קוק און באַלד איז זי געגאַנגען מיט די צוויי בחורים ביי די זייטן... די צוויי חברים, אונטערגע־צונדן פון דעם מיידלס חן און קאָקעטישער אויפפירעכץ, האָבן אָנגעהויבן איינער מיט דעם אַנדערן צו קאָנקורירן, אויסצונעמען ביי איר... יעדער פון זיי האָט געפילט, אַז אַ וואָרט, אַ בליק וואָס זי גיט דעם צווייטן, נעמט עפּעס אַוועק פון אים... דער עלטערער, דאַווידמאַן, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון דעם אַנטוישטן ציניקער, האָט פאַרלוירן זיין ציניזם, געלאַנגווייליקטן טאָן און זיך געלייגט אין דער לענג און ברייט צו ווייזן זיך ווי אַ קלוגער ראַפינירטער וועלט־מאַן, גערעדט מיט ציטאַטן פון ביכער און אַפילו מיט

שורות פּאָעזיע... זיין גאוותדיק פּנים האָט אָנגענומען עפּעס שאַרפס, פאַר־ביסנס. זיין אַריינזאָגעכץ איז געוואָרן בייז און קעמפעריש; ער האָט גע־פּרוּווט מיט אַלע מיטלען ווייזן זיין חברס יונגקייט און אומגעלומפּערטקייט. די חברים האָבן זיך נאָך עטלעכע אַזוינע צוזאַמענשטויסן אָנגעקוקט שאַרף, בייז, ווי שונאים. אין דער רגע האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי פרעמדע, דער־זען שאַרף און בולט איינער דעם אַנדערנס חסרונות און נאָך אַ סך פאַר־גרעסערט... עס איז נישט געווען קיין פריינדשאַפט צווישן זיי... איינער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אַנדערן... יעדער האָט געגאַרט צו בלייבן אַליין מיט דעם מיידל און איז געווען זיכער, אַז דאָס מיידל איז אינגאַנצן פאַראינטערעסירט אין אים און אַז דער צווייטער שטייט אים אין וועג... יעדער פון זיי האָט געטראַכט וועגן זיין חבר: „פאַרוואָס איז ער אַזאַ נאַר און פאַרשטייט נישט, אַז ער איז אין וועג, און טראָגט זיך נישט אָפּ?"... קליין האָט געטראַכט: „איך וועל אים זאָגן: אידיאָט, טראָג זיך אָפּ!" און דאַווידמאַן האָט אָפּן געגעבן אָנצוהערן, אַז זיין חבר איז אַ נאַריש יינגל, וואָס פאַרשטייט נישט וואָס יעדעס קינד אין וויגל פאַרשטייט...

דאָס מיידל איז געגאַנגען אַ צופרידענע מיט די צוויי בחורים ביי די זייטן און איר געלעכטער האָט געקלונגען זילבערדיק, פרילינגדיק...

די חיה

שוין אַ לענגערע צייט ווי אין בערסאָנען האָט זיך צעבריקעוועט די חיה. אָבער היינט איינדערפרי האָט זי זיך אָנגעהויבן וואַרפן אויף קיין קאַטאָוועס, ממש רייסן פון שטריק. וואָס איז? גאַנץ פשוט: זי וויל איר פּאַשע: דאָס לייב פון אַ נקבה. היתכן? אַ פּשוטער שכל — וואָלט זי געענטפערט — שוין גענוג געהונגערט. זי וויל נישט מער.

אַ יאָר צייט שוין כמעט, זינט בערסאָן האָט זיך אָפּגעגעבן אין גאַנצן זיין רעליגיעזער דראַמע, האָט ער געלעבט אַסקעטיש. נישט לשם אַסקעטישקייט, נאָר כדי צו האַלטן זיך אין ריינער, רוחניותדיקער שטי־מונג. אין גיכן האָט ער אויסגעפונען, אַז נישט באַפרידיקטער באַגער איז אַ גוט אויפרעגונגס־מיטל; רודערט אויף די נשמה מיט אַן אימפּעטיקן דראַנג, בענקעניש און גייסטיקער זוכעניש, שפּאַנט אָן דעם מוח ווי אַ שטאַרק אָנגעצויגענע סטרונע, גרייט צו אָפּענטפערן אויף דעם לייכטסטן באַריר פון ווינט. און וואָס קאָן זיין טייערער פאַר אַ שעפערישן מענטש? און אַ צווייטע סיבה (אפשר די ריכטיקערע, ווער ווייסט?) ער האָט נישט קיין צייט און געלעגנהייט צו זוכן אַ געליבטע, און צו אַ פּראָסטיטוטקע איז ער מחמת פּרינציפּ נישט געגאַנגען.

— איך וועל זיין פאַרטיק מיט מיין אַרבעט — האָט ער באַרויקט די חיה. אָבער זי האָט שוין געהאַט צופיל הבטחות. איר געדולד האָט גע־פּלאַצט. זי וויל נישט וויסן פון שפּעטער, פון פּרינציפּן. זי וויל אירס; זי פּאָדערט וואָס עס קומט איר. היינט האָט זי אָנגעהויבן טומלען, און בערסאָן האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן ביי זיין שרייבטיש. האָט ער באַשלאָסן אַרויסצופּאָרן אויף אַ טאָג פון שטאָט. די פרישע לופט, די נאַ־טור, די שטילקייט, וועלן צוריקברענגען רויקייט אין זיין געמיט.

ווי ער איז אָבער נאָר אַריין אין באַן, זיך געפונען אַן אָרט און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אויף די מיטפּאַרנדיקע, האָט ער דערזען אַ מיידל געמיטלעך אָנגעלענט זיצנדיק נישט ווייט פון אים. די חיה האָט זיך אַ צעווילדעוועטע אַ ריס געטאָן אויף די גלייכע פיס. זי האָט אָנגע־הויבן שטשירען מיט די ציין און זיך איינעסן מיט די אויגן אין די נאַקעטע

אָרעמס פון מיידל. בערסאָנס הענט האָבן זיך געצויגן. ער האָט געבראָכן די פינגער און ווי געטריבן פון אַ פרעמדן רצון האָט ער זיך אַ הייב געטאָן צוצורוקן זיך צום מיידל, ווי אַ רויב־חיה וואָס דערזעט איר רויב.

בערסאָן האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט דער חיה. ער האָט צע־שפרייט די פיס ווי אַ פויסטקעמפער, אָנגעשטרענגט אַלע מוסקולן, אויס־געדרייט זיך מיטן פנים צום פענצטער, צו די יאָגנדיקע פעלדער און ביי־מער: דאָ וועסטו שטיין און קוקן.

ער פאַרהאַקט אַלץ שטאַרקער די ציין, פאַרדריקט די אויגן, אָבער דאָס רייצט נאָך מער אויף די חיה.

דאָס נאַקעטע לייב פון מיידל שווימט דורך פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגן... דאָס באַפוצטע זיידענע העמד גליטשט זיך אַראָפּ פון איר ראָזיקן לייב, נאָך אַ ריר און ס'וועט אַראָפּפאַלן פון איר ווי אַ שאָל פון אַ רייפער פרוכט... אַן אַנגסטיקער שווייס באַגיסט בערסאָנען. ער שלאָגט אַריין די נעגל אין פלייש, פאַרהאַקט די ציין, אַז פונקען גיבן אַ פלי פאַר די אויגן, און אין קאָפּ הייבט אָן אַ לאַנגע נאָדל שטעכן.

ער הייבט אָן שמייסן די חיה מיט אַ בייטש פון אינטעלעקט, זידלען און באַליידיקן זי.

— פוי, איך שפּיי אויף דיר, פוי, נידעריק שמוציק נפש. און דו ווילסט דאָס ווייזן דעם גרויסן, רעליגיעזן שטראָם וואָס רייסט ווידער אויף דעם מענטשלעכן גייסט? דאָס האָסטו נעכטן ערשט אין הייליקער אויפ־לייכטונג פון דערהויבונג געשריבן די סצענע ווי פאַר דודן עפענען זיך די פאַרבאָרגנסטע, טיפסטע סודות... און ער דערזעט דעם וועג פון דער מענטשהייט. ווי איבער די שטערנדיקע געזאַנגען דערהערט ער דאָס אייביקע קול: גיי און שאַף. ווי ער דערפילט דעם אָטעם פון אייביקייט אין זיין צווייפלדיקער, צעקאָרטשעטער נשמה — און פחד און אימה פון דער גרויסער זעעניש און טרייסט און עקסטאַטישע פרייד ראַנגלען זיך אין אים — אין דעם באַוווסטזיין פון וואַקסן, אין גרויסקייט פון דעם באַרר־פענעם, דעם אויסגעווילטן.

— דו, דו, דו? — שרייט צו זיך בערסאָן.

איז דאָס געוועזן אַ פאַרבלענדעניש, בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ געטוס־געפיל, גייסטיקע אָנאַניע, אַ רעזולטאַט פון אַזאַ לאַנגער אַסקע־טישקייט!...

אַה, אַן עקל כאַפּט אים אַרום. ער פילט זיך קראַנק. ער דריקט זיך דעם שטערן מיטביידע הענט. די ליפּן ציטערן אים.

אידיאָט — טענהט ער מיט זיך — ווידער די טעאָריעס פון היינ־טיקע פּסעוודאָ־געלערנטע? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם גייסטיקן ליכט, וואָס דו האָסט נאָך אַזויפיל זוכעניש אין לעבן דערזען?... אין עקסטאַז, אין ווייטיק, אין פּיין? מיט נאַרישע באַדייטונגסלאָזע, פּוסטע ווערטער קאָנסטו צווייפלען, מיט פּוסטע ווערטער וואָס דערקלערן גאָר־נישט. וואָס ווייסן מיר מער, ווי דאָס פּלוצעמדיקע, בלענדנדיקע ליכט, וואָס פאַרגיסט אונדז אַמאָל נאָך אַ לאַנגער פינצטערניש און מיר זעען, פאַרשטייען, באַגרייפן אַלץ. און דערנאָך קומען און באַזעצן זיך ווי פליי די גריבלערישע געדאַנקען, נישט געדאַנקען. ניין, ווערטער, וויסנשאַפט־לעכע, הויכקלינגענדיקע ווערטער און דלובען, שטופּן די נאָז, נאַרען... איז דאָס נישט גראָד דערפאַר, ווייל דאָס איז אַזוי אומבאַגרייפלעך און אימהדיק פאַר אונדזער קלאָרן שכל, אַזוי אַנדערש פון אונדזערע טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען, נאָך מער אמתדיק, זיכער, פעסט, דאָס איינציקע ליכט אין פינצטערן לאַבירינט פון אונדזער לעבן...

אוודאי, איך בין נאַר אַ מענטש און דאָס בלוט פאַרלאַנגט זיין רעכט, אָבער איך בין דער האַר און נישט דער חיהשער אינסטינקט. איך — דער גייסט, דער געטלעכער ווילן, איך בין דער האַר, איך...

ער פאַרשטשעמעט די ציין, אַז די קין־מוסקולן שפּרינגען אַרויס ווי צוויי ביילן.

— איך בין דער האַר!... איך!... איך!...

בערסאַן איז אויסגעשעפּט פון דער גרויסער אָנשטרענגונג. ס׳זשור־מעט אים אין קאָפּ. זיינע קני בייגן זיך. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער באַנק.

אויף דער צווייטער סטאַציע איז אַריין אַ מולאַטקע אין אַ רויטער, שיף־אויסגעשניטענער בלוזקע, פון וועלכער ס׳איז אַרויסגעוואַקסן איר געזונט, ברוין לייב. זי האָט געהאַט אַ גרויסן זשמוט שוואַרצע האָר ווי פון סמאָלע און זשאַריקע קליינע אויגן. אין דורכגאַנג האָט זי אַ ריר געטאָן בערסאַנס קני. אַן עלעקטרישער שטראָם איז אים דורך. די חיה האָט זיך אַ ריס געטאָן ווי אַ צעווילדעוועט פערד, וואָס האָט זיך אַרויס־געריסן פון די לייצעס.

— ער רייסט די רויטע בלוזקע פון איר פאַרברענט לייב, צע־

לאָזט די שוואַרצע האָר, ער עפנט דעם קאָרסעט, ער רייסט אים פון איר מיט ציטערדיקע הענט, זי ווערט זיך... די זאָקן שלעפט ער פון איר אַראָפּ... מוטערנאַקעט פייערט אים אַנטקעגן איר פּרעכטיק לייב... ער ציט אויס די הענט, ווי אַ וואַקכאַנטין פאַרוואַרפט זי דעם קאָפּ, נעמט זיך אונטער די זייטן און רייצט מיט איר ליידנשאַפטלעכער פאַרחלשטקייט..

מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטער אַנטלויפט זי אין שלאָפצימער און וואַרפט זיך אויפן ווייכן דיוואַן...

ווי אין פיבער יאָגן זיי זיך די בילדער אין בערסאָנס פאַנטאַזיע. ער זיצט הילפלאָז און ציטערט.

— שאַ, בעסטיע, חזיר, סוואָלאָטש...

ס׳העלפט ווייניק.

זיין אויג וואַנדערט פון איין פרוי צו דער אַנדערער, בויערט זיך איין אין זייערע נאַקעטע קערפּערס.

דאָ אַ שפּאַניערין. אַ גאָלדן צלמל צעטיילט אירע בריסטן. זע, ווי דאָס קלייד נעמט ענג אַרום אירע ברייטע היפּטן...

און יענע דאָרט מיט אָרעמס פון פּיאַנע... ווי מושלראַזיק און גלאַטיק מוז זיין איר לייב.

בערסאָן לויפט אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם. ס׳בלאָזט אַ קילער ווינט. מיט פאַרגעניגן פילט ער דעם קאַלטן אָטעם אויף זיין צעהיצטן קאָפּ...

— וואָס איז דער שגעון — טענהט ער ווידער צו זיך — דו ווייסט אַז דו קאָנסט נישט און וועסט בישט נעמען די ערשטע בעסטע נקבה. אַזוי נידעריק ביסטו נאָך נישט. דאָס דוכט זיך דיר נאָר, אַז דו זעסט עפּעס אין זיי. ווען דו קומסט צו זיי נענטער, שטויסט עס דיך אָפּ. דו ביסט נאָר סעקסועל אויפגערעגט. קוק! פּראָסטע, ווולגאַרע נפשות. וואָלסט אַזעלכע געקאָנט ליבן? בלויז ווי אַ ביק זי נעמען? איז דאָס דיין באַדערפעניש? וועט דאָס דיך באַפרידיקן? דו מוזט דאָך עפּעס פילן צו דער פרוי... נישט בלויז אַן אינסטרומענט פאַר דיין תאוה... איך וויל נישט... איך וואָלט געפילט אַן עקל צו זיך... און דו שאַפער, ועגווייזער, ביסט אַזוי נידעריק, שפלדיק, פול מיט לוסט און שמוץ, אה!

טרערן פון בושה און צער שטעלן זיך אין בערסאָנס אויגן.

דער ווינט בלאָזט אַזוי מחיהדיק צווישן זיינע האָר און צע־

וואַרפט זיי איבערן פּנים. די זון שלאָגט זיך דורך פון קנוילן וואָלקן. אַ קו איז דורכגעלאָפן. וואַלד, לאָנקעס, פעלדער, רויק, דאָרף.

און ווידער שטופּט זיך אַריין דער געדאַנק: האָסט געזען די ברענענדיקע אויגן?... אַפריקאַניש בלוט, דאַכט זיך. זי האָט אומישנע מיך אָנגערירט, אפשר... פוי — שפּייט בערסאָן אויס.

עפּעס צעוויינט זיך אין אים, אַזוי אומבאַהאָלפן, שטיל, ווי אַ קליין קינד וויינט און קלאָגט זיך: פאַרוואָס, פאַרוואָס? די בושה, פאַרוואָס, גאָט? ווי ס׳טוט וויי!...

בערסאָן קוקט מיט פאַרטרערטע, פיבערישע אויגן אויף דעם יאָגנדיקן וואַלדיקן פּאַס. ווי אַ זשומעדיקע פליג רייסט זיך אַריין אין זיין מוח דער געדאַנק:

— דו ביסט דאָך נאָר אַ מענטש, נאָך וואָס קעמפן קעגן דער נויטווענדיקייט ווי ברויט און וואַסער... און די רויטע בלוזקע פון דער מולאַטקע טוט אַ פלאַטער פאַר זיינע אויגן; ער זעט אירע אויגן פאַר־גלעזערן זיך אין ליידנשאַפטלעכן אָפּגעבן זיך...

בערסאָן פאַרדריקט שוין גישט די ציין, ער ווערט זיך שוין נישט. מיט אַ ווילדקייט פאַרוואַרפט ער די הענט אויף דער ברוסט און אַ שמייכל באַזעצט זיך אויף זיינע ליפּן. אַ מעלאַנכאָלישער, טרויע־ריקער שמייכל. ער שאָקלט מיטן קאָפּ. פּלוצעם פילט ער, ווי ער וואַקסט, ווערט העכער, הייבט זיך העכער, העכער... מיט אַ פאַטערלעך פאַרשטענ־דעניש קוקט ער אַראָפּ, ווי די צוויי קינדער שלאָגן זיך... ווי זי וויינט, די נשמה אין די נעגל פון דער ווילדער, צעבריקעטער חיה. אָרעמע נשמה... אַ טרויעריקער שמייכל פון וויסן. דאָס אָרעמע שטיקל לייב...

ער איז שוין ווייט דערפון, צווישן די שוועבנדיקע, בלויע האָ־ריזאָנטן, און טיפער איינזאַמקייט פון איבערוועלטן...

ניי־יאָר־נאַכט

.1

דער מאָלער קאַמייקאָ האָט געהאַט זיין סטודיאָ אין אַ מעבלירט צימער אין אַן אַלט, אָפּגעלאָזן הויז אויף דער זיבעצנטער גאַס. די באַלעבאָסטע, אַ שלאַבערדיקע גרויהאָריקע דייטשקע, האָט געהאַלטן דאָס הויז ריין, אַרומגעגאַנגען שטענדיק מיט אַ בעזעם אין האַנט. אָבער פון הויז האָט זיך געטראָגן אַ ריח ווי אַן אַלט פעסל קרויט וואָלט ערגעץ געאַוועדט... די לאָקאַטאָרן האָבן זיך כסדר באַקלאָגט אויף וואַנצן, אויף נישט גענוג הייס וואַסער, אויף קעלט... אָבער די דייטשקע האָט אַלץ געלייקנט, פאַרשרויפט דאָס מיילעכל און שאַרף אָנגעקוקט ווי איינער רעדט: קיינער הייסט דיר נישט שטיין דאָ... באַקלאָגט האָבן זיך נאָר די ניי־אַריינגעקומענע. די, וואָס האָבן דאָ שוין לענגער געוווינט, האָבן מיט דער אַלטער דייטשקע נישט גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן, נישט געוואָלט פטרן קיין צייט אויף אומזיסטיקע רייד און ס׳איז געווען אַ סכנה, אַז ווען זי האָט זיך צעלאָזן, האָט מען זיך נישט געקאָנט פון איר אָפּטשעפּען...

קאַמייקאָס סטודיאָ איז געווען לאַנג און שמאָל. ס׳איז באמת געווען אַ העלפט פון אַ צימער. ווען מען האָט פון דעם הויז געמאַכט אַ מעבלירט צימער־הויז, האָט מען די פּראַנטאַווע סאַליע אויפן ערשטן גאָרן צעטיילט מיט אַ ווענטל און ס׳איז געוואָרן צוויי צימערן. איז דעם מאָלער טאַקע ענג. פאַר די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, איז קיין פּלאַץ נישטאָ. ס׳זעט אויס ווי אַ סקלאַד נישט ווי אַ וווינונג. אומעטום ביכער, לייוונטן, ראַמען פון בילדער און אַלערליי מכשירים. ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין גאַס (אַן אַנדער פענצטער האָט אַרויסגעקוקט אין קויטיקן, מיט אַלטע צייטונגען און ברוכוואַרג פאַרוואָרפענעם הויף) איז געשטאַנען אַ וואַקלדיק, קיילעכדיק טישל און אַ צעטרענצלט בענקל. אויפן טישל זענען געווען אָנגעהויפט פאַרמאַ־

לענע דיקע בויגנס, פאַרשטויבטע צייכנונגען, פענדזלען, בלייערס און פאַרבן. פון די ווינקלען און פון עטלעכע פאַרשטויבטע פאָליצעס האָבן אַפּערגעקוקט גיפּסענע און ליימענע סקולפּטורן. אויף די ווענט זענען גע־ווען צעהאָנגען געמעלן אין גרויס געדיכטעניש, ממש איינס אויפן אַנדערן... גאַנצע קופּעס נישט־גערעמטע בילדער האָבן זיך געבערגלט אין אַ ווינקל. אפילו די קושעטקע, אויף וועלכער דער מאָלער איז געשלאָפן, איז תמיד פאַרלייגט געווען מיט זאַכן, פאַר וועלכע ס'איז קיין אָרט נישטאָ ערגעץ אַנדערש.

דער מאָלער קאַמייקאָ, אַן אַלטער בחור איבער פערציק, מיט כאָטש ער קלאָגט כסדר און רעדט תמיד פון געפינען אַ גרעסערע און באַקוועמערע סטודיאָ, בלייבט עס ביים רעדן. ס'איז ביליק דאָ און ער האָט זיך שוין איינגעלעבט, כאָטש די אַלטע דייטשקע האָט מרעיש עולם געווען, וואָס ער האַלט נישט זיין פּלאַץ אין אָרדענונג.

— אַ כאָליערע אויף איר, — האָט דער מאָלער געשאָלטן, — ער מוז זיך געפינען אַ נייע דירה.

דער מאָלער קאַמייקאָ, אַן אַלטער בחור איבער פערציק, מיט אַ ביינערדיק פּנים און אַ גריוועס געדיכטע, שוואַרצע האָר, דורכגעוועבטע מיט גרויע פעדעם, האָט געלעבט אַן איינזאַם פרושדיק לעבן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מאָלעריי מיט אַ ברען פון אַ גלויביקן. דאָס איז ביי אים געווען אַן עבודה לשמה, אָבער דער שאָפּ האָט אים נישט איבערגעלאָזן קיין סך צייט צו מאָלן און ער האָט שטאַרק געליטן דערפון.

ער האָט געמאָלן ס'רוב בילדער פון דער אַמאָליקער היים אין פּוילן, ווייטע פאַרטרויערטע הימלען, נידעריקע דאָרפישע שטיבלעך, הימל און וואַלד און וועגן, וואָס לויפן אין די ווייטקייטן. אַ רעליגיעז־מיסטיש געפיל האָט אַרויסגעאָטעמט פון זיינע געמעלן. ער איז נישט איינמאָל אַנטלאָפן פון ניו־יאָרק, ווייל די ריזיק צעהודזשעטע שטאָט איז געווען דערווידער זיינע חושים, וואָס האָבן געגרייפט אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל און דאָרף, ווו ער איז אויסגעוואַקסן מיט די רחבותדיקע בלויע הימלען, מיט די פעל־דער און וועלדער. אָבער באַוויזן צו לעבן אויסער ניו־יאָרק, האָט ער נישט געקאָנט. דאָ האָט ער אַמאָל פאַרקויפט אַ בילד, געהאַט חיונה פון דער אַרבעט ביי „עמבראָידערי" (אויסהעפטעריי) וואָס ער האָט, נישט וועלנדיק הונגערן, זיך אויסגעלערנט.

אין אַ פֿרײַען טאָג איז ער אַוועק מאָלן אױסער דער שטאָט באַ־לאָדן מיט אַ קעסטל מכשירים. אָנגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע פֿון דער הױכבאַן, האָט ער זיך פֿאַרנומען אױף זײַטיקע װעגלעך, געטאָפּטשעט איבער פּוסטע פֿעלדער, פֿאַרװאַקסענע מיט שטעכיקע קוסטעס, פֿאַרװאָר־פֿענע מיט ברוכװאַרג און שטײנער, ביז ער איז אַרױסגעקומען אױף אַ גוט אױסגעטראָטענער סטעזשקע, װאָס האָט אַרױסגעליכטיקט צװישן קוסטעס און װעלדלעך.

ער האָט זײער ליב געהאַט די סטעזשקע, װאָס איז געלאָפֿן צו אַ װײַטן װאַסער־רעזערװואַר.

װען דער מאָלער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל װעג, האָט ער דערפֿילט גוט אױפֿן האַרצן. דער קאָפּ האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿון די שװערע אײַנגעהױקערטע פּלײצעס, די שטילקײט איז געװען אַזױ נחתדיק־ליב נאָך דעם געפּילדער פֿון דער גרױסער שטאָט. די בלױע פֿאַרשלײערטע װײַטקײטן און די ריחות פֿון דער ערד און אַלץ װאָס ס׳װאַקסט אױף איר, האָבן אין דעם געמיט פֿון מאָלער אױפֿגעװעקט אַ שטילע באַרױשט־קײט. זײַן טראָט איז געװאָרן לײַכטער, זײַנע אױגן האָבן זיך צעגליט.

ער איז געקראָכן דורך װעלדלעך, געדראַפּעט זיך אױף סקאַלעס, באַטראַכט די פֿורעמס און ליניעס, װאָס די שטאַמען און צװײַגן פֿון בײ־מער נעמען אָן אין זײער לופֿט אין דער הױך...

דוכט זיך — אַלע בײמער זענען די זעלבע, אָבער אין דער אמתן איז יעדער בױם אַנדערש, האָט עפּעס באַזונדערס, אײגנס אין זיך. אַ מאָל קלײַבן זיך עטלעכע בײמער צונױף אין אַ קלײנער גרופּע װי אַ משפּחה־קרײַזל. אַנדערע זענען שטאָלצע אינדיװידואַליסטן, אַזױנע אױס־געטאָקטע, גלײַך־געשטרעקטע, װי שפּיזן געװאָרפֿן אין די הימלען. אַנ־דערע זענען אױסגעבױגענע, צעקרימטע. דער מאָלער קוקט זיך אײַן, באַטראַכט, כאַפּט אױף דעם שפּיל פֿון ליכט אױף שטאַמען און צװײַגן. עס װעקן זיך אין אים רעגונגען און געפֿילן. ער װאַרט, ביז ער דער־שפּירט אַ חשק צו מאָלן, װי ער װאָלט אױפֿגעכאַפּט אַ דינע מעלאָדיע אין דעם שפּעדיקן שפּיל פֿון די אַלערלײ פֿאַרבן, ליניעס, ליכטפֿלעקן און שאָטנס. ער שטעלט אױף גיך זײַן קעסטל און װאַרפֿט האַסטיק פֿאַרבן אױף דעם שטיקל לײַװונט.

אַמאָל האָט דער מאָלער נישט געפֿונען װאָס צו מאָלן אָדער

ס'האָט זיך אים נישט געוואָלט מאָלן, האָט ער גלאַט אַרומגעוואַנדערט. ער האָט ליב געהאַט צו זינגען גייענדיק אין וועג. ער איז צוביסלעך אַריין אין אַ התלהבות, געזונגען מיט אַ ברען, אויף די העכסטע קולות, חסידישע ניגונים, אויסגעמישטע מיט פוילישע לידלעך, אָפּערע־אַריעס און פּיוט. זיין פאָטערס חסידישע התלהבות האָט זיך אין אים צעפלאַקערט.

2.

אַ נאַסער, קאַלטער ווינט האָט זיך געיאָגט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. אין אַזאַ נאַכט האָט אין מאָלערס סטודיאָ געבלאָזן פון אַלע ווינקעלעך. שטראָמען און שטראָמעלעך קעלט זענען געלאָפן איבער דער לענג פון שטוב, ווי אַן עלעקטרישער בלאָזער וואָלט געשטאַנען אין יעדן ווינקל. די ווינטערדיקע חדשים זענען פאַר דעם מאָלער געווען זייער שווערע. ער האָט געליטן פון רעוומאַטיזם אין די פיס און דאָס הויז איז געווען זייער ווייניק באַהייצט. ס'האָט געהייסן, אַז „סטים" איז דאָ פון 6 ביז 10 אָוונט, אָבער דאָס ביסל וואַרעמקייט — אויב ס'איז געווען — האָבן צוגווינטן אַרויסגעצויגן. דער מאָלער האָט זיך נישט געוואָלט צו־הערן צו די באַקלאָגענישן פון זיין גוף, ווייל ער האָט ליב געהאַט די התבודדות פון זיין שטיבל. ווען ער האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, איז ער אַראָפּגעלאָפן אין גאַס אָדער אַריין זיך דערוואַרעמען אין דעם דערבייאיקן „אָוטאָמאַט", וווּ ער האָט זיך מיט זיין טעפּל קאַווע פאַר־שטופּט צווישן דער געדיכטעניש ביי די טישלעך און געמאַכט צייכענונ־גען אין זיין נאָטיץ־ביכעלע...

אָבער היינט האָט זיך געהאַנדלט אין איבערוואַרטן אַ שעה־צוויי, ס'זאָל זיין שפּעט גענוג אַרויסצוגיין צו מעלניצערן, צו דער ניי־יאָר־סעודה, וואָס יענער גיט יעדעס יאָר אין זיין גרויסער סטודיאָ. קאַ־מייקאָ קריגט יעדעס יאָר אַ פאַרבעט־קאַרטל און ס'איז שוין ביי אים געוואָרן אַ מנהג צו גיין. ער האָט זיך געגאָלט, געוואַשן, אָנגעטוענער אין זיינע בעסטע מלבושים, האָט ער געשפּרייזט פון איין עק צימער אין צווייטן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן זיין לעצטע אַרבעט — אַ קוואַדראַטיק שטיקל לייוונט אויף אַ פאַרשטויבטן געשטעל, באַ־שמירט מיט פאַסן און פלעקן פון אַלערליי קאָלירן, מייסטנס טונקל גרויע

און ברוינע. אַז מ'האָט זיך איינגעקוקט מער, האָט מען געקאָנט זען עטלעכע בענק פון אַ פּאַרק און אַן אַלטע פרוי אויף איינער פון די בענק. דאָס בילד האָט דער מאָלער שוין עטלעכע מאָל איבערגעמאָלן און ס'איז אַלץ נישט אַרויסגעקומען וואָס ער האָט געוואָלט. דער געדאַנק פאַרן בילד האָט ער גענומען „פון לעבן". ווען ער איז פאַרביי־געגאַנגען דאָס קליינע פּאַרקל דאָ נישט ווייט, אויפן וועג אַהיים פון דער אַרבעט, איז אים אויפגעפאַלן אַ שיכורע אַלטע פרוי אין אָפּגע־טראָגענע, טרעמפּישע מלבושים מיט אַן אַלטמאָדיש היטעלע אויף צע־שויבערטע פאַטלעס גרויע האָר... זי האָט ברייט צעשפּרייט די פיס און מיט אַ שיכורלעכן שמייכל אויפגעכאַפּט דאָס ביסל וואַרעמקייט וואָס האָט זיך צו איר דורכגעזיפּט פון דער פאַרגייענדיקער זון.

דאָס קליינע פּאַרקל איז אַריינגערוקט צווישן גרויסשטאָטישע מויערן, נאָר פון איין זייט עפנט זיך אַ ביסל דער הימל איבער אַ נידע־ריק אַלטמאָדיש קירכעלע מיט צוויי פּירעקיקע טורעמלעך און פּיל־קאַלירי־קע פענצטערלעך אין אַריינגאַנג־טויער. דאָס אַלטע קלויסטערל האָט געאָ־טעמט מיט אָוונטיקער שלווה. די אַלטע שיכורטע האָט געשלוקערצט און צו־געשמייכלט צו עפּעס אַ געדאַנק אירן. צווישן די בענק פון דעם פּאַרקל האָבן קינדער געטומלט, געשטערט די אַלטע לייט, וואָס האָבן באַזעצט די בענק און גערוט מיט פּוסט־פאַרטראַכטע אויגן. דער מאָלער האָט באַלד גענומען טראַכטן פון אַ בילד. די מכשפהדיק־צעשמייכלטע גרויע שיכורטע מיט די ברייט־צעעפנטע פיס איז די צענטראַלע פיגור. אַרום איר די זקנים מיט שאַרבנס, ווי פון בר־מינגס און דאָס ליאַרעמדיקע, צעיאָגטע יונגוואַרג און דאָס פאַרקאָפּטשעטע ביסל שקיעה־פלאַם, וואָס האָט דאָ געפונען אַ שטיקל פּלאַץ זיך אויסצושפּילן און אויסצולעשן — דאָס גאַנצע: אַ סימ־באָל פון דער צעריבנקייט און גייסטלאָזיקייט פון היינטיקן גרויסשטאָטישן מענטש, אויסגעדריקט דורך דעם אידיאָטישן געלעכטער פון דער אַלטער שיכורטע, אַ געלעכטער פון זינלאָזיקייט און פּוסטקייט און גראָטעסקן חוזק... דאָס בילד האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט שוין לאַנג געטראַכט וועגן אַ ניו־יאָרקער טעמע, וואָס זאָל זיין בכוח איבערצוגעבן, וואָס ער פילט דאָ וועגן לעבן און מענטש... ער האָט אויף דעם בילד אַ סך געאַרבעט. עטלעכע מאָל אָנגעהויבן, איבערגעמאָלן, אָבער ער איז אַלץ נישט געווען צופרידן. ס'טויג אויף כפּרות... אַ כאַליערע...

דער מאָלער האָט מיט פיינלעכער צערודערונג באַטראַכט דאָס בילד. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט פאַרמאַכטע אויגן אויף דער קאָר־שעטקע. אַ צעפייניקטער, מיט אַ צעקרימט פּנים האָט ער געפּרווט אַר־בערגיין אין געדאַנק, ווו עס שטעקט דער טעות, וואָס איז דער חסרון...

דערפילנדיק די קעלט אין די רעוומאַטישע פיס, האָט ער ווי־דער גענומען אַרומשפּרייזן איבער דעם ענגן שטיבל, אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ער האָט זיך איינגעהערט דורכן ווענטל צו זיין שכן, אַנגע־קלאַפּט, אפשר וועט ער אַריינגיין צו אים זיך אַנוואַרעמען. יענער האָט אַ טייער גאַז־אייוועלע, אָבער ס'איז דאָרט קיינער נישט געווען. ער האָט זיך גענומען גרייטן אַוועקצוגיין. ער האָט אָפּגערוקט דאָס געשטעל מיטן נייעם בילד אין אַ ווינקל, געפּרווט מאַכן אַ סדר אויפן טישל. ער האָט צורעכט געמאַכט די קושעטקע, אויסגעגליכן דעם אינדיאַנישן, געקעסטלטן צודעק, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט פון זיינע וואַנדערונגען איבער אַמעריקע. אָנגעטאָן אינעם מאַנטל, האָט ער פאַרלאָשן דאָס ליכט. ער איז נאָך עטלעכע רגעס געשטאַנען אויף דער שוועל אין דער פינצטער און געטראַכט פון דעם בילד, וואָס קומט נישט אַרויס ווי ער וויל און פון דער אַלטער מכשפה, וואָס קומט נישט אַרויס ווי ער זעט זי.

.3

די פּערצנטע גאַס איז געווען ליכטיק און פול מיט מענטשן, כאָטש דער ווינטערדיק־צעהוליעטער, בייסנדיקער ווינט האָט אונטער־געטריבן, געמאַכט שנעלער לויפן. פון קריסטמעס־צייט זענען פאַרבליבן ביי די זייטן פון דער גאַס בודקעס און געשטעלן מיט אַלערליי סחורות. די סוחרים האָבן געפּרווט צוציען דעם פאַרביילויפנדיקן עולם מיט זייערע ליאַרעמדיקע קולות, אויסלויבנדיק זייערע סחורות: האַלדז־שאַליקעס, זאָקן, קראַוואַטן, שפּילעכלעך... מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן, באַ־טאַפּן. קאַמייקאַ איז געבליבן שטיין ביי אַ וועגעלע מיט האַלדז־שאַליקעס. דער סוחר — אַ יונגער, קרעפטיקער בחורעץ — האָט אים דורכגענומען מיט שאַרפע ביטולדיקע בליקן. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז די שאַליקעס זענען פון אמתן זייד און פאַר אַזאַ זיידענעם שאַליק וואָלט ער געדאַרפט באַצאָלן עטלעכע מאָל אַזויפיל אויף דער פינפטער עוועניו. דער מאָלער האָט זיך

געלאָזט צורעדן, געקויפט אַ שאַליק, זיך איינגעוויקלט דעם האַלדז און הנאה געהאַט פון דער לאַשטשענדיקער וואַרעמקייט, וואָס ער האָט דערשפּירט. פּלוצעם איז די לופט פול געוואָרן מיט שניי, וואָס דער ווינט האָט אונטערגעטראָגן. קאַמייקאָן האָט דער ערשטער ניו־יאָרקער שניי, וואָס ווייזט זיך ערשט אַזוי שפּעט אין ווינטער, תמיד דערמאָנט די היימישע פּוילישע ווינטערס מיט די ברייטע שנייאיקע פּלאַכן און ער האָט ווידער דערפילט אַ בענקשאַפט צו דער שיינער וועלט פון זיינע יונגע יאָרן... כאָטש שוין אַזוי פיל יאָרן אין ניו־יאָרק, איז נאָך ביי אים געווען שטאַרק דאָס געפיל פון צעריסנקייט, פון זיין פאַרוואָרפן אין אַ פרעמדער וועלט. אַנדערע, אויך פרעמדע דאָ ווי ער, זענען פאַרכאַפּט פון דער נייער וועלט, דער וווּנדערשטאָט ניו־יאָרק, אָבער ער שטעקט מיט אַלע וואָרצלען אין דער היים, ווו ער איז אויסגעוואָקסן... און דערפאַר איז ער אויך אין זיין מאָלן אַן אַנדערער, אַ פרעמדער, אַ נישט־פאַרשטאַנענער....

ווען ער קאָן אין גאַנצן זיך אָפּגעבן מיט זיין אַרבעט — האָט דער מאָלער געטראַכט — ווען ער מוז נישט אַוועקגעבן אַזוי פיל צייט דעם שאַפּ... ער האָט אַזוי פיל צו זאָגן, אַזוי פיל אייגנס אַרויסצוברענגען... נישט אומזיסט האָבן זיי אַזוי ליב די גרויסע שטאָט — טראַכט ער מיט כעס און ביטול וועגן זיינע חברים־מאָלערס — זיי זענען קונצנמאַכערס וואָס זענען אויסן צו פאַרכאַפּן, פאַרבלענדן ס׳אויג... ס׳איז רעקלאַמע. קונצנמאַכערישע קאָזשעלקעס, גייסטלאָזיקייט. ס׳עקלט אים פון זייערע פּוסטע גייסטלאָזע מאַכערייקעס. ס׳איז די אויבערפלאַך... די היינטיקע מאָלעריי איז פאַרקראָכן אויף פאַלשע וועגן... קונסט דאַרף עפּעס זאָגן, זיין אַ רוף, אַ געשריי... אַ רוף צו דעם טיפסטן אין דער מענטשלעכער נשמה, אַ רוף צו מענטשלעכקייט, צו שיינקייט, צו גאָט... פון דעם קינסטלער דאַרף קומען דער רוף צו דערהויבונג, צו עקסטאַז, וואָס נעמט דורך ווי אַ פלאַם און לייזט אויס פון איינזאַמקייט, פון פאַרלוירנקייט. די פּוסטע אויפגעבלאָזענע שמירערס, וואָס הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס מאָלעריי איז... מ׳וועט נאָך קומען צו אים, דערפילן דעם אמת אין זיינע בילדער... ער דאַרף נישט זייער אָנערקענונג...

גייענדיק אַזוי איבער די גאַסן, געטרייסט פון זיינע חלומות און געדאַנקען, האָט זיך דער מאָלער דערפילט גוט. ס׳האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די מרה־שחורה און דער טרויער. ער האָט אונטערגעברומט אַ טראַ־

ציקן ניגון. פעסטער גלויבן אין זיין אַרבעט האָט אים אויפגעהויבן ווי אויף פליגלען.

.4

צוגעקומען צו מעלניצערס סטודיאָ, האָט ער זיך מישב געווען, אַז ס'איז נאָך צייט, ער וועט נישט פאַרשפעטיקן די פוסטע רייד, דעם טומל און די אָן־סופיקע דיסקוסיעס ביי אַזוינע מסיבות. ער האָט ליב דאָס אַרומגיין אין די שפעטע ביינאַכטיקע שעהן, ווען די געדאַנקען לויפן פריי, ווען ס'שטעלט זיך איין ווי אַ קעגנזייטיקע באַווירקונג צווישן אים און די גאַסן און מענטשן. ס'איז פאַראַן עפעס אַ גרויסע פאַסצינאַציע אין דעם אייביקן שטראָם און קאָך פון דער ניו־יאָרקער גאַס. ער ווערט אַריינגע־צויגן מיט כוח אין דעם רוישיקן שטראָם...

ער מוז מאַכן שלום מיט דער נייער וועלט, — טענהט מיט זיך איין דער מאָלער — ס'דאָ אַ גרויסע שיינקייט, אַ גראַנדיעזער אויפברויז אין מאָדערנעם קאָלאָס, ניו־יאָרק. פאַרוואָס זיך ראַיען כסדר אין שפינוועבס פון אַמאָל? פאַרוואָס נישט דערהערן דאָס נייע לעבן? אַפּוואַרפן דעם טרויער! ס'פעלט פרייד... קונסט קאָן נישט זיין אָן פרייד... שאַפן איז באַגייסטערונג, התלהבות. וויפל לעבנס־פרייד איז געווען אין זיין פאָ־טערס חסידישן געזאַנג... נישט אַנטלויפן פון מענטש, נאָר זען גאָט אין מענטש. ער האָט ליב די מעשה מיט דעם בעל־עגלה וואָס דינט גאָט מיט אַ פייף... אין זיין טאַטנס חסידישער שטוב איז געווען פרייד און ליב־שאַפט צום מענטש. אין אים זיצן צוויי מענטשן. איינער ווען ס'ציט צו פשוטער ערדישער לעבנס־פרייד, און אַ צווייטער, וואָס שטייט פון דער ווייטן, קוקט זיך צו און משפט, ווי ער וואָלט זיין דער באַטייליקטער און דער דרויסנדיקער צוקוקער. ער האָט תמיד געליטן פון דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט מיט אַלע חושים זיך פרייען מיטן לעבן. ער טראַכט פון וואַן־גאָג, ווען ער פּאַרבן עס ברענען מיט פייער־פלאַמען; פון שאַגאַלס פרומע יידישע שטיבלעך און פליענדיקע כלות און ציגעלעך. זיינע אייגענע ביל־דער — טאַטשעט אים אַ געדאַנק — זענען מעלאַנכאָליש, פול מיט אומעט. ווו איז געזאַנג, פלאַם?

5

מעלניצערס סטודיאָ, נישט ווייט פון באָהעמיאַנישן „ווילעדזש", האָט פאַרנומען דעם גאַנצן אייבערשטן שטאָק פון אַ ברוין־ציגלדיקער,

פּאַרסאַזשעטער געביידע, וואָס האָט געהודזשעט אַ גאַנצן טאָג מיט אַר־בעט פון שפּער און וואַרשטאַטן. דעם אייבערשטן שטאָק, ווו ס׳איז אַמאָל אויך געווען אַ שאַפּ (און אַ לאַנגע צייט נישט געפונען קיין בעלן) האָט מעלניצער פאַרוואַנדלט אין אַ סטודיאָ. ער האָט דעם ריזיקן חלל מיט די פאַרקאָפּטשעטע, אָפּגעקרישלטע ווענט, מיט אַ נידעריקן באַלקן, וואָס איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט עטלעכע קוואַדראַטיקע קאָלומנעס, געשייערט, געקאַלכט, געפּוצט, באַהאַנגען מיט בילדער, צעטיילט דעם ריזיקן זאַל מיט ווענטלעך, צעשטעלט קריגלעך, וואַזעס, סקולפּטורן. ביז ס׳איז געוואָרן אַ סטודיאָ און אַ וווינונג.

מעלניצער האָט ליב געהאַט צו געבן „פּאַרטיס״. זיינע ניי־יאָר־שמחות זענען געווען אַ שם־דבר אין ניו־יאָרק. מ׳האָט דאָרט געקאָנט טרעפן יידישע קינסטלער. באַרימקייטן — און אַמאַטאָרן, באַהעמען און נאַכשלעפּערס.

אין צוגרייטן אַ ניי־יאָר־שמחה האָט מעלניצער אַ סך אַרבעט אַריינ־געלייגט. ער האָט פאַרצויגן קרענצלעך עלעקטרישע לעמפּלעך און כינע־זישע לאַמטערנעס איבער די חושכדיקע צעלאָמטע שטיגן; געשלעפּט פון דערבייאיקע סטודיאָס בענקלעך, געשיר. ר׳האָט פון דער גאַס אַרויפגעשלעפּט קעסטלעך און ברעטלעך און אויסגעמייסטערט בענק און בענקלעך. מ׳האָט געשייערט די פּאָדלאָגעס, געטראָגן פלעשער משקה, געגרייט סענדוויטשעס.

צו דער ניי־יאָר־שמחה דאָס מאָל איז געקומען נאָך אַ גרעסערער עולם ווי תמיד. ס׳איז געווען אַ טאָפּלטע שמחה. אַ גאַלעריע האָט גע־קויפט מעלניצערס אַ בילד. די טישן זענען געווען פאַרלייגט מיט פלע־שער משקה, מיט פרוכט. אַ נישט יונג רוסיש־אויסזעענדיק מיידל, מיט פאַרלייגטע צעפּ אַרום קאָפּ, האָט געצימבלט איבער די קלאַווישן פון אַ צעשרויפטער פּיאַנע. אַ גראַמאָפאָן איז געשטאַנען אויף אַ טאַבורעטקע מיט אַ גרויסער טרובע. ווען מ׳האָט געוואָלט טאַנצן, האָט מען אַריינ־געשטעלט פּליטן און ס׳האָט אַ הילך געטאָן איבערן עולם גרילצנדיקע טאַנץ־מוזיק: דער פּאָפּולערער „דזשעז״ פון דער צייט. מעלניצער האָט אַרומגעפּאַדעט, צוגעזען מען זאָל זיך משמח זיין, באַגריסט, צונויפגע־פירט מענטשן געבעטן מ׳זאָל עסן, טרינקען, הנאה האָבן. ער איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, געווען אומעטום.

די פעטלעכע דאַמע אין שוואַרצן לאַנגן קלייד מיט אַ בלומיק פאַרביקן שאַל אויף די פּלייצעס, מאַדאַם ראַכיל, מעלניצער׳ס פרוי, האָט זיך געהאַלטן רעזערווירט, אַריסטאָקראַטיש, זיך זעלטן אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ, פאַרהאַלטן אַרום זיך די געסט, וואָס זענען זי געקומען באַגריסן, צו־געהערט זיך צו די דיסקוסיעס און רייד מיט אַ צוגעקלעפּטן שמייכל. אַ פּענ־סנע אויף אַ שוואַרץ קייטעלע איז געהאַנגען אויף איר פולער ברוסט, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ דורכזיכטיקן שפּינוועביקן מאַטעריאַל און זיך איינגענעסטלט אין דעם טיפן קאַרב צווישן אירע שטאַרק איינגעפּרעסטע איבערגעקוואָלענע בריסטן. אירע פיס זענען געווען דיקע און דער אונטערש־טער טייל פון איר קערפּער ברייט. זי האָט פאַרשפּרייט אַ שטאַרקן ריח פון פּיזעם. זי האָט גערייכערט סיגאַרעטלעך אין אַ לאַנגן מונדשטוק. ווען מעלניצער האָט זיך באַוויזן לעבן איר אויף אַ ווייל, האָט זי געזאָגט: „זעץ זיך צו אַ רגע, ווערסט זיך אַרויסשלאָגן פון די כוחות״... ער האָט עס אָוועק־געמאַכט מיט דער האַנט, געזאָגט אין אַ טאָן וואָס האָט ווי אָפּגעחוזקט: „דו אַמוזירסט זיך, טייערינקע״? פון זיינע אומרויק־אַרומלויפנדיקע אויגן האָט מען נישט געוווסט צי שמייכלט ער צו ראַכילען, צי לאַכט ער פון איר... זיינע פאַרשפּיצטע וואָנסעס זענען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ. ער האָט זיך אָוועקגעיאָגט, ווי אויס מורא, זי זאָל אים נישט פאַרהאַלטן.

ער איז געווען אַ גוט געבויטער מאַן מיט אַ שיינעם קאָפּ פענ־שוואַרצע האָר און אַ טונקל סעמיטיש פּנים. די אויגן — שאַרפע, אַגרע־סיווע מיט אַ נייגונג צו שפּאָט; די וואָנסעס — דיקע, שוואַרצע, פאַר־שפּיצטע אַרויפצוצו. ער איז געווען אַ העברעישער לערער אין די ערשטע „גרינע״ יאָרן, געווען אַ גוטער, אַמוזירנדיקער שמועסער מיט אַ שאַרפער צונג. פרויען האָבן צו אים געקלעפּט. רכילותניקעס האָבן געזאָגט, אַז ער האָט ראַכילן גענומען צוליב געלט. ראַכיל איז געווען די באַלעבאָסטע פון אַ בעסערן סאָרט קאָרסעטן־געשעפט.

מעלניצער האָט געקענט די גאַנצע קינסטלערישע וועלט, די סוחרים, קאָלעקטאָרן און גאַלעריע־אייגנטימערס. ער אַליין האָט אונטערגעהאַנדלט מיט קונסט, געגאָלטן פאַר אַ קונסט־מבין און אַרומגעדרייט זיך צווישן קונסט־און אַנטיק־סוחרים.

צו מעלניצערן זענען אַריינגעקומען יידישע מאָלערס, פאַר וועמען די אַמעריקאַנער סביבה איז נאָך געווען פרעמד. דאָ האָט מען זיך צוזאַ־

מענגעטראָפן מיט יידישע שרייבערס, מיט יידיש און רוסיש־רעדנדיקער היימישער אינטעליגענץ. דאָ האָט דער געוועזענער העברעישער לערער געקאָנט שיינען מיט אַ פסוק, מיט אַ יידיש ווערטל. מעלניצער האָט ליב געהאַט מקרב צו זיין די יונגע, ערשט פון די היימישע שטעטלעך אָנגעקומענע מאָלערס. ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן, אַז די אַמאָליקע ישיבה־בחורים האָבן זיך גענומען מאָלן — צו להכעיס יעהאָוואַן, וואָס האָט באַפוילן „לא תעשה לך פסל" — און ווי די היימישע בחורימלעך, וועמען ער האָט געהאָלפן אַרויספירן אויף אַ וועג, געהאָלפן מיט אַ שטיקל ברויט, ווען זיי האָבן געהונגערט, האָבן אים אָפּגעצאָלט שפּעטער מיט שטיינער... שאַרפע קעפּלעך, טאַלאַנט, אָבער עטיק? — דאָס זוכט נישט ביי יידן — האָט ער אויסגעפירט מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע, מיט גרויס הנאה פון זיין אייגענער חכמה...

.6

ווען דער מאָלער קאַמייקאָ איז אַרויפגעקומען אַ מידער נאָכן אויסשפּאַנען אָן אַ שיעור גאַסן, איז די קרעטשמע — ווי ער האָט גערופן מעלניצערס סטודיאָ — געווען איבערגעפּאַקט. ער האָט זיך געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג דורך טאַנצנדיקע, צעהוליעטע חברה, דורך קריזלעך, פּאַרטיפּטע אין הייסע דיסקוסיעס, וווּ אַלע האָבן גערעדט, געפּלאַמט און נישט געהערט, וואָס דער צווייטער זאָגט. דער רויך פון פּאַפּיראָסן האָט איינגעהילט אַלעמען ווי אין אַ נעפּל. ווען יונגע טאַנצנדיקע בחורים און מיידלעך האָבן זיך צעיאָגט אין אַ טאַנץ, זענען זיי געלאָפן פון איין עק זאַל אין צווייטן אין צעברויזטע דזשעזישע קאַראַהאָדן. פאַר אַ סך פון דעם גרינגעם עולם איז דאָס געווען עפּעס פרעמדס און מ'האָט זיך אויסגעשטעלט אַרום די טענצערס — פאַרגאַפטע צוקוקערס.

קאַמייקאָ האָט זיך אין דער ערשטער רגע דערשראָקן, צי ער האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ פרעמדער שמחה, אַזוי פרעמד האָט זיך אים דאָס אַלץ אויסגעזען. ער האָט אָבער באַלד דערקענט אַ סך פון די מענטשן און מעלניצער איז אַרויסגעשוווּמען פון נעפּל, אים אַרומגעכאַפּט מיט אַ פריילעך איראָנישן „שלום עליכם". מעלניצער האָט געפילט אַ ליבשאַפט געמישט מיט איראָניע צו דעם קליינשטעטלדיקן ערנסט־פאַרשוויגענעם,

אָפּגעזונדערטן קאַמייקאָן. ער האָט מיט אים גערעדט יידיש, געמישט מיט פסוקים, אָנגעוויזן אויף די „באַרימטקייטן" וואָס זענען געווען אַרומגע־רינגלט פון אַ יונגן עולם. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט זיין געוויינלעך־איראָנישן שמייכעלע: „הוה משתתח בעפר של תלמידי חכמים" — און געזען ווי קאַמייקאָ האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט אים צוגעפירט אין אַ זייטיק ווינקל און אָנגעוויזן אויף זיינע לעצטע בילדער. ער האָט אַוועק־געשטופּט אָן צערעמאָניעס עטלעכע מענטשן און אַוועקגעשטעלט קאַ־מייקאָן אין דער ריכטיקער דיסטאַנץ, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווען קאַמייקאָ האָט קריטיקירט, און זיינע אויגן האָבן זיך צע־פינקלט, ווען קאַמייקאָ האָט געלויבט. קאַמייקאָן זענען אַ סך פון די פּרי־מיטיווע, דילעטאַנטישע אָבער נאַטור־געטרייע היימישע פּייזאַזשן פונעם געוועזענעם העברעישן לערער געפעלן, נישט קוקנדיק אויף אַלע זייערע חסרונות. אויס דאַנקבאַרקייט האָט מעלניצער צוגעזאָגט קאַמייקאָן צו העלפן אים מיט אַראַנזשירן אַ סאָלאָ־אויסשטעלונג. קאַמייקאָ האָט עס אַוועק־געמאַכט מיט דער האַנט. מעלניצער האָט אַ צי געטאָן קאַמייקאָן צו באַ־גריסן זיך מיט ראַכילן.

ראַכיל האָט זיך מיט קאַמייקאָן וואַרעם באַגריסט. ער האָט איר געגעבן אַ געלעגנהייט אויפצודעקן אַ טייל פון איר כאַראַקטער, וואָס איז געווען געוויינלעך פאַרדעקט: די מאַמע — ווייבעריש־באַשיצנדיקע... זי האָט צו אים גערעדט וועגן נאַטירלעכע פּשוטע זאַכן אָן דעם אָנשטעל און אָן דער מאַסקע, וואָס זי האָט זיך דאָ אַזוי אָפט אָנגעטאָן. זי האָט געפרעגט: האָט ער אַרבעט? שפּאָרט ער געלט? און צי זיין רעוומאַ־טיזם מוטשעט אים. זי האָט אים אפילו געוואָלט פאַרשדכענען, געגעבן אָנצוהערן, אַז אַ ווויל היימיש מיידל, אַזאַ וואָס וועט וויסן ווי אָפּצור־שאַצן אים און פּילנעווען, וואָלט געווען זייער גוט פאַר אים...

קאַמייקאָ האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם, צוגעקוקט זיך צו די טענצערס, אָפּגעשטעלט זיך לעבן די דיסקוטירנדיקע קרייזלעך און זיך אַריינגעמישט אין די דיסקוסיעס. ער האָט זיך וואַרעם באַגריסט מיט צוויי ברידער מאָלערס — זין פון אַ העברעישן שרייבער,ביידע שטילע, באַשיידענע, טאַלאַנטירטע מענטשן, אָנערקענטע אין דער קונסט־וועלט. אַרום זיי האָט זיך געפירט אַ לעבעדיקע דיסקוסיע וועגן פּיקאַסאָן און

קוביזם. אַ יונגער, ערשט פון פּוילן אַריבערגעקומענער מאָלער מיט גע־קרייזלטע געל־בלאָנדע האָר, האָט פּונקט נאָך פּונקט צעגלידערט די טע־אָריע אַרום פּיקאַסאָס קונסט, מיט דער סאַמע געלערנטסטער, און טעכני־שער טערמינאָלאָגיע, ער האָט געברענט בעתן רעדן, ווי אַ היימישער ישיבה־בחור ביי אַן עלוישער דרשה...

נאָך אַ ווייל צוהערן זיך האָט קאַמייקאָ דערפילט אַ שווערקייט און אַ לאַנגווייל. ס'איז אים געוואָרן דערווידער דער געפילדער, די שטור־פּעניש און דער ליאַרעם. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אַ מרה־שחורהדיקער. די רעיונות האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין דער אַלטער פּוי־לישער שטאָט קראָקע, וווהין ער איז אָנגעקומען אַמאָל פון קליינעם שטעטל לערנען זיך אין אַ קונסט־שול. דאָס זענען געווען די שענסטע יאָרן אין זיין לעבן. דער ליאַרעמדיקער, טאַנצנדיקער עולם האָט אים דערמאָנט אין די קינסטלער־בעלער אין דער שיינער פּוילישער שטאָט און פאַרוועבט אים אין זכרונות.

זיין וואַנדערנדיק אויג האָט אַ צאַפּל געטאָן: — „חנה", — האָבן זיינע ליפּן מעכאַניש אַ שעפּטשע געטאָן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם אַזוי גוט באַקאַנטן פּנים. זי איז ווידער אין ניו־יאָרק. אַי, ווי זי האָט זיך געביטן! ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיין ווינקל ווי ער וואָלט געוואָלט בלייבן אומבאַמערקט. ער האָט מיט וווּנדער זיך איינ־געקוקט אין דעם געביטענעם, ממש־שאָקירנדיקן, אויסדרוק אויף חנהס פּנים. אַזאַ נייע, פרעמדע חנה במקום פון דער אַמאָליקער יונגער חנה! אַ פאַרוועלקטע, אָפּגעלעבטע מידע פרוי. און דער קוק פון אירע אויגן גאָט מיינער!...

ס'האָט קאַמייקאָן אַזש פאַרכאַפּט ביים האַרצן ווען ער האָט דערפילט און פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון דעם בליק אין איר מיד־געעלטערט פּנים. די פרוי האָט אַמאָל אַזוי פיל געמיינט פאַר אים. גאָט מיינער! וואָס איז געוואָרן פון חנהן? וואָס די יאָרן האָבן פון איר גע־מאַכט! ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם בילד, וואָס איז אויפגע־שפּרונגען אין זיין מוח — די צעפּאַטעלטע שיכורטע אין פּאַרק — וואָס ער מאָלט איצט. (דאָס בילד לאָזט אים נישט צו רו!) חנה איז זיך דאָך צעגאַנגען מיטן סקולפּטאָר לעווין, געווען אין באָסטאָן שוין יאָרן. אַזוי האָט ער געהערט... וואָס טוט זי דאָ?

קאַמייקאַ האָט געוואָלט אַרויסשאַרן זיך, אָבער ס׳איז אים נישט געראָטן. חנה האָט אים דערזען און זי איז צוגעקומען צו אים.

זי האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט: איז עס נישט מאָדנע, כ׳קום ערשט צוריק פון באָסטאָן... כסדר געטראַכט פון אייך... וואָס זשע מאַכט איר, קאַמייקאַ, מיין פריינד? אירע אויגן האָבן געגנישטערט, עפּעס געזוכט אין קאַמייקאַס בליק. זי האָט געפיבערט, גערעדט אַ סך, געוואָלט טאַנצן. אין אירע אויגן האָט אויפגעפלאַמט דער גלאַנץ פון אַמאָליקע יאָרן. קאַמייקאַ האָט דערפילט עפּעס פון דער אַמאָליקער גערירטקייט, דערזעענדיק די דינע הויט אויף אירע שלייפן, דעם שאַרפן אויסבויג פון נאַקן מיט די אַרויפּפאַרקעמטע רויטע, פאַרבליאַקעוועטע האָר, די בלווילעכע אָדערלעך אויף איר הויט, די ראַפינירטע דעליקאַטקייט, די שפּרענקעלעך אויף דעם צעפּאַלדעוועטן, צעקריצטן פּנים, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ כוח אים צו רירן, אָבער ס׳לאָזט נישט צורו דער ציניש־אַנטוישטער קוק, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט. ווידער מישט זיך עס אויס מיט דער דערמאָנונג פון דער אַלטער שיכורטע אין פּאַרק. אָן אַפּסעסיע פּשוט. אַ כאַליערע! וואָס טוט מען מיט איר איצט? ס׳בעסטע: אַרויסדרייען זיך, פאַרשווינדן „פאַ־אַנגעלסקו״, אָן אַ זיי געזונט...

7.

חנהן האָט קאַמייקאַ באַגעגנט, ווען זיי זענען ביידע נאָך געווען יונג, אין זיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. ער איז געווען אַ קונסט־לערער אין אַ קעמפּ. יוגנטלעך צעשטורעמט. געחלומט וועגן אַ גרויסער קינסטלערישער צוקונפט. חנה איז געווען פול מיט יונג לעבן, פול מיט אומרו, מיט גאַרעניש נאָך איבערלעבונגען. קאַמייקאַ האָט זי געפירט אויף לאַנגע שפּאַצירן איבער דאָרפישע וועגן און ער האָט זי פאַרבעטן זי זאָל קומען באַקוקן די מאָלערייען אין זיין שטיבל: — וואָס טראַכט איר אַזוי פיל? — האָט זי געפרעגט. איר וועט צייט האָבן צו טראַכטן, ווען איר וועט ווערן אַלט... איר שווייגט צו פיל — האָט זיך חנה באַקלאָגט. ער האָט זיך דערמאָנט אין אירע ווערטער, ווען ער האָט נאָכן צוריקקומען קיין ניו־יאָרק, זי אַ סך מאָל אָפּגערופן, און זי האָט פאַר אים קיין צייט נישט געהאַט. ס׳איז קאַמייקאַן אָנגעקומען שווער צו פועלן ביי־

איר אַ באַגעגעניש. פון דעסטוועגן איז זי אַמאָל אַרײַנגעפאַלן אומפאַר־האָפט אין זײַן סטודיאָ, גערעדט אַ סך און גיך און מיט פלאַמיקע אויגן רעקלאַמירט, אַז ער וועט זײַן אַ גרויסער קינסטלער... אַז זי באַוווּנדערט אים... אַז זי איז שטאָלץ אויף זײַן פרײַנדשאַפט... זי פלעגט זיך פלוצעם באַווײַזן, אָבער די באַגעגענישן זענען געוואָרן זעלטן. קאַמייקאָ האָט שטאַרק געליטן. ער האָט זי נישט געקאָנט פאַרגעסן. ער האָט זיך גע־ראַנגלט מיט זיך און באַשלאָסן: מ׳דאַרף זיך אינגאַנצן אָפּגעבן מיט אַר־בעט... חוץ דעם איז אַלץ גאָרנישט ווערט... אַרבעט, אַרבעט... דערנאָך איז ער געוואָיר געוואָרן, אַז חנה האָט חתונה געהאַט. זיי האָבן ווידער אַ פּאָר מאָל זיך באַגעגנט. חנה האָט איצט גיכער זיך געוואָלט באַגעגע־נען מיט איר „פרײַנד״, ווי פאַר דער חתונה. זי האָט זיך פאַרטרויט פאַר אים: איר פאַרשטייט מיך, מײַן פרײַנד — האָט זי געזאָגט — איר זענט אַזאַ ווילער ... קאַמייקאָ האָט איר נישט דערציילט פון זײַנע יסורים. נאָך יעדער באַגעגעניש איז בײַ אים געבליבן אַ גרויסע הוילקייט און די איינזאַמקייט האָט זיך שווערער געלייגט אויף זײַנע פּלייצעס. דער־נאָך איז זיך חנה צעגאַנגען מיט איר מאַן. חנה האָט קאַמייקאָן אַלץ דער־ציילט וועגן אירע ליבע־אַנטוישונגען. דערציילט באריכות, וואָס עס האָט געפירט צו איר צעגיין זיך מיטן מאַן... ברוטאַל און מיאוס האָט דאָס אַלץ געקלונגען פאַר דעם סענסיטיוון, אָפּגעהיט־פּרושדיקן מאָלער...

ער האָט דערפילט אַן אָפּשטויס און אַן אַכפּערדיק געפיל צו זײַן אייגענער אָפּגעהיטקייט. אָט דאָס איז זי אין דער אמתן, די, וועגן וועלכער ער האָט אַזוי פיל געחלומט, צוליב וועמען ער האָט אַזוי פיל געליטן... אָבער ווען מ׳האָט זיך ווידער און אַ סך אָפטער געטראָפן, האָט זיך די איינגעדרימלטע ליבע בײַ קאַמייקאָן ווידער אויפגעוועקט. חנה האָט אַ שטיקל צייט צוגעלאָזן זײַן טיפע איבערגעגעבנקייט. זי האָט גענומען אַ וואַרעמען אָנטייל אין זײַן לעבן. דער מאָלער האָט געפילט פרייד און דער־הויבונג. קיין שום פּרווי האָט אים אַזוי טיף נישט באַרירט. אָבער די ווונד, וואָס ער האָט באַקומען, האָט זיך נישט אַזוי לײַכט פאַרהיילט. און ס׳איז אים שווער געווען אַרויסצוקריכן פון די פאַרפלאָנטערטקייטן, פון די גריב־לערישע ראַנגלענישן מיט זיך... ער האָט ליב געהאַט זײַן איינזאַמקייט און זיך געשראָקן צי זײַן אַרבעט וועט נישט לײַדן... חנה האָט אים נישט געגעבן קיין סך צייט צו טראַכטן. זי איז באַלד פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין

אַן אַנדערער ליבע און קאַמייקאַ האָט איצט ווידער געליטן, כאָטש נישט אַזוי לאַנג און נישט אַזוי טיף ווי ס'ערשטע מאָל. ער איז טיפער פאַרזונקען אין איינזאַמקייט, אין אָפּגעזונדערטקייט... ער האָט געאַרבעט מיט גרויס עקשנות, געלעבט אַסקעטיש, אכזריותדיק צו זיך. ער האָט מער און מער פּיינט באַקומען די גרויסע שטאָט מיט איר רעש און געדיכטעניש, און געחלומט פון דאָרפישער שטילקייט און רויקייט. ער האָט אויף חנהן נישט געהאַט קיין בייז האַרץ. זי איז געווען די איינציקע פרוי, וואָס האָט אים פאַרשטאַנען, מיט וועמען זיין גורל האָט זיך פאַרפלאָכטן. זי האָט אים געשריבן, זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער איז איר איינציקער פריינד.

און אָט נאָך אַזוי פיל יאָרן טרעפט מען זיך ווידער...

דאָ, ביי מעלניצערן, האָט קאַמייקאַ באַמערקט אַז חנה איז פולער, ברייטער געוואָרן, אַז איר פנים האָט פאַרלוירן דעם אַמאָליקן יוגנט־גלאַנץ און איז פאַרקריצט מיט מידקייט און זאָרג. די יאָרן האָבן געטאָן זייער אַרבעט... אָבער ס'איז חנה! נאָר חנה קאָן אַרויסרופן ביי אים אַזאַ אויפרודערונג. ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט, אַ רחמנות צו איר. זי האָט אויסגעזען געבראָכן.

חנה האָט געבעטן דעם מאָלער, ער זאָל איר עפּעס ברענגען צום טרינקען.

אין דעם קליינעם זייטיקן חדרל, וואָס איז געווען מעלניצערס שלאָף־צימער און קיך, איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ מיט אויסגעשטרעקטע גלעזער אין די הענט. אויף אַ בענקל איז געשטאַנען אַ מיידל אין אַ באַפלעקטן קיטל, וואָס מאָלערס נוצן ביים מאָלן, געשעפּט מיט אַ גרויסן קאָכלעפל פון אַ קאָן און אָנגעפילט די גלעזער. דאָס מיידל האָט נישט געקאָנט זיין מער ווי פופצן יאָר. אַ פרישׁ, קינדיש פנים. זי איז געווען פאַרפלאַמט און געשריגן קוויטשעדיק:

„געט די העל אוט אָוו היר"... (גייט צום טייוועל, אַרויס פון דאַנעט!).

ווען קאַמייקאַ האָט זיך מיט גרויס מי צוגעשלאָגן צו חנהן מיט אַ גלאָז „פּאַנטש" אין האַנט, האָט ער זי געפונען צווישן אַ גרופּע באַקאַנטע. קאַמייקאַ האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אַ מאָלער אין אַ דיסקוסיע וועגן קינסטלערישע ענינים, ביז חנה האָט אים געבעטן ער זאָל טאַנצן מיט איר...

נייע מענטשן זענען כסדר צוגעקומען. אין דער גרויסער סטודיאָ איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און טומלדיקער. אַ וואָלקן פּאַפּיראָסן־רויך איז געשטאַנען איבער די קעפּ... אַרום מיטנאַכט, נאָך דעם ווי מען האָט שוין באַגריסט דאָס נייע יאָר מיט אַ גרויסן ליאַרעם, (ווי עס פּירט זיך) האָט זיך אַריינגעריסן אין זאַל אַ חברה בחורים און מיידלעך. זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען שטאַרק שיכור, אַז זיי פאַלן פון די פיס. אין מיטן טאַנצן האָט קאַמייקאָ פלוצעם דערפילט, אַז חנה וואַקלט זיך, ווערט אים שווער און — זי איז אַוועקגעפאַלן אַ געחלשטע אויפן דיל. דאָס טאַנצן האָט זיך אָפּגעשטעלט. מ׳האָט געגומען שרייען, אַז מ׳זאָל זיך נישט שטופּן, געבן דער געחלשטער לופט. מ׳האָט זי אויפגעהויבן און זי צוגעטראָגן צו אַן אָפן פענצטער. אַ ביסל שפּעטער איז זי צוגעקומען צו קאַמייקאָן און געזאָגט, אַז זי גייט אַהיים, אַז פון דער היץ האָט זי געקראָגן אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל זי אָפּפירן אַהיים.

8.

די גאַסן זענען געווען פּוסט און קאַלט. חנה האָט זיך אָנגעהאַלטן אין קאַמייקאָס אָרעם. זי האָט געוואָלט גיין צופוס אַהיים. זי האָט געזאָגט, אַז זי וווינט נישט ווייט און דער שפּאַציר וועט פאַר איר זיין גוט.

אויף אַ לעבעדיקער גאַס האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַהיימגייער פון ניי־יאָר־שמחות. בחורים און מיידלעך מיט פּאַיאַצישע פּאַפּירענע מיצלעך אויף די קעפּ האָבן געגראַגערט און געטרומייטערט. ביי קאַמייקאָן האָט זיך אויפגעוועקט אַ געפיל פון נישט רעאַלקייט, פון גראָטעסק. ס׳איז אַלץ נישט רעאַל — ווי אַ שפּיל. ווי אַ שטיק פון זיין לעבן וואָס איז פלוצעם אַרויסגעשווומען פון פאַרבאָרגענישן אין דער געשטאַלט פון דער פרוי ביי זיין זייט, וואָס האַלט זיך אַזוי צוגעדריקט צו זיין אָרעם. וואָס וויל זי פון אים? ווייניק פּיין אים געגעבן? ער איז ווידער אַזוי אויפגערודערט. ער וועט נישט קאָנען אַרבעטן. בעסער זאָל זי בלייבן ווייט און פרעמד. איר זייט אַ ווילער, אַ גוטער, נישט ווי די אַנדערע... גוט, גוט, זאָל זי אים לאָזן געמאַך. אָט רעדט זי שוין אַזוי צוגעלאָזן, דערציילט וועגן איר לעבן אין באָסטאָן, ווי זי האָט געבענקט נאָך ניו־יאָרק. ניו־יאָרק איז די איינציקע שטאָט אין דער וועלט... גוט,

גוט, זייער פיין. ער זעט ווידער איר אַנטוישטן, ציניש בליק וואָס האָט אַזוי שאָקירט. ווי גוט ער קען שוין דאָס אַלץ. ווען ס'איז איר נישט גוט, קומט זי צו אים.

— אַ כאָלערע — זאָגט ער פּלוצעם.

— וואָס איז, קאַמייקאָ?

— ס'מיין רעוומאַטיזם. ס'האָט אַ צופּ געטאָן. נאָך וואָס שלעפּט ער זיך אַרום ביינאַכט צו „פּאַרטיס"? פלאַפל, פלאַפל. קובן, פלאַכן, פענדזל־אַרבעט, אַ כאָליערע אויף זיי, פּוסטע פּלוידעריי, אַז ס'איבלט...

— דער זעלבער קאַמייקאָ — זאָגט חנה — נישט געביטן זיך אויף אַ האָר. איר מאָלט אַ סך?

— עט... — קאַמייקאָ נעמט דערציילן וועגן זיינע צרות מיט דער באַלעבאָסטע, ווי ערליידט פון קעלט. פון די צוגן, וואָס ציען אַרויס ס'ביסל וואַרעמקייט פון שטיבל און ווי ענג ס'איז אים... אַז ער קאָן קיין זאַך נישט געפינען, ווי די דייטשקע דערגייט אים די יאָרן מיט איר אָרדענונג...

— איר ווינט נאָך אַלץ אין דער ענגער שטייג? פאַרוואָס ציט איר זיך נישט אַרויס?

— אָבער ווען האָט ער צייט... אַז ס'קומט צו זוכן, פאַרגייט אים דער חשק. הייב זיך אָן מיט די כאָלערעס, די לענדליידיס. די דייטשקע האָט ער אין דער אדמה. זי האָט מורא פאַר אים. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר האַלצשניטן. פּרימאַ. ער קלעפּט אַ סך. דאָס גיט אים אידעען. אָבער דער שאַפּ דערהרגעט אים. מעלניצער האָט פאַר אים שוין אַ סך מאָל גערעדט מיט אַ גאַלעריע וועגן אַן אויסשטעלונג, אָבער ווער האָט צייט צו מאַכן אויסשטעלונגען? ער האָט פיינט דעם גאַנצן האַנדל...

קאַמייקאָ האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט נאָך חנהן אין אַ קליינעם דאַכשטיבל — אַ פּיצל שטיבל מיט אַ קליינער קיך דערביי. אַ ברייט בעט מיט אַ קאָלירטן צודעק פאַרנעמט אַ העלפט דערפון. אַ פאַרטונקלט לעמפּל מיט אַן אויסגעשטריקט שירעמל פאַרוועבט דאָס שטיבל אין שאָטנס. מ'־אָטעמט אַריין אַ וואַרעמען פאַרפומירטן ריח. די וואַרעמקייט האָט דעם רעוומאַטישן מאָלער מחיהדיק אַרומגענומען. ווען מ'קומט איצט אַריין צו מיר קאָן מען פאַרפרוירן ווערן, טראַכט ער.

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט. אַ פרעמדקייט האָט פאַר־

קלעמט די ליפּן. קאַמייקאָ שפּרינגט אויף אַלע מאָל און שפּאַנט מיט גיכע טריט פון איין וואַנט צו דער אַנדערער.

— דער זעלבער קאַמייקאָ. תמיד פאַרטראַכט. וואָס טראַכט איר ?

— זאָגט חנה מיט אַ קליין ביסל חוזק, דערזעענדיק די איר פון אַמאָל גוט באַקאַנטע קאַמישע העוויות אויפן מאָלערס פּנים ווען ער איז פאַרטראַכט אָדער אויפגעבראַכט פון עפּעס. ער זעט דעמאָלט אויס ווי ער וואָלט גע־ליטן פון שטאַרקן צאָן־ווייטיק.

קאַמייקאָ ענטפערט נישט. אפשר האָט ער נישט געהערט, פאַר־כאַפּט פון שטורעם פון זיינע געדאַנקען.

די באַגעגעניש מיט חנהן איז געווען ווי אַ שטיין אַריינגעשליי־דערט אין אַ טייך. עס נעמען אַרויפקומען פון דער טיף ווירבלען, אויפ־ברויזן, קויט פון דנאָ. כוואַליעס און כוואַליעלעך צעקלויצן דעם טייך. די באַגעגעניש מיט דער אים אַמאָל אַזוי נאָענטער פרוי האָט אים טיף אויפגעטרייסלט. ער טראַכט מיט שרעק וועגן די ראַנגלענישן און שווע־ריקייטן פון זיין איצטיק לעבן, וואָס רויבן זיינע כוחות. ער קאָן נישט מאָלן. זיינע געדאַנקען ווערן צעפּרעסן פון פּוסטע, וויסטע קאָשמאַרן. ער האָט זיך איינגעמויערט אין אַ שווערער איינזאַמקייט וואָס אַנשטאָט צו זיין פרוכפּערדיקע ערד פאַר זיין קינסטלערישער אַרבעט, איז זי ווי אַ זאַמדיקער מדבר, ווו ער טריקנט איין ווי אַ בוים אָן וואַסער. ער לעבט אָפּגעווייטערט פון אַלעמען...

חנה האָט אַריינגעבראַכט טיי. זי האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ לאַנגן טונקעלן שלאַפראָק. איר פּנים איז זייער בלאַס. זי האָט אַ צערטל געטאָן מיט ביידע הענט קאַמייקאָס פּנים און מיט אַ פּרווו פון קאָקעטסטווע געזאָגט:

— קאַמייקאָ, איר האָט מיך אינגאַנצן פאַרגעסן... איר טראַכט...

קאַמייקאָ איז ווי אַרויסגעשווומען פון אַ טיפער פינצטערניש. ער איז פאַרבלענדט פון ליכט. ער זעט דעם אַמאָליקן פינקל אין חנהס אויגן, איר נאָענטקייט, איר האַנט אויף זיין פּנים מאַכן אים ציטערן.

זיין האַרץ איז צעהוידעט. חנה האָט אים לייכט אַרומגענומען, אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַ טרויעריק־צערטלעכן בליק.

— זי וועט מיך ווידער מאַכן צום נאַר — טראַכט דער מאָלער מיט שרעק. אַ כאָליערע אויף איר...

— איר זייט אויף מיר בייז, קאַמייקאַ? — מיט אַ בלישטשענ־דיקן, לאַשטשעדיקן קוק האָט חנה איצט געקוקט אויפן מאַלער, געזען דעם שווערן צעפייניקטן שיין אין זיינע אויגן. מיט אַ זיגעריש פּייערל אין די אויגן האָט חנה צוגעצויגן דעם מאַלערס קאָפּ צו זיך און אים אַ קוש געטאָן. קאַמייקאַ האָט אַ מידער זיך אויסגעשטרעקט אויפן בעט, פאַרמאַכט די אויגן.

חנה האָט מיט טרויעריקער צערטלעכקייט געגלעט זיין קאָפּ. קאַמייקאַ האָט זי דערהערט וויינען.

— וואָס איז, חנה? וואָס וויינסטו?

ווען חנה האָט אויפגעהערט צו כליפּען, האָט זי געזאָגט:

— איר זייט אַן אמתער פריינד. איר זייט נישט קיין עגאָיסט. ביי אייך איז אַ פּרוי נישט קיין שמאַטע, וואָס איר נוצט און וואַרפט אַוועק. איר ווייסט פאַרוואָס איך האָב געחלשט? ס׳נישט געווען פון דער היץ.

זי האָט גענומען דערציילן וועגן איר לעבן מיטן סקולפּטאָר.

— גאָט מיינער, ס׳נישט צו גלויבן. איר האָט קיין באַגריף, קאַמייקאַ. זיינע ליגנס. וויפל מאָל האָב איך אויסגעפונען, אַז ער זאָגט ליגנס, אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָב איך ווידער געגלויבט. איצט קאָן איך נישט פאַרשטיין ווי בלינד איך בין געווען. ער האָט פון מיר געמאַכט אַ שמאַטע, געשפּיגן אין פּנים אַריין. איר האָט קיין באַגריף נישט, קאַמייקאַ, איר זייט אַזאַ ווילער, אַזאַ טייערער. וויפל מאָל איך האָב אויסגעפונען, אַז ער נאַרט מיך, אָבער איך האָב ווידער געגלייבט. איר פאַרשטייט? איז דען געווען אַזאַ זאַך, וואָס איך וואָלט פאַר אים נישט געטאָן? און ער האָט עס אויסגענוצט. איך האָב גע־אַרבעט אין שאַפּ, אים אַלץ אַוועקגעגעבן. ער האָט ביי מיר דעם לעצטן גראָשן צוגענומען, אָבער דאָס איז גאָרנישט. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער ביי מיר צוגענומען און מיך נאָך דערנידעריקט... געלאַכט, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט, אַז איך בין אַ בהמה. גאָט מיינער, די זילדלערייען מיט וועלכע ער האָט מיך באַוואָרפן. ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן צוזאַמען געלעבט האָט ער געהאַט אַנדערע, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל פון זינען אַראָפּ. איך האָב אים איבערגעלאָזט, אַוועק קיין באָסטאָן — איך האָב דאָרט אַ שוועס־

טער, געווען דאָרט צװײ יאָר... איך האָב געמײנט אַז איך האָב אים שױן פֿאַרגעסן, אָבער װען איך האָב אים הײנט דערזען אַרײַנקומען צו דער פּאַרטי, האָט מיך פֿאַרדריקט בײַם האַרצן און ס׳מיר פֿינצטער געװאָרן פֿאַר די אויגן.

חנה האָט אַ סך גערעדט, היסטעריש, מיט צעפּלאָמטע אויגן. זי האָט אויסדערצײלט באריכות אַ סך סצענעס פֿון מיאוסע װילדע צוזאַ־מענשטויסן... זי איז געװען דאָס דינסטמײדל, אַ שקלאַף, געצאָלט רענט, געװאַשן זײַנע שמוציקע װעש. ער האָט זי נאָך געזידלט, אפֿילו אַרױסגע־טריבן פֿון שטוב. איך האָב אַלץ אָנגענומען פֿאַר ליב. איר קאָנט דען פֿאַר־שטײן, קאַמײקאָ? איר זײַט אַ גוטער. איך אַלײן פֿאַרשטײ עס נישט.

קאַמײקאָ האָט זיך צוגעהערט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, אַ בלײ־כער מיט גרויסע טראָפּנס שװײס אויפֿן שטערן. ער האָט מיט די הענט פֿאַרדעקט ס׳פּנים, װי אײנער װאָס שיצט זיך קעגן קלעפּ. ער האָט זיך גע־װאָלט אויפֿהײבן און אַװעקגײן, אָבער חנה האָט אים צוריקגעהאַלטן. זי האָט אים געבעטן ער זאָל זי נישט איבערלאָזן אַלײן. זי װעט װידער מאַכן טײ און מ׳װעט זיצן און רעדן. זי האָט מורא צו בלײַבן אַלײן.

.9

קאַמײקאָ איז געלאָפֿן אַהײם איבער די פּרימאַרגנדיקע, פּוסטע גאַסן אין דער גרעסטער אײלעניש. ער האָט געמרוטשעט צו זיך: „צױג... זונה...״ זײַנע אויגן זענען געװען פֿאַרגליװערט. אין די שלײפֿן האָט געעגבערט און געשטאָכן. זײַן מוח איז פֿאַרנעפּלט געװאָרן און װידער געאַרבעט פֿיבעריש מיט דער זעלבער משונהדיק־צװעקלאָזער גיכקײט, מיט װעלכער ער האָט זיך געיאָגט איבער די גאַסן. ס׳האָט אים געפּרעסטלט נישט פֿון דרויסנדי־קער קעלט, נאָר פֿון דער אינעװײניקסטער. ס׳האָט אים געעקלט פֿון אַלץ.

עס האָט געזיפֿט אַ קאַלט רעגנדל, װאָס האָט געגליװערט אין דער לופֿטן. דעם צעפּיבערטן מאַלער האָט זיך געדוכט, אַז ער בראָדזשעט דורך די פֿעלדער און װעגן פֿון זײַן אַמאָליקער הײם. ער האָט פֿון קינד־װײַז אויף ליב געהאַט דעם פֿאַררעגנטן דרויסן. ער האָט לאַנג געקאָנט קוקן מיט אַ פֿאַרגליװערטן בליק אויף די פֿון רעגן־צעפּלאָסענע פֿעל־דער. ער האָט ליב געהאַט צו זען די פֿויערטעס מיט די איבערגעקערטע

קליידלעך איבער די קעפּ, ווי זיי זענען געגאַנגען אין גאַס רעגן... ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די לוזשעס און טייכלעך, וואָס האָבן זיך געקליבן אויפן בלאָטיקן וועג, און דאָס פליעסקן פון רעגן, און דאָס כליופּען אין דער רינווע פון דאַך, ווי פון עפּעס אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אין אַ פאַררעגנטן טאָג איז אים נאָך ליבער געוואָרן זיין שטיבל, אַן אָנגעפּאַקטס מיט בילדער, ווייט, ווייט פון דער וועלט, ווייט פון ניו־יאָרק — טויזנטער מייל הויך — אָבער איצט איז פאַר אים דאָרט נישט געווען קיין מנוחה. ער פילט אַן עקל צו אַלץ, אַן אָפּשטויס...

קאַמייקאַ האָט דערפילט, ווי ער ציטערט. אין דער פאַררעגנטער גרויהייט האָט אַ שיין געטאָן אַ צעלויכטענער קאַווע־פלאַץ. ער איז אַריינגעלאָפן אין דעם ווייס־געקאַכלטן, קליינעם פלאַץ מיט די פאַרעדיקע, מעטאַלענע קאַווע־קעסלען און די קיילעכדיקע בענקלעך אַרום טיש און געפונען אַ זיצפּלאַץ. ס׳זענען דאָרט געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געשלונגען הייסע קאַווע און איבערגעוואַרט דעם רעגן אין דער וואַרעמקייט.

דעם מאָלער איז נאָך אַ לאַנגע צייט געלאָפן אַ פרעסטל איבערן לייב, ביז די הייסע קאַווע האָט עס פאַרטריבן. ער איז געזעסן אין שטומער מעדיטאַציע, צוגעהערט זיך צו דעם אָפּקלאַנג פון שטורעם אין זיך; די קלאָגעניש אויף אַן איינזאַם לעבן פון טרויער, זאָרג, אַנטוישונגען, נישט־פאַרווירקלעכטע חלומות, בענקשאַפטן... איצט האָט זיך אַלץ ווי איינגעבראָכן אין אים... ליידיק, פּוסט, קאַשמאַריש.

און ווי אַ סך מאָל נאָך גרויס צער און יאוש, הייבט ביי אים אָן אַרויסקוועלן אַ ניגון. אַ ניגון, וואָס שטאַרקט און מונטערט אויף... ער זינגט שטיל צו זיך דעם ניגון, וואָס ער האָט געהערט זיין טאַטן, דעם חסיד, זינגען: ירידה צורך עליה היא, ירידה צורך עליה היא! און אויפן געדאַנק קומען דעם טאַטנס רייד וועגן דער סטרא אחרא... און די מעשות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט ווי ער, דער שטן, פאַרשטעלט זיך אין אַלערליי קונציקע פאָרמען און וויל נאָר אָפּווענדן מיט אַלערליי שטוקעס פון דינען דעם רבונו של עולם בחדווה, באַהבה. ס׳גייט אַן כסדר אַ מלחמה צווישן גוף און נשמה. די טומאה שלעפּט אַרונטער, אָבער ווען מען פאַלט, דאַרף מען זיך נישט מיאש זיין. ירידה צורך עליה היא... מ׳דאַרף אָנפירן אַ קאַמף קעגן שוואַכקייט, אָפּהענטיקייט, יאוש.

קאַמייקאָ זיצט מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, מיט פאַרקראַמפּטע פינגער. פּלוצעם זאָגט ער אויפן קול: זי איז אַ צויג... געגאַנגען פון מאַן צו מאַן... ביסט תמיד געווען אַ בעל־חלום...

קאַמייקאָ איז מיד, אויסגעשעפּט, אָבער ס'ווילט זיך נישט אַהיימגיין...

און אָט שווימט אָפּער פאַר אים דאָס בילד, וואָס ער אַרבעט איצט דערויף, דאָס בילד פון דער שיכורטע אין דעם קליינעם פּאַרק מיט די זקנים און טומלדיקן יונגוואַרג אין דער פאַרגייענדיקער זון...

און ווונדער איבער ווונדער! דאָס וואָס ער האָט געזוכט אַזוי לאַנג, דאָס וואָס איז אים נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען איין מאָל, אַ צווייט מאָל, שטייט איצט שאַרף פאַר די אויגן. קלאָר אין אַלע דעטאַלן...

ער האָט זיך אויפגעריסן ווי אַן אָפּגעבריטער פון קיילעכדיקן דריי־בענקל, אָפּגעשטופּט דאָס נישט־אויסגעטרונקענע טעפּל קאַווע און אַרויס־געלאָפן, באַגלייט פון די פאַרחידושטע אויגן פון די אַנדערע קאַווע־טרינקערס.

ער לויפט אַהיים איבערמאָלן, ווער ווייסט שוין, צום וויפלטן מאָל דאָס בילד פון דער שיכורטע מיט איר מכשפהשן געלעכטער. איצט, דוכט זיך אים אַז ער האָט וואָס ער וויל. ער איז פאַרכאַפּט פון דער וויזיע, וואָס האָט אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן... ווי קלאָר ער זעט דאָס פּנים מיט דעם געלעכטערל פון דער מכשפה. ס'איז גרויסאַרטיק איר געלעכטער, וואָס קומט אַרויס פון אויסקרימעניש פון אירע מויל־ווינקלען און פון גראָטעסקן פאַרבן־געמיש, וואָס שרייט אַרויס פון בילד... אין איר געלעכטער איז אויך דאָ רחמנות און צער צו מענטשן. דאָס האָט ער געוואָלט דערגרייכן. זי לאַכט פון אים אַליין אויך. גוט, גוט, דאָס האָט ער געוואָלט. דערפאַר איז עס גוט. ער איז געווען צו שטאָלץ. וויפל פּוסטע גאווה איז געווען אין זיין איינזאַמער פרושדיקייט, אין זיין רוגזהדיקן אַנט־לויפן פון מענטשן. אַנשטאָט מיטפילן, באַהעפטן זיך מיטן נידעריקסטן, מיטן קלענסטן...

דער מאָלער לויפט אַהיים אין גרויס איילעניש, אונטערברומענדיק זיין טאַטנס חסידישן ניגון: ירידה צורך עליה היא... ירידה צורך עליה היא...

אַנטפּלעקונג

יוסף האָט אָפּגעמאַכט מיט אַראָנאָוויטשן, זיין חבר, צו טרעפן זיך זונטיק אין דער פרי אויף דער צווייטער זייט פון האָדסאָן־טייך. פון דאָרט וועט מען גיין אויף אַ שפּאַציר אויסער דער שטאָט אויף אַ גאַנצן טאָג. אָבער אַראָנאָוויטש האָט נישט געהאַלטן וואָרט און נאָך אַ האַלבער שעה אומגעדולדיק וואַרטעניש האָט זיך יוסף געלאָזט אַליין גיין. די בייזקייט, וואָס האָט אין אים געזאָטן אויף זיין חבר, האָט גיך זיך אָפּגעטאָן פון אים, ווען ער האָט גענומען גיין מיט דעם פאַרלאָזענעם, שטילן וועג צווישן צוויי רייען ערשט־צעגרינטעביימער. ס'האָט געשמעקט מיט פרישע פרילינגדיקע ריחות און די זוניקע בלויקייט האָט געקלונגען מיט פויגל־געזאַנג...

יוסף איז געווען דערשטוינט: גאָר אַן אַנדערע וועלט ווי אין דער שטאָט, פון וועלכער ער איז ערשט אַרויסגעקומען.

יוסף, געבוירן און אויסגעוואַקסן אין אַ קליינעם פּוילישן העק צווישן פעלדער און וועלדער, איז אין גאַנצן אַ פּאָר יאָר אין ניו־יאָרק. ס'איז אים שווער זיך איינצולעבן אין דעם ריזיק ליאַרעמדיקן כרך ניו־יאָרק. ער האָט זיך נישט איינמאָל פאַרבענקט נאָך היימישן פעלד, נאָך נישט־פאַרשטעלטן הימל, נאָך אַ ביסל שטילקייט. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייען טאָג, איז ער אַוועק אויסער דער שטאָט, אַרומגעוואַנדערט דאָרט איינער אַליין...

אַ פריידיק אויפגעלעבטער איז ער איצט געגאַנגען מיט דעם שטילן וועג. זיינע ערנסטע, אַ ביסל קורצזיכטיקע אויגן האָבן געוואָלט אַלץ אַריינעמען...

ס'איז געווען סוף אַפּריל, אַ וואָך פאַר פסח. די ביימער האָבן געטראָגן אַ שיטערן, לייכט גרינעם באַדעק, נישט דעם טיפן גרין, וואָס קומט שפּעטער, ווען די בלעטער, פול־זאַפטיקע, פאַרדעקן דעם בוים מיט אַ געדיכטן בלעטערוואַרג. אַריבערפאָרנדיק מיט דער „פּעררי״ דעם טייך,

האָט יוסף אַ דערשטוינטער געקוקט ווי דער קויטיק־גרויער טייך פּלעמלט מיט בלויקייט באַשפּריצט ווי מיט גאָלדענע פונקען.

ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ שורה פון אַ פּויליש לידל מיטן נאָמען „סאָרענטאָ" — וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „דיינע שאַ־פירענע כוואַליעס" — וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער פאַר זיין אַפּפאָר פון פּוילן. ווען די „פּערריי", אַריבערפאָרנדיק דעם טייך, האָט זיך דער־נענטערט צום באַוואַלדיקטן שטייניקן ברעג, די „פּאַליסאַדן", האָט ער געהערט דאָס פריידיקע געצוויטשער פון פייגל. צווישן די ביימער און קוסטעס פון פעלדזיקער ווילדעניש זענען זיי טשאַטעסוויז אַרומגעפלויגן אַהין און צוריק און זייערע פייגלשע קולות זענען געווען עקסטאַטיש צע־קלונגענע... יוסף האָט געפילט ווי אַ פריידיקע כוואַליע גיסט זיך אַריין אין זיין בלוט. ס'ווילט זיך אים זינגען, ברומען, שרייען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אַמאָל אויף דער דאָרפישער לאָנקע געזען ווי אַ יונג פערד האָט זיך אין אַ זוניקן פרימאָרגן געוואַלגערט און איבערגעקוליעט אַ סך מאָל אין גראָז. ער האָט אים איצט פאַרשטאַנען און געהאַט חשק אים נאָכצוטאָן... יוסף לאָזט זיך גיין אין גרויס געאייל מיט דעם משופּעדיקן וועגל, וואָס פירט אַוועק פון שטאָט.

*

דער אויפגלי פון פרייד האָט ווי אַ פלאַם־פייער אַ צייט געפלאַקערט און זיך אויסגעלאָשן. יוסף האָט זיך דערפילט צעהיצט און דורכגעווייקט פון שווייס. די זון האָט געבריט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל. ער איז געווען צו וואַרעם אָנגעטאָן. ער האָט גענומען טראַכטן וווּהין ער גייט און אַז ס'איז צייט זיך אומצוקערן. אָבער דער געדאַנק פון אומקערן זיך אין שטאָט איז אים געווען שטאַרק דערווידער. ער וועט אַוועק אין אַ פאַרם אָדער אַ שטעטל און געפינען אַרבעט. אין ניו־יאָרק האָט ער איצט סיי ווי קיין אַרבעט נישט, און דער טאָג איז נאָך גרויס. וואָס איז די איילעניש צוריקצולויפן אין ניו־יאָרק? ס'איז גוט צו גיין אין אַזאַ ליכטיק־פרילינגדיקן טאָג, פילן די שלווה, וואָס דערמאָנט אָן דער היים.

ער איז אַראָפּ פון געפלאַסטערטן וועג, באַטראַכט און באַטאַפּט די אַלערליי מינים פרילינג־שפּראָצן ווי זיי ליגן איינגעפּאַלדעוועטע, צער־נויפגעקוועטשטע אין די געפלאַצטע, צעפּראַלטע קנאָספּן־שעלעכלעך ווי

הינדעלעד ערשט אויסגעפיקטע פון די אייער. מיט התפעלות פאַר די דע־ליקאַטע ליניעס, האָט ער באַוווּנדערט די ניואַנסן פון פאַרב...

ער האָט באַדאַנקט, ווען אַ מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים געוואָלט אַריינגעמען. וווהין דאַרף ער זיך איילן? ער וויל פּאַמעלעך אַלץ באַטראַכטן און אויפנעמען. ווען ער איז געוואָרן אויסגעמאַטערט פון גיין, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין ביים וועג. ס׳איז גוט צו זיין פאַראַנקערט ווי אַ בוים אין דער ערד, מיטן קאָפּ אין הימל — טראַכט ער — לאָזן אַריינזינקען שיינקייט פון דער וועלט אין זיך...

*

פאַרנאַכט־צו איז ער געזעסן לעבן אַ צעקרישלטן, צעפוילטן ווערפט, וואָס איז שוין געווען האַלב אַריינגעזונקען אין וואַסער. ער איז געזעסן אַ לאַנגע צייט און זיך איינגעקוקט אין דעם ברויזיקן טייך, וואָס האָט אין דעם פאַרשלייערטן ליכט פון שקיעה געיאָגט מיט אימפּעט און קראַפט. איבערן הימל האָבן זיך געביטן די פאַרבן, פון פלאַמיק־צעצונדענע געוואָרן פאַרגעלטע, פאַרבלאַסטע, ביז די צופאַלנדיקע נאַכט האָט אויסגעמעקט ס׳לעצטע ביסל פאַרב פון הימל. נאָר די פעלדזן־ווענט, די „פּאַליסאַדן", וואָס שטייען דאָ ביים ברעג טייך מקדמונים, האָבן נאָך געליכטיקט, ווי באַקרוינטע מיט גילדענע שלייערן.

ביי יוספן איז געווען אַ געפיל ווי ער וואָלט פאַרוואָרפן אַ בריק צו זיינע פריערדיקע יאָרן; ווי ס׳וואָלט אַוועקגעפאַלן אַ מחיצה, וואָס איז געשטאַנען צווישן אים און דער וועלט, צווישן אים און דער וועלט־אייבי־קייט... ער איז געווען אויסגעלייזט פון די שטאָטישע נאַכטראַכטענישן און גריבלענישן און טאָג־טעגלעכע דאגות... ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ תפלהדיקער דערהויבנקייט. ער זיצט איינגעקאָרטשעט, דורכגענומען, פאַרשטילט...

*

ער האָט זיך שפּעט ביינאַכט אומגעקערט צוריק אין ניו־יאָרק, איינ־געפּאַקט דאָס נייטיקסטע אין אַ וואַליזקע און דעם צווייטן טאָג זיך גע־לאָזט ווידער אין וועג. ער האָט געהאָפט צו געפינען אַרבעט אויסער דער שטאָט. מאַשינען פון פאַרבייפאָרער האָבן אים עטלעכע מאָל אַריינגענומען. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער שוין געווען ווייט פון ניו־יאָרק, צווישן פריש־

אויפגעאַקערטע פעלדער און בערגלדיקע מיט שטעכיקן דראָט אָפּגעצאַמטע מאַגערע לאַנקעס, ווו בהמות האָבן מיט התמדה געגריזשעט און געצופּט דאָס קנאַפּע גראָז. יוסף האָט זיך אין דעם שטעטל, ווו דער אָוונט האָט אים פאַרכאַפּט, אָפּגעזוכט אַ נאַכטלעגער. מ׳האָט אים דאָרט געזאָגט, אַז מ׳נייטיקט זיך אין מענטשן, וואָס ווילן אַרבעטן אין די אַרומיקע פאַרמען.

נאָכן אָפּעסן אַ פּשוטן זעטיקן מאַלצייט אין שטעטלשן קרעטשמעלע, כאָטש ער איז מיד געווען פון ווייטן וועג, האָט זיך אים נאָך נישט געוואָלט שלאָפן. ס׳האָט שטאַרק געצויגן צו כאַפּן אַ נאַכטיקן שפּאַציר. ער איז אַרויס פון שטעטל מיט אַ זייטיק־פּאַרלאָזן וועגל, ווו עטלעכע שטיבער האָבן זיך איבערגעוווּנקען מיט צעליכטיקטע פענצטערלעך. ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, באַגלייט אַ שטיקל וועגס פון אַ צעבייזערטן שאַרף־בילנדיקן הונט. ווען ער איז צוגעקומען צו אַ וועלדל, וואָס האָט ווי אַ טונקעלע וואַנט זיך אויפגעהויבן אין איין זייט פון וועג, האָט ער זיך אַ מיד־געוואָרענער אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אָפּרוען. זיצנדיק אַזוי אונטערן נאַכטיקן הימל, האָט ער דערפילט ווי זיינע חושים וואָלטן פלורצעם באַקומען אַן אויסערגעוויינלעכע שפּירעוודיקייט, אַזאַ, וואָס זיי האָבן פריער נישט געהאַט. ווי זיי וואָלטן איצט געהאַט אַ געהעכערט באַנעמען און פילן. אַ דערשטוינטער, דערשפּירט ער מער ווי ער דערזעט, ווי די וועלט אַרום אים קריגט עפּעס אַן אַרעאָל, אַ גלאַנץ, וואָס זי האָט פריער נישט געהאַט. ווי דער גאַנצער חלל אַרום וואָלט געוואָרן אַנדערש, די לופט אַנדערש, דאָס ליכט אַנדערש. ער איז ווי אין אַ טראַנס. דעם האַרצנדיקן, אויפגעטרייסלטן בחור גייט דורך אַ ציטער: גאָט.

גאָט איז אַרום אים. נאָך דעם ערשטן צוריקהאַלט פון אומגלויבן, נישט־זיכערקייט, קומט דאָס איבערגעבן זיך אין גאַנצן דער שטייגנדיקער פרייד, דעם איבערלעבן, דעם דערפילן גאָטס אַנטפּלעקונג, גאָטס אָנוועזנהייט; ער פילט אים אַרום זיך, נאָענט. ער פילט אַ גרויסן עקסטאַז אין זיין נשמה. דער גאַנצער אַרום איז טראַנספאָרמירט, שיינט מיט אַ נישטדאָיקער ליכטיקייט. מיט עפּעס אַ טייל פון זיין פרעגנדיקן, זיך קעגנשטעלנדיקן איך קוקט זיך יוסף אַרום, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דער פאַרבלענדעניש... אָבער ניין, דאָס איז נישט קיין פאַרבלענדעניש... דאָס איז אַנטפּלעקונג פון גאָטס רעאַלקייט, וואָס ער לעבט איצט איבער...

ער ווייסט, אַז עפּעס אַ גרויסע זאַך איז געקומען אין זיין לעבן. ער האָט מורא צו טראַכטן. ער וויל נאָר באַנעמען די זאַך אין איר גאַנ־צער טיפקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים. גאָט איז דאָ. שטאַר־קער און שטאַרקער, מיט אַ פעסטער, קלאָרער זיכערקייט שטייגערט זיך דאָס געפיל: גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן. ער קוקט זיך איין אין דעם אַרום. פון דער ערד, אויף וועלכער ער זיצט, פון דעם נאָענטן וועלדל און פון אַלץ אַרום קומט אַ באַשטעטיקונג, אַ באַיאָונג. אַלץ רעדט צו אים פון דער גרויסער געשעעניש. עס לויכט אַרויס פון הימל, פון ערד, פון בוים. ער איז אַזוי טיף דורכגענומען און באַהערשט פון דעם איבער־געלעבטן, אַז ער זיצט אַ לאַנגע צייט פאַרגליווערט און וויל זיך נישט אַ ריר טאָן, קאָן זיך נישט קיין ריר טאָן...

ווען ער הייבט זיך אויף און קערט זיך אום צוריק אין „ווילעדזש", גייט ער מיט אַ געפיל פון װוּנדער, פון שווערקייט, פון טרויער. ער גייט פּאַמעלעך, טריט ביי טריט. ער וויל נישט אַוועק צום טאָג־טעגלעכן. ער האָט מורא צו פאַרלירן דאָס געפיל פון דעם ערשט־געשעענעם, דעם אַזוי טיף איבערגעלעבטן...

*

עטלעכע טעג האָט אָנגעהאַלטן דאָס געפיל פון אַנדערשקייט, פון דער נייער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש. זיינע חושים האָבן זיך לייכט געקאָנט דערמאָנען דאָס געפיל פון װוּנדער, פון ליכט און טראַנספאָרמאַציע פון דעם גאַנצן אַרום און דאָס קלאָרע זען ווי דורך אַנדערע אויגן דאָס נייע פּנים פון דער וועלט — ביז דאָס איז צו ביסלעך, אַזוי ווי אַ רעגנבויגן וואָס פאַרבליאַקעוועט, אויסגעלאָשן געוואָרן.

*

דעם גאַנצן זומער האָט יוסף געאַרבעט אין די קעטסקילער בערג, אין אַ פאַרם אויף אַ באַרג, אַרומגערינגלט מיט שטיקלעך באַאַרבעט פעלד און אַ סאַד, אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. אַ שטעגל האָט פאַר־בונדן די פאַרם מיט די עטלעכע אַנדערע צעוואָרפענע פאַרמען און דעם שטעטל וווהין מען איז געפאָרן מיט אַ פערד און אַ וועגעלע... אָבער יוסף האָט נאָר זעלטן פאַרלאָזן די פאַרם. אין זיין פרייער צייט האָט ער ליב געהאַט זיך אַרומשלעפן אויף די וועגן צווישן וואַלד און פעלד, קריכן

אויף די בערג און באַטראַכטן די ים־בלויע ווייטקייטן, וואָס לויפן צו די האָריזאָנטן; נאָכלויפן מיט די אויגן די וועגן, וואָס שניידן דורך די וואַלד־געדיכטעניש... אַ טייכל האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ פּאָר הויכע פעלדזן און בייגאַכט האָט עס אָפּגעשפּיגלט די הויכע טורעם־שפּיצן פון די בערג. ס'איז געווען, ווי אין דעם קליינעם פאַרהוילענעם טייכל וואָלט זיך באַהאַלטן די שיינקייט און פּראַכט פון דעם אַרום, ווי עס וואָלט געווען דער שפּיגל און אויג פון דער וועלט. דאָ האָט ער ליב געהאַט צו זיצן און נאָכטראַכטן, פילן דעם כּישוף, די פּראַכט און די שיינקייט וואָס רינגלען אים אַרום. ער פאַלט אַריין אין אַ גייסטיקער דערהויבנקייט. אין אַ פרומער שווייגנדיקער פאַרטראַכטקייט.

ער איז אַוועק פון פאַרם אויף אַ טאָג צוויי, ווען ס'איז אויף אים אָנגעקומען אַ גרויסער באַגער צום וואַנדערן. דער פאַרמער און זיין הויז־געזינד האָבן מיט אַ ביטולדיקן שמייכל אָנגעקוקט דעם צעטראָגענעם און פאַרטראַכט שווייגנדיקן יונג, וואָס מיידט אויס מענטשן און שלעפּט זיך כּסדר אַרום אין די בערג.

יוסף האָט געלעבט מיטן לעבן פון דער ערד. ער האָט געזען די זון פון איר אויפגאַנג ביז איר פאַרגאַנג, איר אַראָפּזינקען אַ צונטערדיק־צעגליטע אונטער אַ באַרג־קייט און דאָס קומען פון דער נאַכט. ער האָט ליב געהאַט צו זיצן בייגאַכט האָרכן די קולות פון דער טונקלניש, פאַר־רייסן דעם קאָפּ צו דעם ווי מיט פייער באַשפּרענקלטן הימל. די שטערן איבער די בערג זעען אויס אַזוי גרויס, פייערדיק... אין די פאַרטאָגן איז ער שוין אין פעלד, באַטראַכט אַלץ אַרום זיך, ער איז פאַרשיכורט פון דער וועלטס שיינקייט, ער ווערט נישט מיד אַריינזאַפּן זי אין זיך, זעטיקן זיך מיט איר און קוויקן זיך מיט איר... ס'איז אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט שטילן עפּעס אַ גרויסן הונגער אין זיך, פאַרגיטיקן זיך פאַר די יאָרן פון שווערקייט, ראַנגלעניש און פאַרלוירנקייט...

ער האָט זיך געגריבלט און מתווכח געווען מיט זיך:

וואָס איז דאָס געפיל פון שיינקייט, צו וועלכן ער איז פאַרשקלאַפּט, וואָס מאַכט אים אַנדערש, וואָס רייסט אים אָפּ פון מענטשן, וואָס מאַכט אים פרעמד צום לעבן און טרייבט אים אויף שווערע וועגן, אויף אומ־גליקלעכע וועגן? וואָס איז שיינקייט? ער ענטפערט זיך לויט געלייענטע ביכער: די אָפּשפּיגלונג פון דער אידעע פון דער וועלט (און דער באַטייט

פון דעם אַלעמען ?). און אַ מאָל קומט דער ענטפער: גאָט. אָבער ער הערט זיך צו דערצו מיט אומצוטרוי, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ פרעמדע זאַך, וואָס דריקט אויף אים און ער וויל זי אָפּשטופּן. ער האָט כמעט פאַרגעסן די איבערלעבונג אויפן וועג ביינאַכט, פאַרגעסן און נישט פאַרגעסן. ער וויל נישט טראַכטן דערפון, ער שרעקט זיך דערפאַר. ער קעמפט קעגן דעם, אָבער אויף פאַרשידענע אופנים דערמאָנט זיך עס ווי אַ זאַך, וואָס איז אַ יש און וועט זיך נישט לאָזן אָפּשטויסן. מ׳וועט זיך דערמיט מוזן רעכענען און זיך חשבון אָפּגעבן... דאָס געפיל פון יענער איבערלעבונג קומט צוריק נישט איין מאָל, בפרט אין מאָמענטן פון התרוממות, פון עקסטאַטישן פאַרכאַפּט — ווערן פון דער שיינקייט אַרום, פון דער גרויסקייט, פון דעם טיפן, נישט באַגרייפלעכן סוד, וואָס ער אַנט...

אָבער ווען ער קומט צוריק צום טאָג־טעגלעכן, פאַרלייקנט ער עס, אָדער שרעקט זיך דערפאַר, שטויסט עס אָפּ מיט זיין שכל.

גאָט? ער וויל זיך אָפּטרייסלען דערפון. דאָס איז אַ וואָרט, אַ קלאַנג, אַ נאָמען פאַר זאַכן, וואָס זענען אומפאַרשטענדלעך. גאָט אויסער דער נאַטור, אַ כוח אויסער דער וועלט — דאָס וואַרפט ער אָפּ, דאָס איז אים לחלוטין פרעמד, דאָס פאַרשטייט ער נישט...

אָבער נישט איין מאָל אויף זיינע וואַנדערונגען אין די בערג, אין די אַרומיקע וועלדער, ווען די שטילקייט פון דער טיפער נאַכט רייסט אויף אַ ווילד, איינזאַם קול פון אַ נאַכטיקן פויגל, אָדער ווען ער פאַרקוקט זיך אין דעם ציטערדיקן ברען פון אַ גרויסן ווייטן שטערן, קומט אויף אים דאָס שטאַרקע געפיל: גאָט איז דאָ. מען קאָן דאָס נישט אָפּוואַרפן.

ווען דער זומער איז אַוועק, האָט יוסףן דער געדאַנק פון אומקערן זיך אין דעם ווילד־צעליאַרעמטן כרך ניו־יאָרק, ווו ער האָט אַזוי פיל געליטן, אַנגעפילט מיט ביטערקייט און ווידערווילן. ער האָט גערעדט מיט יידן פון שטעטל, ווי אַזוי ער וואָלט געקאָנט פאַרדינען אויף חיונה דאָ... זיינע באַדערפענישן זענען מינימאַלע... מען האָט אים פאַרגעלייגט צו ווערן אַ העברעישער לערער אין שטעטל, לערנען מיט די עטלעכע יידישע קינדער דאָ אַ ביסל יידישקייט. איז יוסף פאַרבליבן איבערן ווינטער אין קליינעם שטעטל אין שאָטן פון די בערג. ער האָט פאַרדינט גענוג, כדי נישט צו הונגערן.

*

דאָס שטעטל ליגט הויך איבערן האָדסאָן. מעין סטריט, וואָס דראַ־פּעט זיך באַרג־אַרויף מיט שיטערע, צעוואָרפענע, הילצערנע און שטיי־נערנע הייזלעך, פאַרמאָגט זייער אַ סך גאָר אַלטע הייזלעך פון די רעוואָלו־ציאָנערע צייטן נאָך. אין מיטן שטאָט זעט עס שוין אויס מער מאָדערן: געשעפטן פון בײדע זייטן און מאַשינען. דער וועג, וואָס פירט אין אַלבאַני פּאַראַלעל צום טייך, לויפט מאַיעסטעטיש, שיין, צווישן בערגלדיק־כוואַ־ליקער לאַנדשאַפט. דאָס גאַנצע שטעטלדיקע לעבן איז קאָנצענטרירט אין צענטער פון שטעטל, ווו עס קרייצן זיך די עטלעכע הויפּטוועגן. עטלעכע שעה פון טאָג איז דאָ פאַראַן אַ סך באַוועגונג. אָבער אַ ביסל ווייטער פון מעין סטריט איז ווי אין אַ דאָרף. די הייזער זענען ווייסע, ציכטיקע, מיט גערטענדלעך און שיינע „לאָונס״, און אויך פאַרמען מיט שייערס און קי, פערד און הינער. ס׳איז שטיל און פינצטער ביינאַכט, און איצט, סוף זו־מער, איז די לופט שאַרף געווירצט מיט רייפקייט פון אַלערליי פּרוכטן. פון די בערג קומט אַ ווינטל אַ קרעפטיקס מיט אַ באַזונדערער באַרגיקער שמעקעדיקייט און קילקייט. און דער האָדסאָן זעט זיך פון דעם הויך־ליגנדיקן שטעטל — אַ ברייטשטאָליקער, ליכטיקער פּאַס בייטאָג. ביי־נאַכט פינקלט ער סודותדיק מיט גרינע און רויטע ליכטלעך, וועגווייזערס פאַר שיפן. יוסף האָט ליב זיך צוקוקן, ווי זייערע פאַרשידנקאָליריקע פלעמ־לעך בליצן אויף דעם טונקעלן טייך.

יוסף פילט, נאָך די יאָרן פון גרויסשטאָטישער ניו־יאָרקער צע־רודערטקייט, אַז ער לעבט אויף. די נאָענטקייט צו ערד, צו אַלץ וואָס לעבט אויף איר, מיט איר, און אין נאָענטקייט צו איר, רעגט זיין בלוט. זיין וועזן איז פול מיט ליבשאַפט צו אַלץ וואָס וואַקסט, צו די אַלע קאָלירן, ריחות, פלאַנצן און לעבעדיקע באַשעפענישן. דאָס איז אים באַענט, טוט אים גוט, פילט אים אָן מיט וואַרעמקייט, מיט גוטסקייט. ער איז ווי איינער, וואָס איז אַהיימגעקומען פון אַ לאַנגער בלאָנדזשעניש, און זיין אויג און האַרץ האָבן אויפגעלעבט און קוויקן זיך מיט דעם צוריקקום אַהיים, צום נאָענטן, אייגענעם און ליבן. די נאַכטיקע שטילקייט טוט גוט זיינע חושים, לאָזט אַרויסקומען די שטילסטע שפּירונגען און טראַכטונגען, לאָזט אָפּ־רוען די אָנגעשפּאַנטע נערוון, פאַרסמטע פון אומנאַטירלעכע צערייצונגען, לאָזט אַרויפקומען אין געמיט אַ באַזאַכטקייט און באַרויקטקייט, נישט גע־

איילטקייט, אַ קלאָר, אומעטיק שמייכלדיק אויפנעמען פון זאַכן וואָס זענען אים אייגן...

ער האָט ליב באַקומען דאָס קליינע שטעטל אין דער ראַם פון פאַרבלויטע שאָטנדיקע בערג, מיט זיינע שטילע גאַסן און זיינע מענטשן, אַזוינע פשוטע, פאַרנומענע מיט פרנסה. זייערע אויגן זענען אומרויקע און ווי פוסט געוואָרן פון אומעט, פון מאָנאָטאָנקייט, פון שווערקייט פון לעבן... ס׳איז אַזוי שווער פאַר יוספן מיט זיי צו רעדן, צו געפינען עפּעס בשותפותדיקס מיט זיי צו רעדן. זייערע אויגן שמייכלען אים אַנטקעגן ווי איינער זאָגט: אַ מאָדנער מענטש, זייער לערער...

אין וואַלד־לאַגער

.1

עטלעכע און פערציק יאָר איז איסר לאהס געווען דער שענקער פון סעכיוו, אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין מזרח־גאַליציע: אַ פויערישער ישוב פון שטרוי־באַדעקטע כאַטעס, מיט ליימענע פאַדלאָגעס, מיט סטויגן היי און קופּעס גנאַי אויף די הויפן ווו חזירים און הינער האָבן זיך געראַיעט. געווען אַחוץ איסר לאהס נאָך צוויי יידן אין דאָרף. סרול דער מילנער און זאַלקע וואָס האָט געהאַנדלט מיט מילכיקס. איסר לאהס בלוי געקאַלכטע שטוב מיט אַ געלאַטעטן דאַך פון שינדלען איז געשטאַנען אין עק דאָרף, ביים וואַלד. דאָרט זענען אַריינגעקומען די גויים פאַרברענגען די אָוונטן, גיסן אין זיך שטאַרקן בראָנפן, רויכערן אָן אויפהער דעם בייסנדיקן טיטון. אַמאָל אין חגא האָט זיך צעלאָזט אַ פידעלע אָדער האַרמאָניקע און מען האָט געהאָפּקעט און געזונגען. אין אַלקער האָבן דורך די נעכט די פּני פון דער געגנט געשפּילט אין קאָרטן, געגעסן הערינג און פאַרטרונקען מיט קעלישעקלעך בראָנפן פון פלאַש מיט אַ הויכן האַלדז באַקלעפּט מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך.

דער וואַכמיסטש פון די קירהשע זשאַנדאַרן אין דער גרין באַפּעדערטער שאַקע און לאַנגן זעבל איז אויך אַמאָל אַריינגעפאַלן, און אַרום אים האָט איסר לאהס, מיט ספּעציעלער הכנעה אַרומגעטאַנצט. איסר לאהס האָט נאָך אַ נאַכט פאַרברענגען אַרום די פּריצישע געסט געמוזט אויפשטיין פאַרטאָג, פאָרן אין שטעטל ברענגען פרישע בוטליעס אָקעוויט און בראָנפן און טאַבאַק.

אין דערבייאיקן שטעטל איז מען געפאָרן מיט אַ בלאָטיק צעיוירענעם „פּוילישן“ וועג דורך פינצטערע, געדיכטע וועלדער פון סאָסנעס, בוקעס און אָלכעס, וואָס האָבן פאַרדעקט ס'לאַנד ביז צו די קאַרפּאַטןבערג.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה איז דאָס מזרחדיקע ווינקל פון גאַליציע געוואָרן דאָס שלאַכט־פעלט, ווו די עסטרייכישע און רוסישע חיילות האָבן פאַרפירט די ערשטע שלאַכטן. אין אַ שטילן סוף־זומערדיקן טאָג האָבן קאָזאַקן פאַרבייגעיאָגט דורך סעכיוו אויף זייערע פייערדיקע פערדלעך ווי אַ שטורעם־ווינט. טעג און נעכט זענען דער־נאָך געגאַנגען רוסישע פאָלקן דורכן דאָרף און די אַרומיקע פעלדער. די רוסישע זעלנער האָבן אויסגערויבט אַלץ, וואָס ס'איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. אָבער באַלד זענען זיי אַוועק נאָך די אַנטלויפנדיקע עסטרייכער און אַלץ האָט זיך אין דעם שטילן העק צווישן די וועלדער אומגעקערט צום אַלטן. אין איסר לאהס שענק, ווו קאָזאַקן האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן אין די ערשטע בהלהדיקע טעג, איז ווידער געוואָרן לעבעדיק ווי אַמאָל.

ווען מ'האָט זיך שוין אַ ביסל איינגעלעבט מיט די רוסן, האָבן זיך אומגעקערט די עסטרייכער מיט די דייטשן. די מלחמה, וואָס מ'האָט געזאָגט אַז זי וועט דויערן זעקס וואָכן, האָט זיך פאַרצויגן אויף יאָרן. נאָך פיר יאָר, ווען בײדע אַרמייען האָבן שוין געגומען צעפאַלן און ס'האָט אויסגעזען אַז ס'עט נעמען אַ סוף, האָבן פאַר דעם ווינקל פון גאַליציע זיך גענומען שלאָגן פאָליאַקן מיט אוקראַינער, און פעטלורצעס זענען אַריין פון רוסלאַנד און געמאַכט שחיטות אויף יידן. יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר. ערשט אונטער דער תחית־המתים־אויפגעשטאַנענער פוילישער מלוכה, האָט זיך צו ביסלעך ווידער איינגעשטעלט אָרדענונג.

איסר לאהס האָט אַלץ איבערגעלעבט. איין זון איז געפאַלן אין די שלאַכטן אין די קאַרפאַטן־בערג, אַ צווייטער האָט זיך אומגעקערט, אָבער פון אַ קויל, וואָס ער האָט געקראָגן, האָט ער נישט געקאָנט רירן מיט דער רעכטער האַנט. אויסגעגעבן אַלע קינדער, איז איסר לאהס געבליבן מיטן יונגסטן, פיניען, וואָס זיין ווייב חנה הינדע האָט אים געבוירן אין די שפּעטע יאָרן. חנה הינדע, וואָס האָט געבראַכט אויף דער וועלט זעקס קינדער, האָט עטלעכע יאָר שפּעטער אויסגעהויכט איר ריינע נשמה, און איר אויסגעהאָרעוועטער גוף האָט געפונען רו אויף דעם קליינעם בית־עולם הינטערן שטעטל, אונטער די אומעטיקע פוילישע הימלען.

איסר לאהס האָט נאָך געהאַט אַ סך כוחות אין זיין אַלטן גוף. ער איז געווען אַ שווערלייביקער ייד מיט תמימותדיקע אויגן. אַ בכבודיקע

רויט־געאָדערטע נאָז האָט זיך שטאַרק אַרויסגעזען פון אַ פּנים באַוואַקסן מיט אַ געדיכטער באָרד, וואָס האָט צוערשט געשיינט מיט אַ טאַבאַק־געל־קייט און דערנאָך געוואָרן ווי קויטיקער שניי. ער איז געווען אַ דאָרפּי־שער ייד מאבות אבותנו. זיין משפּחה האָט תמיד געוווינט אין דערפער, געהאַלטן קרעטשמעס און מילן. איסר לאהס האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן צווישן גוים און זיך מיט זיי פאַרטראָגן בעסער ווי מיט אַ סך יידן פון שטעטל, אָבער אַז ער האָט זיך שבת געשטעלט דאַוונען ביי זיך אין אַלקער, איז אינאיינעם מיט די שבתדיקע מלבושים האָט זיך ווי אַן אַנ־דער נשמה אין אים אויפגעוועקט. ער האָט געוויינט פאַר גאָט מיט אַזאַ אויפריכטיק געבעט, וואָס קומט פון האַרצן, געצויגן זיך מיט די הענט צו די הימלען, געקלאַפּט מיט די פויסטן אין וואַנט און געבעטן זיך ביי גאָט: גיב אונדז כוח צו ליידן צוליב דיין גרויסן נאָמען, נישט צוליב אונדז... קער אונדז אום אין דיין הייליקן לאַנד ציון... פאָטער אין הימל, לייז אונדז אויס פון שווערן גלות... די תפילות האָבן לייכטער געמאַכט דעם עול פון זיין שווער לעבן.

אונטער די פּאָליאַקן איז דאָס לעבן שווערער געוואָרן. די פּאָ־ליאַקן האָבן מיט שטייערן און אַלערליי גזירות אַלץ געטאָן אַרויסצורייסן ביים יידן דעם ביסן פון מויל. איסר לאהס האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן, כאָטש ער איז איצט פאַרבליבן דער איינציקער ייד אין דאָרף. פאַר פּיניען, זיין בן־זקונים, האָט ער שוין נישט געקאָנט ברענגען קיין מלמד אין שטוב, האָט ער מיט אים אַליין געלערנט דעם א״ב פון אַן אַלטן מחזור מיט צעקרישלטע פאַרגעלטע בלעטער. ער האָט אים דערנאָך געשיקט אין חדר אין שטעטל, אַרויפגעלייגט עטלעכע זעקלעך בולבעס און בורעקעס אויף אַ וועגעלע, אַרויפגעזעצט פּיניען און אַוועקגעפירט אים צו אַן אָרעמ־ער שוועסטער. אָבער פאַר פּיניען איז דער חדר געווען אַ געפענגעניש. ער האָט געבענקט אַהיים צום דאָרף, צום פעלד. איין טאָג האָט ער זיך געלאָזט לויפן פון שטעטל אַהיים ווי אַ צעבריקעטער לאָשעק. ער איז גע־לאָפן דעם גאַנצן וועג ביז אין דאָרף אַריין.

די פינצטערע אומהיימלעכע וועלדער, וואָס האָבן איינגעראַמט דאָס דאָרף, האָבן אויף פּיניען נישט אַנגעוואָרפן קיין פחד. די געדיכטע שיכט פוילנדיקע נאָדלען פון די ריזיקע אַלטע סאָסנע־ביימער איז געווען ווי אַ ווייכער קאָבריץ פאַר זיינע באָרוועסע פיס. ער האָט געקענט יעדעס שטעגל

און וועגל אין וואַלד, ר׳האָט געוווסט ווו צו זוכן ניס און יאַגדעס און שוואָמען. ער האָט געוווסט, אַז ווו ס׳ענדיקט זיך דער סאָסנע־וואַלד און ס׳הייבט זיך אָן דער בוקעווער וואַלד איז דאָ אַ טיפע גרוב, ווו ס׳געפינט זיך אָן אוצר. דער וואַלד איז געווען זיין היים, זיין באַשיצער. דאָ האָט ער פאַרגעסן איוואַנען, דעם שיכור, וואָס אַז ער האָט זיך אָנגעשיכורט אין שענק, האָט ער געבראָכן פלעשער און גלעזער און געשריגן: „ווירזאַט", אויסקוילען, מ׳דאַרף אויסקוילען די יידן...

איוואַן, אַ הויכער גויעץ מיט האָר ווי שטרוי, וואָס האָבן אים פאַר־דעקט דעם נידעריקן חיהשן שטערן, האָט געוווסט אַז פיניע האָט פאַר אים מורא. ס׳האָט אים פאַרשאַפט שפּאַס צו יאָגן זיך נאָך דעם קליינעם פיניען און שרייען, אַז ער וועט אים אויסרייסן אַ פוס ווען ער כאַפּט אים, און זען ווי פיניע אַנטלויפט פון אים ווי אַ צעשראָקן העזל. פיניע איז פון אים אַנטלאָפן אין וואַלד, נישט אַהיימגעקומען ביז ער האָט דערהערט אַז מ׳רופט אים.

פיניע האָט געלעבט אין אַ וועלט פון דמיונות. די וועלט איז געווען פאַר אים פול מיט ווונדער און סודות. ער האָט גערעדט צו ביי־מער. די דאָרפישע מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ תם. ווען פיניע איז געקומען אין שטעטל, האָבן די יינגלעך פון אים געלאַכט אַזוי ווי די דאָרפישע שקצים, וואָס האָבן אים נאָכגעשריגן אַלערליי צונעמען און באַוואָרפן מיט שטיינער. ער איז אַנטלאָפן אין וואַלד, געחלומט, ער וועט זיך אָנטרעפן אויף אליהו הנביא אָדער אַ למד־וואָווניק און מיט זיי אַרומ־וואַנדערן. ער האָט זיך אָנגעהערט מיט די מעשיות פון צדיקים און נישט־גוטע און נישט איין מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער זעט זייערע געשטאַלטן פאַרביישוועבן. ער האָט זיך געקאָנט אָוועקשטעלן ביים שטראָז, וואָס האָט געשניטן דעם וואַלד ווי אַ ליכטיקער טייך, פאַרקוקן זיך און זען געשטאַלטן און געשעענישן פון חומש און פון די מעשיות וואָס ער האָט געהערט דעם טאַטן דערציילן, אָדער וואָס ער האָט געהערט אין שולעכל צו בין־השמשות.

די יאָרן זענען געגאַנגען. איסר לאהס איז שטאַרק אַלט געוואָרן. אַלערליי ווייטיקן האָבן אים געפּלאָגט. ער האָט זיך געבויגן צו דער ערד, בשעת פיניע האָט אַ שאָס געטאָן אין דער הויך ווי אַ יונג ביימל.

פון זיין איינגעפאַלן, ביינערדיק פּנים האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע אויגן מיט אַ פאַרנעפּלט פייער. ער האָט אויסגעזוייכט מענטשן, זיך אַרומגע־שלאַנדערט איבערן דאָרף ווי אַ נישט־דאָיקער. ער האָט דערזען איין מאָל דעם קאָוואַל סעמיצקיס טעכטערל זיך באָדן אין טייכל. זי האָט געמיינט, אַז זי איז אַליין אין דער וואַלדיקער סאַזשעלקע, וואָס איז אָנגעשוואָלן נאָך אַ רעגן, און אַ נאַקעטע געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ אין דעם קלאָרן וואַסער. איר ליכטיק לייב האָט פּיניען אַזוי צעמישט, אַז ער איז געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. עס האָט אים דערנאָך קיין רו נישט געגעבן און ער האָט געטשאַטעוועט און אַרומ־געשלייכט זיך נאָך דעם מיידל. דער קאָוואַל איז געקומען צו איסר לאהס מיט סטראַשונקעס, געכאַפּט זיך שלאָגן...

איסר לאהס האָט פון פּיניען תמיד געהאַט עגמת־נפשן און בזיונות. ער האָט פון אים נישט געהאַט קיין הילף אין שענק. און ווען ער איז אַוועק אויף יום־טובים אין שטעטל, איז פּיניע געבליבן אין דער היים.

ווען די קינדער האָבן ביי איסר לאהס סוף־כל־סוף געפּועלט, ער זאָל פאַרלאָזן ס׳דאָרף און זיך באַזעצן אין שטעטל איז פּיניע מיט־געגאַנגען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדער צווישן די שטעטל־דיקע מענטשן, נישט געוווּסט צו וואָס זיך צו נעמען. מ׳האָט אים געשיקט אין מאַרק האַנדלען. ער האָט נישט געהאַט קיין השגה אין האַנדל אָדער מלאכה. אַן אַ זיי־געזונט גייט ער אַוועק צוריק אין דאָרף, אין איינגעפאַ־לענעם שטיבל ביים וואַלד, וואָס איסר לאהס האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר, ווייל ער האָט דערויף קיין קונה נישט געפונען...

דער דאָרפישער שענק האָט זיך געבויגן צו דער ערד גרייט איינ־צופאַלן. פּיניע האָט געלאַטעט, פאַרריכט, געבראַכט פון שטעטל אַ ביסל סחורה. די פּויערים האָבן פון אים געחוזקט, אָנגעטאָן אַ סך צרות דעם „דורני זשידעק״, אָבער מ׳האָט פאַר אים מורא געהאַט, אויך פאַר דעם קוק פון זיינע אויגן, וואָס איז געווען ווי פון אַ מענטשן נישט פון דער וועלט. מ׳האָט אים געזען זיך אַרומשלייכן אין וואַלד פאַרקוקט ערגעץ און פאַר־טראַכט אין מחשבות. גויעס האָבן אים געבראַכט ברויט און קאַרטאָפליעס און מילך, געבעטן ער זאָל זיך „מאָדליען״ פאַר זיי.

*

פּיניע האָט געלעבט אַ פּרושדיק איינזאַם לעבן אין זיין פאַטערס

שטוב, אין דעם אַמאָליקן דאָרפישן שענק, ווו ער איז אויסגעוואַקסן, צווישן וואַלד און פעלד וואָס זענען אים געווען אַ סך נענטער ווי מענטשן. ער האָט געלעבט מער אין וואַלד און פעלד ווי אין דער שטוב, וואָס דער וואַלד און די ערד האָבן צוריקגענומען, אַריינגעריסן זיך איבער דער שוועל, איבער די פענצטער מיט צעוואַקסענע קוסטן און ווילדע באַשע־פעניש, פייגל און פלאַטערלעך. ער האָט געלעבט ווי אַן איינזאַמע חיה, געוויכט פון מענטשן, וואָס האָבן אים אויסגעלאַכט און פאַרשטויסן. פיניע האָט געלעבט אין מאָדנע חלומות.

אין די חלומות האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז גאָט איז זייער נאָענט צו אים. ער איז געווען דעמאָלט פאַרגליוועט, פאַרשטאַרט. אַלע זיינע תרעומות און יסורים זענען אָפּגעטראָטן, געוואָרן נישטיק. פיניע האָט דערפילט אין זיך אַ גליקזעליקייט. ער מוז ליב האָבן אַלע מענטשן, ער טאָר אויף קיינעם נישט טראָגן קיין בייז האַרץ, זיין גאַנץ לעבן דאַרף ער דאַנקען און לויבן גאָט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט אים געטאָן...

די צייט איז ווי שטיין געבליבן פאַר פיניען. די דרויסנדיקע וועלט האָט אַלץ מער פאַרלוירן איר ממשות. ער האָט געלעבט מיט דעם נס פון גאָטס נאָענטקייט, ער האָט געפילט גאָט אין יעדן צווייגל, אין יעדן בלעטל, אין יעדן קריכנדיקן זשוקל, יעדן גערויש פון ווינט און געזאַנג פון פויגל.

דאָס זענען אָבער געווען נשמה־דערהייבונגען וואָס זענען אויף אים געקומען נאָך לאַנגע אומבלאָנדזשענישן אין פינצטערניש, אין פאַר־יאושטער דערשלאָגנקייט. פיניע האָט נישט געקאָנט משיג זיין פאַרוואָס גאָט קערט זיך אָפּ פון אים מיטאַמאָל, נאָכדעם ווי ער האָט אים אויס־געקליבן צו דערהייבן צו זיך. אין פאַרלוירנקייט און פיין האָט ער אויפ־געריסן אַלע אַלטע ווונדן. ער האָט געשריגן צו גאָט, פאַרוואָס ער האָט אים אויסגעקליבן צו ליידן מער פון אַלע מענטשן, צו זיין פאַרשטויסן, צו ליידן הונגער און קעלט און שפּאָט פון מענטשן. ביז ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז ספקות און פרעגענישן און קלאָגענישן זענען קייטן וואָס בינדן אים צו צו דער ערד. ער מוז תפילה טאָן, הייליקן זיך, ער זאָל קאָנען דערזען גאָטס ליכט אין דער פינצטערניש, קאָנען דערפילן זיין ליכט אין דער פינצטערניש וואָס הויערט איבער וועלט...

.2

די פוילישע ערד איז ווידער געוואָרן אַ שלאַכטפעלד. ווי אַ יאַסטרויב, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ קורניק מיט הינער, האָבן היטלערס באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פוילישע שטעט איבערלאָזנדיק ברענענדיקע חורבות. היטלערס טאַנקען האָבן זיך ווי מיט שאַרפע קלינעס אַריינגעשניטן אין דער פוילישער אַרמיי און זי צעהאַקט אויף שטיקער.

אין סעכיוו, דעם ישוב צווישן וועלדער, זענען פוילישע זעל־נער געקומען גראָבן אָקאָפּעס אין וואַלד. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן שוין דערגרייכט אַהער. באָמבעס האָבן אויפגעריסן מיט פייער און פלאַם. די שטעטלעך אַרום האָבן געברענט. אַלץ איז געגאַנגען מיט אַזאַ מוראדיקער גיכקייט. די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט אַ שיסעריי און מוראדיקע געשרייען. דאָרפישע לייט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער אין פעלד, אין קעלערס. זיי זענען אַרויסגעקראָכן ווען ס'איז שטילער געוואָרן און געקוקט מיט שרעק־פאַר־קלעפּטע אויגן אויף די מאָנסטערדיקע טאַנקען, וואָס פליסן אָן אויפהער איבער אַלע וועגן און שטעגן. און אָט קומען זיי, די היטלעריסטישע חיות־רעות, מיט אויטאָמאַטישע ביקסן גרייט צו שיסן. זיי קלאַפּן מיט די קאָל־בעס אין די פאַרהאַקטע דאָרפישע שטיבער. פויערים קריכן אַרויס פון באַהעלטענישן, בייגן זיך מיט גרויס אַפּשיי.

פּיניע האָט געהערט פון די גוים, אַז ס'קומט אַ מלחמה. אַז היט־לער קומט אויסקוילען אַלע יידן. פּיניע האָט ביי זיך געקלערט, אַז זיי חוזקן פון אים, די רשעים. ווען ס'האָט אויפגעטרייסלט די שטילע דאָרפישע הימלען דאָס ווילדע ברומען פון די באָמבאַרדירערס און פייערן האָבן אויפגעשאָסן צו די הימלען, און דאָס דונערן פון קאַנאָנען האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבערן דאָרף, איז פּיניע געוואָרן ווי פאַרגליווערט פון פחד. בלוטפאַרגיסונג, מאָרד — דאָס האָט ווי אַ שאַרף מעסער געשניטן זיין האַרץ. פּיניע האָט נישט געקאָנט צוזען אַ צעטראָטן זשוקל, וואָס זיין פוס האָט צעטראַמפּלט אין וועג. ער האָט נישט אָפּגעריסן קיין צווייגל פון אַ בוים, ווייל ס'איז אַ לעבעדיקע זאַך. ער האָט געהיט אַ נעסט פון יונגע פייגל, קיין בייז זאָל זיי נישט געשען.

אַ שטורעם האָט זיך אַריינגעריסן און צעשטערט די שלווה פון

דער שטוב ביים וואַלד, ווו עס האָבן אַריינגערוישט זייערע סודות די צע־שאָקלטעביימער, ווו ס׳האָט געקלונגען מיט די רופן, געזאַנגען, געשרייען פון פייגל און זשוקלעך און גרילן מכל המינים, ווו דער וועלט אָפּגעווייטערטער פרוש האָט געשפּירט גאָטס אָנוועזנקייט שוועבן איבער דער וועלט.

ווען פיניע איז אַרויס פאַרטאָג פאַר דער שוועל פון דער שטוב ביים וואַלד, איז אַרויסגעקומען פון וואַלד אַ יונג סאַרנעלע, אַ בישט זיכערס, אַ ציטערדיקס. די רויטלעכע פעל האָט געשווידערט אויף איר. זי האָט זיך אומגעקוקט מיט גרויסע מילדע אויגן. פיניעס האַרץ איז געווען איבערפולט מיט ליבשאַפט צו גאָטס באַשעפעניש. איצט זענען פיניעס טעג און נעכט דורכגענומען געוואָרן מיט אימה. עס האָבן זיך אויפגע־וועקט אין אים אַלע שרעקן פון זיינע קינדער־יאָרן בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אים דוכט זיך, אַז ער הערט די מאַמע רופן מיט אַ צע־טרייסלט קול: קינדער, לויפט זיך באַהאַלטן... דער אַלטער טאַטע איז אים געקומען צו חלום, געקוקט אויף אים מיט טרערנדיקע אָנגעצונדענע אויגן, געבייזערט זיך און געמוסרט ווי אַמאָל...

ער הערט די קולות פון די דייטשע זעלנער, וואָס שיכורן און הוליען אין פויערישע שטיבלעך. זייערע ווילדע אויסגעלאַסענע געשרייען רייסן אויף די נאַכט־שטילקייט.

פיניעס האַרץ איז צעפּייניקט. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גע־דיכטער פינצטערניש. ער אַנטלויפט אין וואַלד צו זיין ווייט פון מענטשן און זייערע טועכצן.

טיף אין וואַלד איז פיניע אָנגעקומען צו אַ באַגראַזטער עפענונג צווישן ביימער. די וואַלדיקע לאָנקע, וואָס איז אַמאָל געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדע בלומען און יאַגדעס, איז געווען צעגראָבן, די ערד אויסגע־גלעט, צעשניטן אין גלייכע קוואַדראַטן. ס׳איז איצט געווען אַ גרויס קברים־פעלד, ווו מען האָט באַגראָבן הונדערטער געפאַלענע זעלנער. אין יעדן קבר איז געווען אַריינגעשטעקט אַ ברעטל מיט אויסגעקריצטע נעמען. פיניע איז געבליבן אַ פאַרציטערטער. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פון דער ערד קומט אַ יאָמער־געשריי פון די פאַרשניטענע לעבנס. פיניעס לייב האָט געגליוועט פון פחד.

פיניע האָט אין די נאַכטיקע פינצטערנישן צווישן די וועלדער אַרויסגעקוקט צו דעם אויסגעשטערנטן הימל, געזוכט אין די הימלען אַן

ענטפער אויף דעם, וואָס האָט געפּייניקט און געברענט און נישט אָפּגעלאָזן זיינע געדאַנקען.

*

איוואַן דער שיכור. וואָס האָט אַמאָל אַנגעוואָרפן אַזאַ שרעק אויף דעם קליינעם פּיניען, איז איצט אַן אויסגעבויגענער קראַנקער גוי, גייט אָנגעשפּאַרט אַן אַ שטעקן, אָבער דער דורשט נאָך בראַנפן ברענט נאָך שטאַרקער ווי תמיד אין זיינע מוטנע אויגן. ער איז נישט איינמאָל געקומען צו פּיניען אין שטוב, ער זאָל אים געבן בראַנפן, געשריגן און געזידלט, געשריגן „וויריזאַט״ ווי אַמאָל. ער האָט געהיט פּיניעס טריט, געוואַרט אויף אים און געשלייכט זיך נאָך אים אין שטוב: בראַנפן! בראַנפן! בורטשעט דער אַלטער שיכור — פּיניע, הער וואָס איך זאָג דיר, גיסט נישט קיין בראַנפן, גיי איך צו די דייטשן... זיי פרעגן אויף יידן, זיי קוילען יידן... אָדער איך וואַרט פּיניע, וועסט געבן בראַנפן, אַ סך בראַנפן, אָדער איך גיי צו די דייטשן... פּיניע איז געווען פאַרגליווערט שווייגנדיק. זיין קוק אַ שווערער, דער קוק פון אַן איינזאַמען מענטשן, וואָס איז פאַרפרעמדט פון מענטשן און געווען נאָענט צו גאָט. אויפן געדאַנק איז געקומען עפּעס וואָס ער האָט געזען אין וואַלד: אַן אַלטע בייזע וואָראָנע וואָס איז אַרויף אויף אַ הויכן צווייג און דאָרט געשלאָגן אַרום זיך מיט אירע אויסגעקראָכענע פליגל און געשרייען אַן אויפהער מיט אַ מערדעריש בייז געשריי.

3.

אַ פאַרשטילטער אָסיענדיקער טאָג. מיטאָג־צייט האָט די זון מיט כוח זיך דורכגעריסן דורך די לויז־געוואָרענע נעפּלען און דורכגעליכטיקט דעם אומעטיק־גרויען טאָג. אין די דאָרפישע פעלדער האָבן פויערטעס געגראָבן קאַרטאָפל. דער רויך פון ברענענדיקע בלעטער האָט זיך צעטראָגן איבערן דאָרף. פאַרנאַכט האָט זיך אויפן פוילישן וועג, וואָס איז געווען פול מיט טייכיקע לוזשעס און געדיכטע בלאָטעס פון שווערע כסדרדיקע רעגנס, באַוויזן אַ גרויסע מחנה מענטשן, אַרומגערינגלט פון דייטשע ריי־טער. ווען זיי זענען אַריין אין דאָרף, האָט מען דערזען אַז דאָס זענען יידן פון שטעטל, גאַנצע משפחות שטעטלדיקע יידן מיט זייערע ווייבער און

קינדער באַלאַדענע מיט פעקלעך, קלומיקעס און זעק. מאַמעס האָבן גע־טראָגן קליינע עופעלעך אויף די הענט. פון שווערן לאַנגן וועג זענען אַלע געווען אויסגעמאַטערטע, אויסגעגנאַרעטע אין בלאָטעס. די דייטשע זעלנער האָבן געטריבן די מחנה מיט געשרייען און זידלערייען און גע־שלאָגן מיט קאָלבעס פון זייערע ביקסן און בייטשלעך. איצט, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף, האָבן די דייטשן צוזאַמענגעקוועטשט ענגער די צעוואָרפענע מחנה און געשריגן אַז מ׳וועט שיסן פאַר אַנטלויפן.

דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרויסגעלאָפן און געקוקט ווי אויף בייז ווונדער. פויערים האָבן געהאַט אַלטע חשבונות מיט די שטעטלדיקע יידן, וועמען מ׳האָט נישט געוואָלט באַרגן אַ פאָר שטיוול און וועמען ס׳איז שול־דיק געלט און ווער ס׳האָט פאַרמשכנט זאַכן און ווער ס׳איז גלאַט פול מיט שנאה. אָי, גוט — האָבן די פויערים זיך פּאָסמאַקעוועט — אַ סוף איז געקומען אויף די יידן. היטלער ווייסט וואָס צו טאָן... פויערישע אויגן האָבן בייז־רציחהדיק געברענט ווי ביי פאַרהונגערטע וועלף. זיי האָבן די באַקאַנטע יידן צוגעוואָרפן שפּאָט־ווערטלעך, געכאָכאָטשעט. ביי אַ פּאָר באַרעמהאַרציקע גויעס האָבן די יידישע מאַמעס מיט די יאָמערנדיקע קינ־דער דערוועקט אַ פונק רחמנות. זיי זענען געלאָפן אַהיים און געבראַכט אַ פּאָר טרוקענע קאַרטאָפל, אַ טעפּל מילך, אָבער די היטלעריסטישע זעלנער האָבן נישט צוגעלאָזט אפילו אַ ביסל וואַסער דערלאַנגען. זייערע בייטשלעך האָבן זיך צעקנאַקט איבער די פויערישע קעפּ. די שמחה האָט זיך אָפּגעטאָן פון די פויערים, זיי האָבן דערפילט אַז ביים דייטש האָבן זיי נישט קיין גרעסערן ווערט ווי די יידן.

*

ביינאַכט האָט זיך אין איסר לאהס האַלב־איינגעפאַלענער שענק־שטוב אַריינגעשלייכט אַ באַשאַלטע פרוי מיט אַ קינד אויף די אָרעמס. דאָס איז געווען איסר לאהס עלטסטע טאָכטער, דבורה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט פייוויש דעם בעקערס זון, שמואליק. ס׳קינד איז געווען איר אייניקל. פיניע האָט די שוועסטער כמעט נישט דערקענט. ווען ער איז געווען אַ יינגל, האָט אים דער טאַטע מיטגענומען פאַרנדיק צו גאַסט צו איר, איז זי געווען אַ באַלעבאָסטע אין אַ שיינער שטוב מיט אַ ליכטיק ווייס פּנים מיט שיינע באַלעבאַטישע קליידער. איצט איז זי געווען אַ צע־שראָקענע אַלטע יידענע, אויסגעגנאַרעט פון בלאָטע און געציטערט פאַר

שרעק און קעלט. ווען זי איז געקומען צו זיך און געקאָנט רעדן, האָט זי דערציילט: דעם טאַטן האָבן די דייטשן דערהרגעט ווען זיי זענען אַריין אין שטעטל. איר מאַן און עלטסטן זון האָבן זיי פאַרשלעפּט צו דער אַרבעט, איצט האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון שטעטל, מ׳ווייסט נישט וווהין מען טרייבט, מ׳זאָגט אַז מ׳טרייבט אין וואַלד און מען דערשיסט. ס׳איז איר געלונגען צו אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך בייטאָג אין וואַלד און זיך דער־שלעפּן אַהער. זי האָט דערציילט ווי אַזוי די דייטשן האָבן זיך גענומען פאַרטרייבן די יידן פון שטעטל. די דייטשן האָבן באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן זיך מיט זייערע זאַכן צוזאַמענקומען אין מאַרק. טייל יידן האָבן נישט געפאָלגט, דייטשן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל זוכן די באַ־האַלטענע, מען האָט געשאָסן און געשלאָגן און געהרגעט. זי האָט אויס־דערציילט וועגן די שטעטלשע יידן וואָס זענען אומגעקומען ביים גירוש. שלום דער שמש איז געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט אין מיטן מאַרק מיט אַ צעהאַקטן בלוטיקן קאָפּ, זיין באָרד איז געווען אין גאַנצן אויסגעווייקט אין בלוט. דער לאַנגער חיים מיט דער קוליע האָט עפּעס אין האַלב דייטש געטענהט צו די דייטשן — ער איז געווען אַן עסטרייכישער זעלנער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און גערעדט אַ ביסל דייטש. די דייטשן האָט דאָס ווילד געמאַכט, זיי האָבן אים געשלאָגן מיט די קאָלבעס און געטראָמפּלט מיט די פאַרנאָגלטע שטיוול ביז ער האָט זיך מער קיין ריר נישט געטאָן. איסר דעם דיינס קראַנק ווייבל איז געגאַנגען צו־פּאַמעלעך, אַ דייטש איז צו איר צוגעלאָפן און גענומען שטעכן מיט אַ שפּיזיקן מעסער. זי האָט געשריגן, געבעטן רחמים און ער האָט געשטאָכן און געשטאָכן. דערציילנ־דיק דאָס אַלץ האָט פּיניעס שוועסטער געוויינט און געיאָמערט. זי האָט באַוויינט דעם גורל פון איר משפּחה, אַלע מאָל האָט זי זיך דערמאָנט אין עמעצן אַנדערש — ביז זי האָט נישט געקאָנט מער רעדן...

זי האָט געהאַט אַ ביסל געלט, זי האָט געוואָלט געפינען אַ גוי וואָס וועט זי דורך די וועלדער צופירן אין דער גרעסערער שטאָט ק. צו איר שוועסטער. אין די גרעסערע שטעט איז שטילער, מ׳איז זיכערער מיטן לעבן. אפשר וועט זי קאָנען אויסגעפינען וועגן איר מאַן און זון, זיי לאָזן ווּיסן ווו זי איז...

אַ וואָך צייט איז זי געווען אויסבאַהאַלטן, נישט אַרויס פון שטוב בייטאָג, אָבער מ׳האָט צוגעטראָגן די דייטשע זשאַנדאַרן. זיי זענען גע־

קומען צולויפן, פאַרכאַפּט דאָס ווייבל מיטן קינד, אַריינגעוואָרפן אין זיי־ער מאַשין און זיי אַוועקגעפירט. פיניע איז בשעת מעשה געווען אין דאָרף, געגאַנגען קריגן עסנוואַרג פון די גויים. אויפן וועג צוריק האָט אים אַן אַלטער גוי אַריינגעשושקעט אין אויער די שלעכטע בשורה, גע־וואָרנט, אַז ס'וועט מיט אים דאָס זעלבע געשען און געעצהט ער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. ביינאַכט וועט ער קאָנען קומען אין דאָרף... נישט אַלע זענען רשעים... ער איז געווען אַ גוטער פריינד פון זיין פאָ־טער, האָט דער פויער געזאָגט, די שלעכטע צייטן וועלן אַריבער... ער האָט אַריינגעקוקט פיניען אין די אויגן ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט באַשייד...

*

ס'איז נישט שווער געווען פאַר פיניען זיך אויסצובאַהאַלטן אין די וועלדער, אָבער ס'נישט געווען דאָרט קיין אָנטרינונג פאַר זיין צע־פייניקטער נשמה. די וואַלד־פוסטקייט האָט געאָטעמט מיט אימה, פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ וועלט פון נישט־גוטע, פון געשפּענסטער און ווילדע פאַרזעעניש. נישט־מענטשלעכע געשרייען האָבן אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן, געשרייען פון קליינע קינדער, דאָס משוגענע געלעכטער פון מערדער... עס שטייען כסדר פאַר די אויגן די שוועסטער מיטן דערשראָקענעם יינגעלע, ווי זיי האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין שטוב אויסגענאַרעטע אין בלאָטעס, ציטערנדיקע פון קעלט און שרעק... און די שטעטלדיקע יידן מיט זייערע קלומיקעס און פעקלעך און קינדער ווען די דייטשן שלאָגן מיט די ביקסן. ער האָט געזען פאַר זיך דעם פאָטער ווי ער שטייט און דאַוונט יום־כיפור אין שטעטל, מיט אַ גאַנ־צער עדה יידן פאַרהילט איבער די קעפּ אין טליתים... און די וועקסענע ליכטער פון כל־נדרי... זאָלסט זאָגן קדיש נאָכן טאַטן, האָט צו אים געזאָגט די שוועסטער, זיי האָבן אים דערשאָסן די מערדער. אין פיניעס זכרון האָבן זיך אויפגעריסן אַלע תפילות און תחנונים און געקלאָגן. פיניעס תפילות און קולות האָבן זיך צעטראָגן איבערן וואַלד...

דורך די נעכט האָט זיך פיניען אויסגעדוכט, אַז ער הערט יאָמער־לעכע געשרייען, עמעצער רופט אים: פיניע! פיניע! העלף! און איוואַן לאַכט, ס'לאַכט דער נישט־גוטער, פאַרגייט זיך אין געלעכטער. זיין פנים פלאַמט פון שיכרות. ער רעוועט אַ ווילדער: אויסקוילען!

— גאָט — שרייט פּיניע, — פאַרוואָס דערלאָזסטו עס ?
קיין ענטפער.

פּיניע נישטערט זיך אין זיין לעבן. דער נאָגל פון חרטה בויערט זיין האַרץ. ער האָט פאַרלאָזן זיינע אייגענע. ער האָט פאַרשאַפט יסורים זיין פאָטער, זיין מוטער, זיינע ברידער און שוועסטער. ער האָט זיך דער־פילט ווי אַ פאַרשטויסן קינד. אַ געפּייניקטער פון שרעק, חלומות און יאוש, האָט פּיניע זיך געבעטן ביי גאָט: גאָט, דערבאַרעם זיך! שטאַרק מיך, גאָט!

ער האָט זיך געפּייניקט, נישט צוגערירט זיך צו וואַסער אָדער עפּעס וואָס קאָן דערהאַלטן ס׳חיות — ער וועט זיך פּייניקן אַזוי לאַנג ביז גאָט וועט אויף אים רחמנות האָבן און דערהערן און געבן אים אַ סימן.

*

אַ שטורעמדיקע ווילדע נאַכט. דער וואַלד האָט געקרעכצט און געברומט אונטער די קלעפּ פון שטורעמווינט. בליצן האָבן אַראָפּגעצני־דערט פון די הימלען און ביימער האָבן אויפגעפלאַקערט ווי שטורקאַצן. פּיניע האָט געפונען אַ ביסל באַשיצונג אין אַ פאַרלאָזן שטיבל פון וואַלד־שומר.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ צעליכטיקטער. די זון האָט גע־שיינט איבערן וואַלד, פייגל האָבן געזונגען און פון לויטערן הימל איז גערונען ליכטיקייט און פרייד.

פּיניע האָט דערהערט אַ קול:

— פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן? פאַרוואָס האָסטו זיך באַ־האַלטן?

דאָס קול איז געווען אַזוי נאָענט און צערטלעך, אָבער דעם מיין דערפון איז געווען שווער צו כאַפּן. פּיניע האָט איבערגענישטערט זיין לעבן. גייט ער אויף אַ פאַלשן וועג? האָט ער זיך נישט אָפּגעקערט פון דער וועלט פון שלעכטס, כדי ער זאָל אין ריינקייט אָפּוואַרפן פון זיך אַלע ערדישע געדאַנקען, אַלע שטרויכלונגען פון זינדיקן גוף, כדי צו קאָנען דערהייבן זיך צו גאָט, כדי צו זיין נאָענט צו אים און דינען אים מיט אַ ריין האַרץ? אָבער גאָט ווייזט אים, אַז ער איז אויף אַ פאַלשן וועג...

פּיניע האָט צעגריבלט זיין האַרץ: פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען

אין אַזאַ עת־צרה זיין צוזאַמען מיטן טאַטן, מיט די ברידער און שוועסטער, מיט אַלע יידן? האָסט זיך פאַרגראָבן ווי אַ חיה אין אַ נאָרע. ווען די מערדער זענען געקומען, האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן, ביסט אַנטלאָפן. אָבער גאָט איז אַ בעל־רחמים, גאָט האָט זיך מרחם געווען אויף דיר, געוויזן דיר, אַז דו האָסט געזינדיקט, טאָרסט זיך נישט אויסבאַהאַלטן. גיי צו דיינע — העלפן זיי בעת־צרה. דערפאַר האָט זיך דער טאַטע געבייזערט ווען ער איז צו דיר געקומען אין חלום, געשטאַנען איבער דיר מיט צעכעסטע אויגן...

ער מוז זיך אומקערן צו מענטשן, איז פיניען קלאָר געוואָרן. ער וועט גיין צו יידן. טרייסטן, שטאַרקן, דערציילן פון גאָטס דערבאַרעמדיקייט, גאָט איז ווי אַ פאָטער.

*

פיניע איז אַרויסגעקומען פון וואַלד. ער איז אַרויס אויף דעם וועג וואָס האָט געפירט אין שטעטל. זיין טראָט איז געווען אַ לייכטער, זיינע אויגן האָבן געלויכטן. ער האָט געברומט אַ ניגון, אַ זמרל.

ער איז שוין געווען באַלד ביים שטעטל, ווען צוויי דייטשע זעלנער זענען צו אים צוגעלאָפן, פאַרשפאַרט אים מיט זייערע באַגנעטן דעם וועג.

— ווער איז ער? פון וואַנען קומט ער?

פיניע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ באַפאַלענע חיה. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען אַנטלויפן. אַ שפרונג צום וואַלד און לויפן, אָבער ער האָט געדענקט גאָטס קול: פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן? דאָס געזאַנג צו גאָט איז נאָך געווען אויף זיינע ליפן.

— יודע? יודע? — האָבן אים די דייטשע זעלנער געשטאָכן מיט די באַגנעטן.

— יודע, יודע — האָט פיניע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

*

טיף אין די וועלדער, וווּ ס׳האָט זיך געפונען דעם וואַלד־סוחרס ר׳ זישע העשלס טאַרטאַק, האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר יידן. מ׳האָט אַהין אַריינגעטריבן מחנות יידן פון אַרומיקע שטעטלעך צו האַקןביימער און אויסאַרבעטן אַלערליי געהילצער פאַר די

דייטשן. די דייטשן האָבן זיך דערוויייל געגייטיקט אין די יידישע אַרבעטס־כוחות און זיי געלאָזט לעבן.

באַלד ווי די דייטשן זענען אָנגעקומען, האָבן זיי פאַרטריבן פון זיין שיינעם הויז מיט וועראַנדעס דעם וואַלד־סוחר ר׳ זישע העשלס, צו וועמען דער טאַרטאַק האָט באַלאַנגט. ר׳ זישע העשלס, אַ ייד מיט אַ שיינער באָרד, זיכער ביי זיך מיט איינגעזעסענער דורותדיקער חשיבות, וואָס האָט נאָך געהאַט גרויסע וואַלד־קאָנטראַקטן בימי קיסר פראַנץ יאָזעף, האָט נישט געקאָנט משיג זיין אַז ס׳איז איצט אַן אַנדער צייט. די וועלט איז נישט הפקר, האָט ער געטענהט. ער וועט נישט שווייגן. ער וועט גיין צום העכסטן פריץ ווי ער האָט תמיד געטאָן. געלט מאַכט־אויף אַלע טירן. איז ר׳ זישע געלאָפן מאָנען יושר ביים דייטשן ראַיאָן־קאָמענדאַנט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער שיינער געריכט־געביידע פון גרעסטן שטעטל פון דער געגנט. ס׳האָט גענומען געלט און שתדלנות אַריינצוקו־מען צום פריץ. דער דייטשער קאָמענדאַנט איז געזעסן אין אַ רחבותדיקן זאַל ביי אַ ביוראָ מיט פאַפירן און טעלעפאָנען — אַ הויכער מאָגערער דייטש מיט אַ חלבדיק־גלאַטיק פנים, אין אַ שוואַרצן מונדיר און ברוינע שטיוול. ער האָט נישט געגעבן קיין סימן פון לעבן, אַן אויסגעצויגענער אין זיין שטול געקוקט דורך פינקלדיקע ברילן אויף ר׳ זישען. ער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט בשעת ר׳ זישע האָט אויסגעלייגט זיינע טענות. ר׳ זישע האָט געמיינט, ער איז אויף אַ וועג; ער האָט גע־רעדט העכער און שאַרפער, באַוויזן מיט שכלדיקע אַרגומענטן דעם נוצן, וואָס זיין לאַנגיאָריקע דערפאַרונג אין געהילץ קאָן ברענגען די דייטשן. אויסגעהערט ר׳ זישעס רייד, האָט דער דייטש זיך אויפגעהויבן, צוגעקומען נאָענט צו ר׳ זישען און אים גענומען האַקן מיט אַ רייט־בייטשל איבערן פנים און איבערן קאָפּ. ס׳זענען אַריינגעלאָפן זעלנער און זיי האָבן דעם צעבלוטיקטן ייד ערגעץ אַוועקגעשלעפט פון וואַנען ער האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט.

אַרום ר׳ זישעס טאַרטאַק האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט גאָר אַ גרויס וואַלד־ווערק. כסדר אים אויסגעברייטערט, אַריבערגעבראַכט אַ סך מאַשינעריע. יעדן טאָג האָט מען אַריינגעטריבן נייע מחנות יידן. איי־דער דאָס ליכט פון באַגינען האָט צעליכטיקט די וואַלד־טונקלקייט האָט דער לאַגער געזשומעט. יידן, צעטיילט אין פאַרשידענע גרופּעס אונטער

דייטשע משגיחים, האָבן געאײַלט צו דער אַרבעט אין וואַלד, צו די זעגמילן, צו די סקלאַדעס. מ'האָט געבויט אין גרויס געאײַל באַראַקן פאַרן קומענדיקן ווינטער. דערווײַל זענען די מחנות שקלאַפן־אַרבעטער געלעגן אונטערן הוילן הימל וואָס האָט געכליאַפּעט מיט אָסיענדיקע רעגנס. עסן האָט מען געגעבן זופּ און ברויט נישט גענוג צו דערהאַלטן ס'חיות, און די לאַנגע שעהן פון שווערער האַרעוואַניע און די רציחות פון די דײַטשע אויפזעערס האָבן אַרויסגעצויגן ס'חיות. דאָס איז נישט געווען דער דײַטש פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס די יידן האָבן געקענט און געהאָפט אַז מ'וועט מיט אים ווי־עס־איז דורכקומען.

ס'אַן אַנדער דײַטש — האָבן די יידן געזען — אַ רוצח, אַ מערדער און ער טוט זײַן מערדערישע אַרבעט אויסגערעכנט, מיט אַ סיסטעם. זויגט אויס פון קרבן דעם לעצטן טראָפּן בלוט איידער ער נעמט צו ס'לעבן: די מחנות קרעפּקע מענטשן (קיין אַנדערע האָט מען אַהער נישט געבראַכט) האָבן זיך פאַרביטן אין פאַרווילדעוועטע באַשעפענישן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געשפּענסטער, פאַרהונגערטע, צעפּייניקטע, אײַבער וועלכע אַ האַלב־משוגענער קאָמענדאַנט — מיט אַ באַנדע באַהעלפערס, דײַטשן און אוקראַינער — האָט מיט בעסטיאַלישן סאַדיזם, מיט טעגלעכע סעלעקציעס פון קראַנקע און שוואַכע פאַר דער קרעמאַטאָריע, געהאַלטן אין אַ מצב פון כסדרדיקן צאַפּלעניש און אימה. לעבעדיקע מענטשן האָבן זיך פאַרביטן אין אויטאָמאַטן, געפאָלגט בלינד יעדע קאָמאַנדע פון זייערע אויפזעערס, אויך זייערע אייגענע, וואָס זענען פון שרעק פאַרחיהשט געוואָרן און זיך איזדעקעוועט איבער יידן נישט ערגער ווי די דײַטשן און אוקראַינער.

די צוויי דײַטשע זעלנער וואָס האָבן פּיניען געכאַפּט אויפן וועג אין שטעטל, האָבן אים אַ צעבלוטיקטן געבראַכט אין דעם לאַגער. דעם צווייטן טאָג איז פּיניע אַוועק מיט אַנדערע יידן האַקן ביימער אין וואַלד.

פּיניע האָט געאַרבעט שטיל, הכנעהדיק. זײַנע תמימותדיקע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט צער און געפלעפטקייט. ס'איז אין אים געווען עפּעס וואָס האָט די דײַטשן ווילד געמאַכט. זיי האָבן אים געקאַטעוועט ביז ער האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. פּיניע האָט אַלץ אָנגענומען באהבה, געטרייסט אַנדערע שווער געליטענע. פּיניעס

פרומע רייד, זיינע וועלט־אָפּגעווייטערטע אויגן זענען פאַר די שווער־גע־פלאָגטע מענטשן געווען איבער דער טבע...

זיי האָבן פון אים געשעפּט און געחוזקט. פיניע האָט עס אָנגע־נומען פאַר ליב. זיין האַרץ איז געווען איבערגעפולט מיט ליבשאַפט און רחמים. ער האָט אַזוי לאַנג געלעבט אָפּגעשיידט פון יידן האָט ער געזוכט זיך צו דערנענטערן צו זיי.

ער איז נאָכגעלאָפן עטלעכע יידן, וואָס ער האָט געזען, אַז זיי זענען ווי אַרויסגעהויבן פון אַלע אַנדערע, אַרום וועלכע מ׳זאַמלט זיך בגנבה צו הערן אַ וואָרט, אפשר אויפכאַפּן אַ קוק וואָס זאָל געבן טרייסט... ער האָט געזען ווי מ׳קלייבט זיך אַרום זיי שטילערהייט אָפּצושעפּטשען אַ דאַוו־נען אין אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, וואָס די יידן האָבן עפּעס ווי דורך אַ נס געוווסט ווען ער פאַלט אויס.

פיניע האָט נאָכגעזאָגט די תפילות מיט אַ געבראָכן האַרץ, מיט פייער און פלאַם, נישט קוקנדיק אויף דער סכנה. די יידן האָבן אים אין שרעק געטריבן, אויף אים געקוקט ווי אויף אַ חסר־דעה, חושד געווען אין אים אַזאַ וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו די דייטשן.

אין לאַגער איז אָנגעקומען אַ רבי פון גרויסן יחוס, וועמען די יידן האָבן באַוויזן אויסצובאַהאַלטן און אָפּהיטן פון גיין אַרבעטן. ביי־נאַכט, אין דער פינצטער, האָבן יידן זיך געקליבן אַרום אים און ער האָט געמורמלט תורה און דערציילט פון גרויסע יידן און צדיקים און גערעדט פון גלות און אויסלייזונג. ער איז געווען אַ שוואַכינקער און געקוקט ווי מיט בלינדע אויגן און גערעדט בלחש מיט אָפּטע איבער־רייסן. עטלעכע פון די סאַמע נאָענטסטע מקורבים זיינע האָבן אים אַרומ־גערינגלט און געטריבן אַלעמען וואָס האָבן געוואָלט קומען נענטער. די מקורבים זיינע האָבן באַוויזן אָפּקויפן די אויפזעערס. פיניע האָט דעם רבין געקוקט אין די אויגן ווי אַ שטומער הונט און געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אָבער די נאָענטע צום רבין האָבן אים געטריבן און פיניען איז אויסגעקומען ווי דער רבי וואָלט געהייסן אים טרייבן... פיניע האָט געוואָלט אויסגיסן ס׳האַרץ פאַרן הייליקן רבין, דערציילן דעם רבין ווי אַ סך פון די יידישע אויפזעערס האָבן זיך איינגעקויפט ביי די דייטשן דורך אַרויסווייזן רשעות צו אייגענע, געשלאָגן און געממיתט און גע־מסרט צו די דייטשן. פיניע האָט זיך איין מאָל צוגעשאַרט צום רבין און

געגומען רעדן. דער רבי האָט אים גאָרנישט געענטפערט, זיך אָפּגעקערט, פאַרמאַכט די אויגן און עפּעס געמורמלט צו זיך. פּיניעס האָרץ האָט זיך אָנגעפּילט מיט פּיין. ס'האָט אים אויפגעשוידערט וואָס דער רבי שוויגט... דעם רבינס אויגן זעען אים נישט... ווען ס'איז צוגעקומען איינער פון די ערגסטע רשעים, האָט דער רבי זיך צוגעהערט. דער רבי האָט זיך גע־שושקעט מיט אים. פּיניע האָט זיך אָפּגערוקט אַ פאַרצערטער, אַ טיף־פאַרוווּנדיקטער. ער האָט זיך אויסגעלערנט שוויגן און פאַרבאַהאַלטן זיינע געדאַנקען. ווי אַ יאָזש האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט. ער האָט נישט געוואָלט זען דאָס געזעענע און דאָס געזעענע האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון אים.

אַמאָל, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט פּיניע ווידער דערפילט די נאָענטקייט פון גאָט. האָט ער, אַ געשטאַרקטער, תפילה גע־טאָן: גאָט. באַוויַיז זיך. ראַטעווע!

פּיניעס תפילות האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קרעכצן פון דעם פאַרזונקענעם באַראַק. דער קוימען פון קרעמאַטאָריע, וווּ מען האָט גע־ברענט די לייבער פון די וואָס האָבן נישט געטויגט צו אַרבעט, האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ בייזן ברום און אַ שיפע געטאָן מיט פלאַם און גליענדיקע פונקען אין דער נאַכט אַריין.

אין דעם גרויסן וואַלד־לאַגער זענען אויך געווען עטלעכע קליינע באַראַקן פאַר פרויען־אַרבעטאָרינס. כאָטש זייערע באַראַקן זענען געווען אָפּגעזונדערטע, אָפּגעצאַמטע און ס'האָט געדראָט מיט טויט פאַר דעם מינדסטן פּרווו זיך צו דערנענטערן זענען, נישט געקוקט דערויף, באַגע־גענישן צושטאַנד געקומען, איבערערעדן און צוזאַמענטרעפן אין אַדער אַרום דעם גרויסן שטח פון לאַגער, ווו די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען. דורך שטום־לשון, דורך אַ קוק, אַ שאָקל מיטן קאָפּ האָט מען זיך פאַרשטענ־דיקט. נישט איין מאָל זענען מענער און פרויען געשיקט געוואָרן צום טויט דערפאַר.

אין פרויען־לאַגער, נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער דיסציפּ־לין און זוכענישן און אַבלאַוועס, זענען תמיד געווען אויסבאַהאַלטענע עטלעכע קינדער וואָס די מוטערס האָבן, איין גאָט ווייסט ווי אַזוי, באַ־וויזן אַריינצונעמען מיט זיך אַהער, אפילו קינדער וואָס די פרויען האָבן

דאָ אין לאַגער באַווייז צו געבוירן און אויסהיטן און דערהאַלטן ביים לעבן.

די מוטערס האָבן נישט געטראַכט פון זייערע לעבנס און נישט געלאָזט פון זיך אָפּרייסן די קינדער, געקלאַמערט זיך אין זיי און אויסגע־קליבן צו גיין מיט זיי צום טויט.

דער בעסטער פּלאַץ אויסצובאַהאַלטן אַ קינד, עס זאָל האָבן אַ שאַנס צו בלייבן לעבן אַ שטיקל צייט, זענען געווען די מענער־באַראַקן. דאָרט האָט מען נישט פאַרדעכטיקט און נישט געזוכט און ס'האָבן זיך דאָרט עטלעכע קינדער פון צייט צו צייט אויסבאַהאַלטן.

פּיניע האָט באַלאַנגט צו אַ באַראַק פון האָלצהעקערס וואָס האָבן געהאַקט ביימער אין וואַלד. אין דעם באַראַק האָט זיך אויסבאַהאַלטן צווישן עטלעכע ברעטער אַ זעקס־יאָריק ייִנגעלע, וואָס איינער פון די אַרבעטער האָט געפונען אַרומבלאָנדזשען אין וואַלד. דאָס ייִנגעלע האָט דערציילט אַז ער איז אַנטלאָפן אין וואַלד ווען מ'האָט געטריבן אים מיט טאַטע־מאַמע און אַנדערע ייִדן מיטן וועג. דער ייִד וואָס האָט אים געפונען האָט דערציילט אַז ער האָט אים געטראָפן אַרומבלאָנדזשען אין וואַלד אַ פאַר־שמאַכטן פון הונגער און דאָרשט. עטלעכע לאַגערניקעס האָבן פאַר אים אויסגעמייסטערעוועט אַ באַהעלטעניש.

דאָס ייִנגעלע איז געוואָרן דער ליבלינג פון באַראַק. מ'האָט אים, נישט קוקנדיק אויף דער סכנה, באַוויזן אַ לאַנגע צייט אָפּצוהיטן, ער איז געוואַקסן און אויסגעזען פריש און לוסטיק און געווען פאַר יעדן איינעם אין באַראַק אַ טרייסט.

דאָס ייִנגעלע און פּיניע זענען ווי צוגעוואַקסן צו זיך. אין פּיניען האָט דאָס ייִנגעלע דערוועקט אַ גרויסן קוואַל פון ליבשאַפט. ער האָט געבענקט נאָך אים, אויפגעציטערט פאַר שרעק, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן די סכנות אויף וועלכע ער איז כסדר געווען אויסגעשטעלט. ער איז געוואָרן דעם ייִנגעלעס שומר און שפּייזער, אומגעדולדיק געוואַרט דער טאָג זאָל זיך ענדיקן, צו קאָנען ברענגען דעם קינד די יאַגדעס און ניס וואָס ער האָט געפונען אין וואַלד, געגעבן אים אַן אָפּגעשפּאָרט שטיקל ברויט און ווי אַ גרויסער געטרייער הונט קוקט ער ווי דאָס קינד עסט.

ביינאַכט, ווען אַלץ איז געווען שטיל, איז דאָס ייִנגעלע אַרויס

פון זיין לאָך ווו ער איז געלעגן איינגעקורטשעט אַ גאַנצן טאָג און אַרומגע־וואַנדערט איבערן באַראַק.

אַ צאַרטער שמייכל האָט צעלויכטן פיניעס פנים ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם יינגעלע, דערלאַנגט אים עפעס אַ גוטן ביסן וואָס ער האָט פאַר אים געקראָגן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן ווען ס׳יינגעלע איז געגאַנגען צו אַן אַנדערן. איין מאָל ביינאַכט, ווען אַלץ איז געווען רויק און שטיל און דאָס יינגעלע האָט געקאָנט אַרויסקריכן און זיין צווישן מענטשן, האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט איבערראַשט דעם באַראַק מיט אַ וויזיט. ווען ער איז אַריינגעקומען אין באַראַק מיט עטלעכע פון זיינע באַגלייטער, האָבן זיך אַלע אויפגעריסן. די דערשראָקענע יידן זענען גע־שטאַנען צעטומלטע און ווי פאַרגליווערטע. דאָס יינגעלע האָט זיך גע־פרווט באַהאַלטן אַרום פיניען וואָס האָט אים געוואָלט מיט זיך פאַרשטעלן, אָבער דער קאָמענדאַנט האָט עס דערזען. זיינע מוטנע אייגעלעך האָבן זיך צעפייערט. ער איז צוגעלאָפן צו פיניען, אים אַ שטויס געטאָן אין אַ זייט און זיך איינגעקוקט מיט נישטערנדיקע בליקן איבער די מענטשן אַרום און אויף דעם קינד, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. ער האָט אַרויס־געכאַפּט אַ גלאַנציקן, צאַצקעדיקן רעוואָלווער און פאַמעלעך, נישט איילנ־דיק זיך, געצילעוועט אויפן צעשראָקענעם יינגעלע. אין אַ קאָנווולסיע פון שרעק האָט דאָס יינגעלע געגומען וואַרפן זיך מיטן גאַנצן לייב. די קני זיינע זענען אונטערגעשפּרונגען, געוואָרפן זיך, אַנגעקלאַפּט זיך. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער טאַנצט.

דעם דיקן דייטשס צורה האָט זיך צעפלאַמט פון הנאה. ער האָט אויסגעפלאַצט אין אַ געלעכטער — טאַנץ יידעלע, טאַנץ! האָט ער גע־זאָגט מיט דעם אָנגעשטעלטן רעוואָלווער. אַ שטיקל צייט צוגעקוקט זיך ביז ער האָט אויסגעשאָסן.

דעם קינדס מיילעכל האָט זיך צעעפנט ברייט, אָבער קיין קול איז שוין דערפון נישט אַרויסגעקומען.

די עטלעכע דייטשן וואָס זענען אַריינגעקומען מיטן קאָמענדאַנט, האָבן אויף זיינס אַ באַפעל גענומען שלאָגן פיניען ביז ער איז אַנידערגע־פאַלן. דערנאָך האָט מען אים פאַרשפאַרט אין אַ פינצטער קאַמערל, ווו ער איז געווען טאָג און נאַכט אָן עסן און טרינקען.

ווען ס׳האָט זיך צו פיניען אומגעקערט דער באַוווסטזיין און זיין

מוח האָט געהאַט דעם כוח צו אַרבעטן, האָט ער ווידער פאַר זיך געזען דעם דיקן דייטש מיטן צאַצקעדיקן רעוואָלווער און דאָס יינגעלע וואָס שטייט פאַר אים, און ווי דעם קינדס פיס טאַנצן אונטער און זיין מויל וואַרט אַן אָפּנס אויף דער קויל פון רעוואָלווער. די זעונג האָט גאָר־נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון פּיניעס אויגן. אין דער שווערער פינצ־טערניש פון קעמערל, אין וועלכן ער איז געלעגן, האָט זי אַרויסגעלויכטן ווי עמעצער וואָלט מיט כוונה דאָס געטאָן צו מאַטערן אים און טרייבן אים פון זינען.

ס'איז אויסגעקומען פּיניען, אַז דער טייוול אַליין האָט פאַר־טראַכט די שפּיל מיט אים. פאַר פּיניען מיטן קינדישן ריינעם האַרץ איז געשטאַנען די העכסטע רשעות און געחוזקט פון אים. פּיניע האָט זיך גע־קאָרטשעט פון צער. ער האָט געבעטן אויף זיך די אויסלייזונג פון טויט. אין מינוטן פון צעפּייניקטקייט, פון יאוש, איז צו פּיניען געקומען דער גע־דאַנק פון נקמה. צוערשט האָט דער געדאַנק נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג, ווי דאָס געשעעניש וואָלט געווען טויזנט מאָל גרעסער ווי דער דיקער דייטש, אַ זאַך פאַר וועלכער ס'איז גאָר קיין שטראָף נישטאָ, וואָס קיין שום זאַך וועט נישט אויסקויפן. דאָס געפיל פון נקמה האָט אים אָבער אַלץ שטאַר־קער אָנגעצונדן. ס'איז אַריין ווי אַ פרעמד באַשעפעניש אין זיין אינגע־ווייד און פון דאָרט געוואָלדעוועט מיט באַנומענע קולות. ס'איז געקומען ווי אַ בונט קעגן זיין ביז איצטיקן וועג פון טראָגן, פון אָננעמען יסורים, פון ענטפערן מיט גוטס אויף שלעכטס, ווי אַ ווילדע חיה וואָלט זיך אַריינ־געשלייכט אין זיין האַרץ און דאָרט פאַרשפּרייט איר ברענענדיקן אָטעם און געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— נישט מער! נישט מער! אויסראָטן די רשעות! באַצאָלן מיט דער זעלבער מאָס!

אַ פּלאַן פון נקמה האָט אין אים אין דער פינצטערניש אויסגע־רייפט. ווען פּיניע איז געקומען צוריק אין באַראַק, האָט ער אַ פאַרשווי־גענער געגומען גרייטן זיך טאָן וואָס ער האָט אויסגעפּלאַנעוועט. ער איז געווען אונטערטעניק און געהאַרכזאַם. ער האָט זיך פאַרטייעט מיט זיינע בליקן, געזאַמלט כוחות, אַ פאַרשטאַרקטער געוואַרט ביז די שעה וועט קומען. ס'האָט גערוישט אין זיין בלוט טאָג און נאַכט: נקמה!

די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען אויסבאַהאַלטן

אַ האַק. ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט אָבער ער האָט דאָס באַ־וויזן, ער האָט די האַק פאַרוויקלט אין אַ שמאַטע און פאַרגראָבן אין אַ לאָך אונטער אַ בוים. די צייט פון וואַרטן איז געווען לאַנג און ער האָט אַ סך מאָל געהאַט אַ קאַמף מיט זיך ווען ס'האָט זיך אויפגעוועקט דער פריערדיקער פיניע און גענומען שטראָפן דעם איצטיקן:

— דאָס איז נישט דער וועג... נישט דערפאַר האָט דיך גאָט גע־שיקט אַהער... פאַרנעמסט זיך אויף אַ פאַלשן וועג, פיניע...

אַ פאַרציטערטער האָט פיניע געוואַרט גאָטס קול זאָל צו אים רעדן, זאָל אים זאָגן וואָס צו טאָן.

איין פרימאָרגן האָט מען צונויפגעזאַמלט די לאַגערניקעס און זיי געבראַכט צום עקזעקוציע־פּלאַץ, זיי זאָלן זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע פון איינעם פון זיי, וואָס האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. אין שטייפע רייען האָט מען געמוזט שטיין אַ לאַנגע צייט אויסגעשטרעקטע, זיך נישט אַ ריר טאָן. די דייטשן האָבן בשעת דער עקזעקוציע געפּייקלט און געשפּילט מוזיק. דערנאָך, אויפן צוריק, האָט מען אַלעמען פאַרבייגעפירט נאָענט צום פאַרפייניקטן ייד, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ בוים מיט צעשפּרייטע אָרעמס, נאָכדעם ווי ער איז געווען האַלב טויט פון קלעפּ. פון זיין מויל האָט גערונען בלוטיקע סלינע. די אויגן זענען אַרויס פון די לעכער. דאָס האָט דער קאָ־מענדאַנט פון לאַגער צוגעטראַכט. ער האָט ליב געהאַט עפּעס אַזוינס צוטראַכטן.

פיניע האָט צו זיך געזאָגט, אַז צו נאַכט וועט ער נעמען נקמה פון רשע.

דעם קאָמענדאַנטס וווינונג איז געשטאַנען מחוץ דעם שטעכיקן דראָט וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם לאַגער, אַ שיינע ווילע וואָס דער וואַלד־סוחר ר' זישע העשלס האָט אויסגעבויט פאַר געסט, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אין די זומערדיקע חדשים הנאה האָבן פון דער וואַלד־לופט.

ס'האָט גענומען אַ לאַנגע צייט דאָס צווואַרטן אויף דער מעגלעכ־קייט צוצוקומען אַהין, ס'איז פיניען געלונגען אויסבאַהאַלטן זיך אין וואַלד מחוץ דעם לאַגער.

שפּעט ביינאַכט איז פיניע געשטאַנען פאַר דער טיר פון קאָמענ־דאַנטס וווינונג. אַלץ איז דאָרט געווען שטיל, דער מינדסטער רעש האָט

זיך נישט אַנטפּלעקט פאַר פּיניעס וואַכע אויערן. פּיניע האָט געהאַלטן די האַק אונטער זיין דינעם, צעפליקטן בגד. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט ער נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

פּיניע האָט אַ טראַכט געטאָן אַז אויב דער דייטש שלאָפט און ער וועט אים הרגענען איידער ער וועקט זיך אויף, וועט ער בארויבט פון זיין נקמה. ער וויל דער דייטש זאָל זען די אויפגעהויבענע האַק. ער וויל זען דעם ציטער פון פחד אין דיקן דייטשס קליינע מוטנע אויגן. ער וויל ער זאָל זען ווי ער, פּיניע, איז געקומען אים באַצאָלן פאַר דעם יינגעלע וואָס ער האָט דערשאָסן, פאַר דעם פאַרפּייניקטן ייד, פאַר אַ סך פאַרפּייניקטע יידן. פּיניע האָט געטראַכט פון דער פרייד אין לאַגער ווען מען וועט געוווירע ווערן אַז מען איז פּטור געוואָרן פון דער ווילדער חיה.

פּיניע האָט זיך געשלייכט אויף די שפּיצפינגער דורך ליידיקע שטיבער, פאַרבייגעגאַנגען דאָס פאָדערצימער, אַריין מיט נאָך מער פאַרזיכט אין אַ צווייטן, געעפנט די טיר פון אַ ווייטערן צימער און דאָ איז ער איבעראַשט געוואָרן. אַנשטאָט פינצטערניש ווי ביז איצט האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף ליכטיקייט, וואָס איז געקומען פון אַ קליין נאַכטלעמפּל אויף אַ טישל ביים בעט, וווּ עמעצער איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ צודעק. ווען פּיניע איז אַריין אין צימער מיט דער האַק אין האַנט, איז דער דייטש אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און ס'איז געשען אַזוי ווי פּיניע האָט פאַרטראַכט...

פּיניע איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן רשע און געזען זיינע אויגן. זייערע בליקן האָבן זיך אַ רגע פאַרמאָסטן, אָבער די רגע האָט פּיניען עפּעס אַנדערש באַוויזן ווי דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. נישט שרעק האָט זיך באַוויזן אין די אויגן פון דייטש, נאָר אַ מאָמענטאַלע פאַרווונדערונג און תיכף דערנאָך אַ שאַרף קלאָר פייערל פון לויערונג, פון קאָנצענטראַציע, פון אָפּוואַרטן. אין דער קורצער רגע פון פאַרמעסט, האָט פּיניע פאַרשפּילט. פּיניע האָט באַדאַרפט באַלד אַ שפּרונג טאָן און מיט פּלוצעמדיקייט בייקומען דעם איבעראַשטן דייטש. אָבער פּיניע האָט געלאָזט דעם מאָמענט פאַרבייגיין... אפשר האָט פּיניע זיך אַ וואַקל געטאָן, געוואָרן אָפּגעשוואַכט, ווען ער האָט דערזען די חיה פאַר זיך און דערפילט איר סמיקן אָטעם. ס'איז געווען די אייביקע קין און הבל געשיכטע; דאָס אייביקע שלעכטס, דאָס שלעכטס וואָס איז

איינגעוואַרצלט אין עצם וועלט, וואָס לאַכט פון גוטן און דערשלאָגט עס...

אַ רגע פון כיטרען מאַנעווירן און דער דייטש האָט די האַק אַרויסגעשטויסן פון פּיניעס האַנט און אויף זיין אויסגעשריי זענען אַריינגעלאָפן צוויי זעלנער און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף פּיניען.

דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט אַ ווייל געקוקט אויף פּיניען ווען די זעלנער האָבן געהאַלטן ביי די אָרעמס און זיינע מוטנע אייגעלעך האָבן זיך צעזשאַרעט. ער האָט אָנגעהויבן לאַכן. דער קאָרק איז ביי אים אָנגעשוואָלן געוואָרן און זיין גאַנץ פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט:

— מ׳וועט דיך מאָרגן קרייציקן ווי דיין יעזוס, דו פאַרדאַמטער יודע!

*

פּיניע איז געלעגן די לעצטע עטלעכע שעהן אין אַ געפענגעניש קעמערל און געוואַרט אויפן פרימאָרגן וואָס וועט אים ברענגען דעם סוף. ער האָט געוואָלט די צייט זאָל פאַריבער וואָס גיכער. אַ פּוסטקייט און אַ שווערקייט האָבן זיך באַזעצט ביי אים אין האַרצן און אַ גרויסע צעמישטקייט. אין די טיפענישן איז ביי אים געווען אַ גרויסער פּיין. ער האָט געוואַרט אויף עפּעס, צוגעהערט זיך ווי ער וואָלט געוואַרט צו דערהערן עפּעס. ער איז געווען טויט מיד און געוואָלט רו. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דער שלאָף איז באַלד צו אים געקומען. אָבער דער שלאָף האָט נישט געבראַכט קיין פאַרגעסעניש. ס׳איז געווען אַן אַראָפּגידערן אין די טיפענישן און ווייטער זוכן.

ער האָט געהאַט אַ חלום:

אין חלום איז ער געווען ווידער אַ יינגל. ער גייט איבערן דאָרפישן וועג פאַרנאַכט זיך אָפּבאָדן אין טייכל, אַזוי ווי ער איז יינגלווייז נישט איין מאָל געגאַנגען מיטן טאַטן ערב שבת... דורכן וואַלד איז געלאָפן אַ טייכל, נישט געלאָפן גלייך, נאָר זיך געדרייט און באַהאַלטן און ווידער זיך באַוויזן. אין איין אָרט איז געווען אַ טיפע אויסהוילונג אין וואַלדיקן באָדן. דער טייך האָט דאָרט געשאַפן אַ סאַזשעלקע ווו מ׳האָט געקאָנט זיך אָפּבאָדן און כאַפּן אַ שווים אַהין און צוריק, ווייל דער שטח איז געווען אַ קליינער. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ מחיהדיקע קילקייט. דאָס וואַסער איז געווען אייז־קאַלט. אַז מ׳איז אַריין, האָט מען געכאַפּט אַ ציטער, אָבער דערנאָך האָט מען דערפילט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט איבערן גאַנצן לייב.

אַז ס׳האָט זיך גאָר נישט געוואָלט אַרויס פון וואַסער. דאָרט האָט זיך פּיניע נישט איין פּאַרנאַכט געבאָדן מיטן טאַטן. אַ סך מאָל האָט דער טאַטע זיך שוין אָנגעטאָן און ער האָט זיך נאָך געפּליושקעט און באַוויזן קונצן און דער טאַטע האָט אויף אים געשריגן אַז ס׳ווערט שפּעט, ער זאָל שוין אַרויסקומען.

ער איז איצט געגאַנגען מיטן וועג צום וואַלדיקן טייכל, און כאָטש ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער און אין איין גרייס מיטן פֿאָטער, האָט ער זיך געפילט ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ ייִנגל... דער פֿאָטער האָט אויסגעזען ווי אין זיינע ייִנגלשע יאָרן ווען פּיניע האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט ביי יעדער אַרבעט און אים אין אַלץ געוואָלט העלפֿן. דער פֿאָטער איז געווען שטאַרק אויפגעלעבט. ער האָט געשפּאַנט מיט גיכע טריט, ממש געלאָפן און פּיניע האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען מיט אים אָנצוהאַלטן. ער האָט נישט געוווסט וואָס דער פֿאָטער איילט זיך אַזוי און דער פֿאָטער האָט נישט געענטפערט ווען ער האָט אים געפרעגט. אָבער פּיניע האָט געוווסט, אַז כאָטש זיי גייען צום טייך, גייט מען זיך נישט באָדן. דעם פֿאָטערס באָרד איז געווען צעווייעט ווי פון אַ שטאַרקן ווינט און די אויגן זיינע זענען געווען ווייט צעעפנטע, צעשיינטע און ער האָט געשמייכלט פון עפּעס מיט גרויס הנאה, אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד אַריין ווי זיין שטייגער און פּיניען צוגעוואָרפן אַ קוק, ווי וועלנדיק אויסגעפינען צי פּיניע ווייסט פון וואָס ער שמייכלט.

אָבער פּיניע האָט נישט געוווסט, ער איז געווען שטאַרק נייגעריק צו וויסן פון וואָס דער פֿאָטער שמייכלט און פאַרוואָס ער יאָגט זיך אַזוי מיט אַזאַ יאָגעניש, אַז ביי פּיניען האָט אויסגעפעלט אָטעם און ס׳האָט אים באַגאַסן אַן אַנגסט־שווייס. דער פֿאָטער האָט געיאָגט, געפלויגן און פּיניע האָט אים קוים געקאָנט נאָכיאָגן. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין וואַלד און דער פֿאָטער האָט צעשפּיליעט דעם קאָלנער און געעפנט די ברוסט זיך אָפּצוקילן, האָט ער זיך צוגעבויגן צו פּיניען און אים אַריינגעשושקעט עפּעס אין אויער. פּיניע האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס וווּנדער... ס׳איז געוואָרן אַזוי גוט אויפן האַרצן... פּלוצעם האָט זיך אויפגעריסן אַ שטאַרקער ווינט ווי עס טרעפט אין אַ זומערדיקן טאָג, ס׳זענען אָנגעלאָפן וואָלקנס, ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קעלט און איידער ס׳איז צייט געווען זיך אומצוקוקן, האָט שוין געדונערט און געבליצט און ס׳האָט געגאָסן אַ שלאַקסרעגן.

פיניע האָט אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן לייב און דאָ האָט זיך פּיניעס חלום איבערגעריסן.

פיניע האָט זיך אויפגעוועקט פון דער קעלט און נעץ וואָס האָט אים דורכגענומען אין זיין תפיסה־קעמערל ווו ער האָט געחלומט אין די לעצטע שעהן פון זיין לעבן...

ער האָט זיך געמאַטערט דערמאָנען אין פאָטערס שמייכל, אין דעם סוד וואָס ער האָט אים איינגערוימט... ער האָט ווידער דערזען זיין שמייכל און ס׳איז גוט געווען, ער האָט געפילט צער, אָבער ער איז געווען דער־הויבן פון דער פאַרשטענדעניש, וואָס קומט פון דער נאָענטקייט פון טויט. ער האָט געגאַרט מיט זיין גאַנצער נשמה נאָכן גרויסן ליכט, וואָס האָט פאַר אים אַמאָל אויפגעלויכטן ווען גאָט איז געווען נאָענט... ס׳ווערט קלאָרער, קלאָרער אַלץ... דאָרט וואַרט דער פאָטער, ער וועט אים אָננעמען ביי דער האַנט, אים אַריינקוקן אין די אויגן מיט זיין גוטן שמייכל. פיניע וואַרט מיט דערהויבענער רויקייט, ער קומט פאַר גאָט אַ ריינער, אַ געלייטערטער...

אַ פעלד און אַ פייגלשרעקער

(אַ פאַנטאַזיע)

כ'האָב פאַרמישט אַ שיסל קלייען מיט וואַסער און עס אַרויס־געטראָגן פאַר די קאַטשקעס. (איך האָב געאַרבעט אויף אַ קליינער פאַרם אין לאָנג־איילענד). כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי מען פלעגט זיי ביי אונדז אין דאָרף צוזאַמענרופן, האָב איך אָנגעהויבן צו רופן: טאַש־טאַש־טאַש. העי, אַמעריקאַנער קאַטשקעס, האָב איך צו זיי געזאָגט, פאַרשטייט איר די שפּראַך פון גאַליציאַנער? אָבער די שפּראַך פון שיסל פאַרשטייען אַפּנים אַלע קאַטשקעס, ווייל איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אַוועקצושטעלן די שיסל אויף דער ערד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לויפן, וויגנדיק זיך אויף די רויטע, קורצע פיסלעך באַצויגן מיט הייטלעך, מיט אויסגעשטרעקטע גע־עפנטע שנאָבלען, שטויסנדיק איינע די אַנדערע. כ'בין געשטאַנען און געקוקט אַ וויל, ווי זיי כאַפּן מיט די צעפלעטשטע שנאָבלען אַ פול מויל עסן, הייבן אויף די קעפּ, זיי זאָלן עס קאָנען לייכטער אַראָפּשלינ־גען און נעמען זיך אויפסניי מיט גרויס האַסטיקייט צו דער מלאכה, און אַלע מאָל גייען זיי צו צו דער קאַן וואַסער אָפּשווענקען דאָס עס־געצייג — און צוריק צו דער שיסל. די באַרימטע לאָנג־איילענדער, שווערע, פעטע, קאַטשקעס. די הינדלעך וואָס האָבן ביי זיי געפּרווט אַ נאַש טאָן פון דער שיסל, האָבן זיי פאַראַכטנדיק מיט די זייטן אָפּגעשטויסן.

פאַרטיק געוואָרן מיט די קאַטשקעס, בין איך אַריין אין שטאַל, אַרויפגעלייגט דער קו אַ שטריק אַרום די הערנער, זי אַרויסגעפירט און צוגעבונדן צו אַ בוים, זי זאָל זיך פּאַשען. דערנאָך בין איך אַריין עסן וועטשערע. דער פאַרמער איז געווען אַ שווייגנדיקער און געגעסן כאַפּנ־דיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. דאָס ווייב האָט אויסגעזען אָנגעברוגזט, נאָכן עסן האָב איך מיטן פאַרמער געשניטן גראָז.

— שניידסט נישקשה — האָט מיר דער „באָס" געמאַכט אַ קאָמ־פּלימענט.

— כ׳וועל זיך הייסן געבן אַ העכערונג — האָב איך געענטפערט אין שפּאַס — אויב איך בין אַזוי גוט.

דער פאַרמער האָט אַ לאַך געטאָן.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט ער געזאָגט: — געגנוג אויף היינט — און איז אַוועק אין שטוב. איך האָב זיך פאַרנומען מיט דער סטשושקע אין וועלדל, וואָס לעבן הויז.

די זון האָט זיך שוין געזעצט. צוויי ראָזיקע פּאַסן וואָלקנס האָבן זיך צעלייגט איבער דעם טיף־בלויען הימל — ווי צוויי ריזיקע פּעכערס. די לופט איז געווען אָנגעפּילט מיט ריחות. אַרויסגעקומען בין איך צווישן די ביימער אויף אַ לאָנקע אַרומגערינגלט מיט וואַלד. אַרויסקומענדיק פון טונקעלן וועלדל, בין איך פאַרבליפט געוואָרן פון דעם פייערדיקגליענדיקן הימל. דאָס שטיקל אָפּן פעלד, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דער אָפּשיין פון פלאַקערדיקן הימל, האָט אויסגעזען ווי אַ סודותדיקע ווּיספּע אין דעם שוואַרצן ים פון וועלדער. וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם טיפסטן רושם, איז געווען די גרויסע שטילקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט. (מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז איך בין ערשט געקומען פון דער קיינמאָל נישט רוענדיקער שטאָט). איך בין געגאַנגען מיט דער סטעזשקע צווישן הויכן גראָז. דאָס שטיקל פעלד איז נישט געווען פלאַך, ס׳האָט זיך געהויבן אַרויף זייער שאַרף... אַראָפּגייענדיק פון דער משופּעדיקייט בין איך געקומען צו אַ ברייט, פלאַך שטיק צעאַקערט פעלד. ס׳האָט אויסגעזען ערשט נישט לאַנג פאַרזייט, מ׳האָט נאָך געקאָנט זען די סקיבעס, וואָס דער אַקעראייזן האָט אָפּגעוואָרפן. די יונגע שפּראָצן האָבן זיי שוין באַדעקט ווי אַ הויך.

ווי פאַרוווּנדערט בין איך געוואָרן, דערזעענדיק אַ מענטש אין מיטן פעלד. ניין, ס׳איז נישט קיין טעות, עס שטייט אַ מענטש אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן. אפשר איז דער פאַרמער אַרויס אַ קוק טאָן אויף זיין פעלד. אָבער ער שטייט אַזוי ווי צוגענאָגלט און די הענט צעשפּרייט. מען דאַרף אַ קוק טאָן! ווי נעבעכדיק און נישטיק עס זעט אויס די קליינע מענטשלעכע פיגור אַקעגן דעם גרויסן פלאַמענדיקן הימל!

וואָס נענטער איך בין צוגעקומען איז מיר אַלץ אומהיימלעכער געוואָרן. ווי אומבאַוועגלעך ער שטייט עס; גיט זיך נישט קיין ריר... כאַכאַ־כאַ, האָב איך זיך צעלאַכט, אוי, בין איך אַ גרינער, ס׳איז דאָך

אַ פייגלשרעקער! ווי מען האָט עס אים אויסגעפוצט, ווי אַ גאַנצן חתן־בחור. אפילו בייטאָג וואָלט מען אים לייכט געקאָנט אָננעמען, פון דער ווייטנס, פאַר אַ לעבעדיקן מענטש. איך האָב אים גענומען באַטראַכטן פון אַלע זייטן.

די שטעקנס, אויף וועלכע דער פייגלשרעקער איז געווען אויפֿגעשטעלט, האָט מען נישט אָנגעזען. ער האָט געהאָט אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ, אַן אַלטן צעריסענעם ראָק, אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַריינגעשטעקט אין צעלעכערטע וואַלענע שטיוול, איין פוס אַ ביסל ווייטער פון צווייטן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט לאָזן גיין. פון איין אַרבל האָט אַרויסגעשטעקט אַ גרויסע שמאַטע. די קינדער האָבן עס אים אַזוי געמוזט פאַרפיצן און ווי יידישלעך ער זעט דאָס אויס. ווי אַן אונדזערער, אַ דאַרפסיונג, וואָס לאָזט זיך אַרויס אין דאָרף אייננהאַנדלען מציאות, דער קאַשקעט פאַררוקט איבערן אויער מיט אַ וואָיליונגערישן שמייכל: ער וועט זיי אָנפייפן די נאַרישע כאַמולעס. די צעשפּרייטע הענט און דער אויסגעשטרעקטער פוס האָבן געמאַכט דעם רושם: אָט לאָזט ער זיך גיין. איך האָב זיך אָנגערופן אין שפּאַס:

— העי, פייגלשרעקער, וואָלסט זיך מחיה געווען ווען דו קאָנסט שטעלן פיס.

— כ׳על אייביק נישט שטיין — האָב איך פּלוצעם דערהערט אַ בייזן מרוק.

אַז איך האָב דערהערט, אַז דער פייגלשרעקער קאָן רעדן, האָב איך זיך מיט אים צערעדט:

— אַזוי גאָר, ביסטו דאָך אַ יונג מיט ביינער, נישט קיין סטראָשידלע צו שרעקן פייגל. און ווי־זשע הייסטו?

— יאָסל, הייס איך.

— זאָגסטו, הייסט עס, אַז דו וועסט אייביק נישט שטיין?

ער האָט בייז אַ ברום געטאָן:

— כ׳על אייביק נישט שטיין. כ׳הייב זיך אויף און גיי אַוועק.

— אוודאי ס׳קאָן דאָך נמאס ווערן אַזוי שטיין אויף אַן אָרט איינער אַליין.

— נו, מ׳קאָן דאָך נישט איבערלאָזן אַ פעלד אויף הפקר — האָט יאָסל געזאָגט.

— אַזוי גאָר — האָב איך חוזק געמאַכט — ביסט נאָך אַ וועלט־פאַרזאָרגער אויך.

— וואָס דען מיינסטו — האָט יאָסל געזאָגט בייז — אַ הפקר־יונג בין איך? מען קאָן עפּעס איבערלאָזן אַ פעלד אויף הפקר? שאַ, איכ׳ל דיר עפּעס זאָגן — האָט יאָסל אַ שמייכל געטאָן — אויף די פייגל איז מיר אויך אַ רחמנות. איך לאָז זיי אַ ביסל אַ נאַש טאָן און דערנאָך גיב איך אַ פּאַך מיט די הענט: האַידאַ אין וואַלד אַריין. עס איז דאָרט דאָ גענוג פאַר אייך.

— איך זע, יאָסל, אַז דו גיסט גוט אַכטונג. די תבואה וואַקסט שוין נישקשה.

— ס׳איז קוקורוזע, נאַר איינער. לאָז זי נאָר נאָך אַ ביסל אַ וואַקס טאָן און איך היט נישט מער, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן. איך הייב זיך אויף און לאָז זיך אין דער וועלט אַריין.

— העי, העי, יאָסל, האָב איך געשפּעט — דו הייבסט זיך אויף און גייסט אין דער וועלט אַריין, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן. —

— לאַך נישט, נאַר איינער, — איך הייב זיך אויף און לאָז זיך אין דער וועלט אַריין. איך בין נישט מחויב דאָ אייביק שטיין און היטן.

— אוודאי, אוודאי, האָב־זשע מיר אַ גוטע נאַכט, יאָסל, איך וועל דיך קומען זען מאָרגן און טאָמער לאָזטו זיך דערווייל אין דער וועלט אַריין, גיב איר אָפּ אַ פיינעם גרוס פון מיר, דער וועלט. איך וועל זיך אויך באַלד לאָזן אין דער וועלט אַריין. איך בין שוין מיד פון טאָפּטשען אויף איין אָרט. וואָס קומט אַרויס? מ׳פאַרלירט נאָר די כוחות.

— דו — האָט יאָסל אַ הויב געטאָן מיט אַן אַקסל — דו ביסט אַ שלימזלניק.

— יאָ, זאָגסט אמת, יאָסל, איך בין אַ שלימזלניק.

— אַ גוטע נאַכט, יאָסל.

די וואַלקנס האָבן אויסגעברענט, געוואָרן אַש. אין עק האָריזאָנט איז נאָך געשטאַנען אַן אָראַנזשענער וואָלקן, ווי אַ גרויסער בער. די זייט צו וועלכער איך האָב זיך אויסגעדרייט אַהיימצוגיין, האָט געשעמער־רירט גרינלעך ווי אַ טורקוסשטיין. איך האָב זיך נאָך עטלעכע מאָל אומ־געקוקט אויף יאָסלען. ער איז קלענער געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף דער ערד.

אינהאַלט:

1)	אַליין	11 — 31
2)	אין די וועלדער	32 — 55
3)	ר׳ שלום דער מלמד	56 — 65
4)	נאָטע	66 — 71
5)	צוויי ברידער	72 — 82
6)	צוליב עני׳ן	83 — 89
8)	האָטעל עלמספאָרד	98 — 115
7)	זי וואָרט	90 — 97
9)	זיי האָבן געשפּילט שאָך	116 — 122
10)	אויף דער עלטער	123 — 142
11)	פעי׳ס אַהיימקומען	143 — 148
12)	דער טאָג פון שטראָף	149 — 168
13)	צוויי פריינט	169 — 173
14)	די חיה	174 — 178
15)	ניי־יאָר נאָכט	179 — 201
16)	אַנטפּלעקונג	202 — 210
17)	אין וואַלד־לאַגער	211 — 236
18)	אַ פעלד און אַ פייגלשרעקער	237 — 240

איבערזעצונג פון ענגלישע ווערטער

איסט־סייד (מזרח־זייט)		אַ יידישע געגנט אין ניו־יאָרק
אָל־רייט	—	ס'איז גוט, ס'איז רעכט
אקאמטענט	—	דירה
אַפּאַרטאַמענט	—	רעכנונגס־פירער
אָפיס־באָי	—	שיק־ייִנגל אין אַ ביוראָ
באָי־פרענד	—	ליבהאָבער
באָם	—	אַגעפּאַלענער מענטש
באָס	—	באַלעבאָס
בוקקיפּערין	—	בוכהאַלטערין
בום	—	צייט פון גוטע געשעפטן
ביידינג־סוטס	—	באָד־קאָסטיומען
ביזנעס	—	געשעפט
ביטש	—	ים־ברעג
ביל	—	חשבון
ברעד־לאַין	—	שטיין אין ריי נאָך ברויט
דריינודס	—	גאַלאַנטעריע־קרעמל
דזשאב	—	שטעלע
האַו דו יו דו	—	וואָס מאַכט איר?
היי־סקול	—	מיטל־שול
הייקס	—	אַרויספאָר, אויספלוג
העי־ראַיד	—	אַן אַרויספאָר מיט היי־וואָגן
וואַט דו יו וואַנט	—	וואָס ווילט איר?
וויעלעדזש	—	דאָרף, אויך אַ געגנט פון קינסטלער אין ניו־יאָרק
טרעמפּ	—	וואָגאַבונד
לאָיער	—	אַדוואָקאַט

לענדלאָרד — הויז־אייגנטימער

מאשין — אויטאָ

מענעדזשער — פאַרוואַלטער

נא־מאר — נישט מער

ניומאניע — לונגען אָנצינדונג

סטאקס — בירזשע אַקציעס

סלעק — צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט

סיילעסמאַן — פאַרטרעטער פון אַ געשעפט

ענדשאיע דיך — האָב פאַרגעניגן

פּאַ — טאַטע

פּאָבליק לייברערי — עפנטלעכע ביבליאָטעק

פּליז — איך בעט אייך

פּעי — שכירות

פּרייוועט — פּריוואַט

פּור טינג — אַ נעבעך

קאונטרי — דאָרף געגנט צום לאַנד

קאם אן — קומט שוין

קידנעפּינג־קייס — קינדער־כאַפּונג צוליב אויסלייז־געלט

קריסטמעס — ווייַנאַכטן

רענט — דירה־געלט

שאו — פאָרשטעלונג

שאוער — שפּריץ

שיפּינג־קלוירק — אַ פּאַקער אין אַ פאַבריק

סטאק אין הים — ער האָט די פעיקייטן

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטר פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבןביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
אַ. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)

מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האפּער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאָגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א סיצקעווער	אַאַזיס
אירגון יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ל. אָליצקי	מיין הארץ־רייזע
נ. דרוזדוב	די יידן אין איטאַליע
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מרדכי יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ספר ורבבל	(צו זיין 75־טן געבוירנטאָג)
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
י. גאָר	ווידערקלאַנגען
ב. עפשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
מרים ריינעס־מעלצער	צום קוואל
א. שטיינבאָרג	משלים

פון דעם זעלבן מחבר דערשינען:

ע. פערשלייסער — דערציילונגען, ניו־יאָרק, 1938

״ אויף שרייבערישע שליאַכן, ניו־יאָרק, 1958